686

[illegible]

2550

י. י. פרידמאן'ס

מעשה'לאך

א זאמלונג פון לעגענדען איבער ביידע וועלטען

דער שילער קלוב
פון דער טאראנטער
נאציאנאל-ראדיקאלע שולע

659

פרייז 10 סענט

מיט פארטא 12 סענט.

ניו יארק, 1904.

LIBRARY
AUG 1 9 1999
UNIVERSITY OF TORONTO

2550

* * *

עפענסט אויף דאָס ·אויגעלע,
ס'קאַפּעט באלד א טרעהר ;
וויינען קענסטו פויגעלע,
וויינען און ניט מעהר...

דער נביא·

און ער שטעהט דער אלטער נביא, געבויגען און געבראָכען, זיין גרויען קאָפּ האלט ער אראָבגעלאָזען אויף זיין ברוסט, און פון זיינע גרויסע אויגען קאַפּעט אראָב א געדיכטער טרעהר, גליטשט זיך איבער זיינע בלייכע, צו־קנייטשטע באקען, און פערלירט זיך צווישען די לאנגע, זיידענע פעדים פון זיין שנעע-ווייסען באָרד.

און ער זיפצט דער נביא, זיפצט ביטערליך; זיין גאנצע הארץ האָט ער אויסגעזאָגט, גאָטעס וואָרט האָט ער ערנסט און פייערליך ארויסגערעדט, און זיי, די שלעכטע מענשען, האָבען איהם אויסגעשפּאָט און אויסגעלאכט.

נאָך איינס וועט ער פּרובירען; א משל וועט ער זיי זאָגען, א מעשה'לע דערצעהלען—דערויף וועלען זיך געפינען בעלנים...

און הויך הויבט דער נביא אויף זיין גרויען קאָפּ און מיט דיא כחות פון א יונגען מאן רופט ער אויס:

— הערט צו איר מענשען קינדער! ניט מעהר וועט איר פון מיר מוסר הע־רען—איר בעסערט אייך דערפון ניט; גאָטעס פאקעל וועט מעהר אין מיין האנד ניט שיינען—איהר ליכט איז פאר אייך בלענדענד; גאָטעס וואָרט פער־שטומט — איר ווילט איהם דאָך ניט הערען, דערפאר וועל איך אייך פון יעצט אָן מעשות דערצעהלען; מעשות ניט געשטויגען ניט געפלויגען, דאָס ווילט איהר, הא?...

און פון מזרח און פון מערב, פון דרום און פון צפון נעהמען זיך שיטען מענשען; גרויס און קליין, רייך און אָרים, קרומע, לאָמע שלעפּען זיך אויף די קוליעס, און מוטערס מיט יונגע קינ־

דער אויף דיא הענד קומען פון אלע זייטען; אלע, אלע ווילען הערען דעם נביא, און עס סוד'ען זיך די פערזאמעלטע אין דער שטיל:

„דער נביא איז צום שכל געקומען; א מעשה וועט ער דערצעהלען".

און געדיכטער, געדיכטער ווערט די מאַסע ארום דעם נביא; ענגער און ענגער ווערט דיא מענשענקייט ארום דעם געטליכען מאן, וועלכער געהט א מעשה דערצעהלען און אלעמעס טיילער זיינען ברייט געעפענט, און אלעמעס אויערן אויסגעשטעלט.

דער נביא הויבט אויף די אויגען און קוקט און שטוינט; אזוי פיל? ווי די זאמד פון ים!...

און דער געטליכער מאן טוט א גלעט זיין לאנגען באָרד און הויבט אָן זיין ערציילונג:

„א הויכער, שלאנקער יונגער מאן, האט זיך אין א מיידעל פערליבט".

דער עולם ווערט נייגיעריג, און דער נביא דערצעהלט ווייטער:

„און שעהן איז די מיידעל געוועזען ווי שולמית; א גלאטען שטערן האָט זי געהאט און לאנגע לאָקען, בעקעלאך ווי רויזען, אויגעלאָך—פייער פלאם, ליפעלאך—פערל־שנירלאך, א העלזעלע ווי אלבאסטער, און א פולען בוזים וואָס ווי א וועלכעלע פון ים האָט ער זיך אויפגעהויבען און אראבגעלאָזען".

דער עולם ווערט אלץ גרעבער, און דיא אינטערעסע שטארקער; הונדערטע אויגען בליקען ליידענשאַפטליך אויפ'ן נביא, און הונדערטע אויערן זיינען אָנגעשטרענגט ניט צו פערלירען א זילבע פון זיינע ווערטער.

און דער נביא רעט ווייטער:

„און אויך די שעהנע מיידעל האָט פערליבט זיך אינ'ם שלאנקען יונגען מאן און זייער ליבע איז געוועזען הייליג, געטליך, ווי געליבטע שווערען...

„און געצווינגען האָט זיך די ליבע זייערע דורך העלע, שיינענדיגע זומער־אבענדען און דורך־לאנגע, בע'לבנה'טע ווינטער נעכט; דער ווינד האָט זייערע קושען פערטראָגען, און די לופט האָט זייערע סודות געהערט.

„געענדיגט האָט זיך זייער ליבע מיט—א חתונה".

דער עולם מאכט א זויערע מינע; שוין אזוי שנעל א חתונה?... ניט דאָס האָבען זיי ערוואַרטעט.

דער נביא בעמערקט דיא אונצופרידענהייט, און רופט אויס:

„דאן איז די טראגעדיע געשעהן.

„חתונה איז געוועזען, כלי זמרים האָבען געשפּילט, פאַרלאך האָבען געטאנצט, און מחותנים האָבען זיך אונטערהאלטען, חתן־כלה אויפ'ן זיבעטען הימעל געוועזען, ענדליך, ענדליך...

„און אין דער פריה ווען די מיי־

דעל'ס פאטער, האט געזעהן אז די פער־
הייראטע פארעל שלאפט צו שפעט, איז
ער צוגעגאנגען צו די טיהר פון זייער
צימער און אנגעקלאפט:

„שטעהט אויף קינדער, ס'איז
שפעט!"

„אבער שטיל, קיין קול הערט זיך
ניט.

„דער אלטער פאטער ווערט אונ־
רוהיג. עפעס האט דא געמוזט פאסי־
רען".

אונטער דעם עולם איז א טומעל
געווארען. אלע האבען זיך פעראינטע־
רעסירט, און יעדער האט געפרופט טרע־
פען, וואס מיט דיא יונגע פאר איז גע־
שעהן.

געזאגט האט מען אז ניט גוטע הא־
בען זיך דא מסתמא אריינגעמישט און
א שפיצעל אבגעטאהן; געזאגט האט
מען אז די יונגע ווייבעל איז געפאנגען
געווארען פון אן אנדער געליבטען איה־
רען וועלכער האט דעם מאן ערמארדעט
—עס האבען זיך שוין עדות געפונען צו
שווערען אז מען האט מיט א פרעמדען
יונגען מאן די ווייבעל געזעהן א נאכט
פאר דער חופה. געזאגט האט מען—
וואס ניט? דער נביא זעהט די אינטע־
רעסע און דערצעהלט ווייטער:

„און אז דער פאטער האט צום
צווייטען און צום דריטען מאהל גע־
קלאפט, און קיין ענטפער אלץ ניט גע־
קראגען, איז ער א דערשראקענער גע־
ווארען, און האט די טיהר אויסגעזעצט.
א טויט שרעק איז איהם בעפאלען. דער
צימער איז ליידיג געווען. קיין שפור,
קיין צייכען פון לעבעדיגע מענשען.

„און א וועה־געשריי און א הערצ־
רייסענדער יאמער האט אויסגעבראכען
אין גאנצען הויז, ביז ענדליך..."

דער עולם שטעהט ווי אויף שפיל־
קעס, עס הערט זיך קיין אטעם.

„און ענדליך" זאגט ווייטער דער
נביא „האט מען די לאנגע לאקען ענ־
דעקט, וואס האבען די כלה'ס קאפ פער־
צירט, און מען האט אלעס פערשטאנען
—די פערליבטע פאר גרויס ליבשאפט
און אייפערזוכט אז קיינער פון זיי זאל
קיין מאל צו קיין אנדערן געהערען, הא־
בען זיך איינער דעם צווייטען אויפגע־
געסען"...

א געשריי פון ערשטוינען און אפשר
אויך פון צווייפעל, האט זיך ארויסגעריי־
סען פון אלעמעם ליפען.

„איר וואונדערט אייך?" האט דער
נביא צוהיצט געשריען „איר זייט אי־
בערראשט, ערשטוינט; עס שיינט אייך
אונמעגליך צו זיין דאס זאל פאסירען?
זייט ווייסען, אז א גאנצען לעבען האב
איך אין די פאכירונג פערוויקעלט! איך
האב א קורצען בילד געגעבען פון אייער
לעבען, ליבען און געניסען, ווי עס הווי־
בען זיך אן ביי אייך צו ענטוויקלען אלע

תאוות, וויא זיי געהען ווייטער, און מיט וואס זיי ענדיגען זיך! געהט דען ניט אוועק אייער גאנצער לעבען, אין איי־פערזוכט און אינטריגען וואס פערצעה־רען אייך און גריזשען אייער מארך און זאפט, אייער לעבען און קראפט? וואס הייסט ביי אייך ליבע, ווען ניט אויס־זויגען די לעבענס־זאפט פון יוגענד, אונ־שולד און תמימות, און אויף דעם ארט

איבערלאזען א ברענענדע, פערגיפטע־טע וואונד? וואס הייסט ביי אייך לע־בען, ווען ניט דער רויש, דער קאך אין וועלכען איר פערלירט זיך און פערטור־מעלט אייערע מוחות? וואס הייסען ביי אייך געפיהלען, ווען ניט דיא געמיינע טהירישע ליידענשאפטען? וואס הייסט ביי אייך הייליגקייט און עהרע, ווען ניט דער זומפף פון שמוטץ און שאנדע אין וועלכען איר זייט פערזונקען? און

וואס בלייבט אייך איבער פון דאס אלעס, ווען ניט הויט און ביינער, ניט קיין נשמה און ניט קיין קערפער? א מאל פלעגט דער טייפעל נור נשמות רויבען, און היינט איז ער מיט'ן קער־פער צופרידען...

„און טאמער איז אייך דער גיהנום דארט אויף יענער וועלט, וויינינג געווען, האט איהר זיך דא אויף א גיהנום בע־שאפען; א גיהנום מיט אייגענע פייער, אייגענע קרבנות, און אייגענע טייפ־לען"...

דער נביא האט געמוזט אויפהערען ריידען אויף א מינוט זיין אטעם צו כאַ־פען, און ווען ער האט זיך ארומגעקוקט איז שוין פון דעם גאנצען עולם קיין איי־נער ניט געבליבען...

טויט־שטיל. נור דעם נביא'ס זיפץ, קלינגט אב טרויעריג און הערצרייי־סענד...

פון גיהנום

1.

צוויי שוועסטער

א צווילינג זיינען זיי געווען, מי־נעלע און מירעלע; צוזאמען געבארען און צוזאמען פערלארען.

איין מוטער הארץ האט זיי געטראגען און געווארימט, פון די זעלבע ברוסט האבען זיי געזויגען און פון די זעלבע

ליפען זיינען זיי צערטליך געקושט גע־ווארען.

צוזאמען האבען זיי אין צייכען געשפילט און קוגעלאך פון זאמד גע־מאכט; צוזאמען האבען זיי מזרחים גענעהט און פרוכת'ן געשטריקט.

ביידענס קליידעלאך זיינען צוגליך קורץ געווארען און די יאקעלאך ענג.

זיי האָבען אין איין צייט חתונה געהאט.

און אין איין צייט האָבען זיי קינדערלאך געטראָגען, געבאָרען און געזויגען. אין איין צייט זיינען זיי אלט געוואָרען און האָבען פאר זיך תכריכים גענעהט, און אין איין צייט זיינען זיי אויסגעשטאָרבען.

אָבער אויף דעם עולם האמת האָט מען זיי פונאנדערגעשיידט.

דער שטן האָט מעגליך אויף מירעלען א בייז אויג געהאט און אפשר האָט מינעלע ביי מיכאל'ן בעסער אויסגענומען. אבי מירעלען האָט מען אין גיהנום פערפאקט, און פאר מינעלען האָט מען א שעהנעם אָרט אין גן עדן צוגעגרייט.

ווען מינעלעם אלטע אויגען האָבען זיך צוריק געעפענט, און איהר נשמה האָט זיך אבגעפרישט און איז יונג געוואָרען, איז זיא נשתומם געווען קוקענדיג אויף אלעס וואָס ארום איהר האָט זיך איינגעפונען. א העלער צימער האָט געפינקעלט און געשיינט. פרעכטיגע כלים און מעבעל האָבען דעם צימער אָנגעפילט. וואו איהר בליק איז נור געפאלען האָבען רובינען געגלאנצט, דימאנטען געבלישצעט און פערל געשיינט. ארום איהר האָט געהערשט אזא געטליכע הייליגקייט. שא — שטיל, אלעס האָט ווי געציטערט און געפלאטערט אויפצוהויבען א הויך קול, מינעלען ניט צו שטערען.

וואָלט מינעלע אָן איהר שוועסטער זיך דערמאָהנט, ווי זי ווערט געמוטשעט און געפלאגט אין גיהנום, וואָלט זי אפשר א קלעהר געטהאָן, פאר וואָס קומט דאָס איהר אזא גליק, און איהר שוועסטער אזוי פיעל צרות?... וואָלט פאר מינעלע'ס אויגען א שוועב געטאָהן מירעלע'ס בילד, פער'חשך'ט און פער'צרה'ט ווי זי איז, וואָלט אפשר א מחשבה אריין אין איהר קאָפּ, אז עפּעס איז ניט ווי עס בעדאַרף צו זיין—אָבער פערגעסען האָט זי איהר צווילינג־שוועסטער, ניט געדענקט מעהר פון מירעלען, וועלכע איז גרויסע לײדען אויסגעשטאַנען אין שרעקליכען גיהנום; וועמען מלאכי חבלה האָבען אויף גליהענדע קוילען געברענט, און געפייניגט אויף א פאלטערברעט, פול שטעכיגע נאָדלען.

גוט איז מינעלען געווען. אין גן עדן האָט זיא א בעקוועמע וואָהנונג געהאט. האָט זי הונגער געשפירט, האָט איין קלונג פון גלעקעל איהר פיש און פלייש פערשאפט; איז זי דורשטיג געווען, האָט זי וויין געטרונקען און פערשלעפערט האָבען איהר די זיסע טענער פון דער הימלישער מוזיק.

און מירעלע? געשוויצט האָט זי געבאָך אין גיהנום, געארבייט, ווי א פערד. ברוטיגט האָט זיא געבאקען — און

אליין איז זי הונגעריג געווען; ווען האָט זי געמאכט — אָבער אליין האָט זי דורשט געליטען; פאר יענע צדיקים דאָרט, אין גן עדן, האָט מירעלע מיט אנדערע רשעים אלעס פערפערטיגט. און איז דערצו נאָך געיאָגט און גע־פלאָגט געוואָרען פון דעם שר של גהינום און זיינע משרתים.

יאָהרען זיינען אוועק. דאָס איינ־ארטיגע לעבען איז מינעלען נמאס גע־וואָרען. מיט פיש און פלייש האָט זי זיך איבערגעגעסען און פיל מאָל דעם מאָ־גען פערדאָרבען. דער ווייען האָט א ווידער־טעם בעקומען און זי האָט פון איהם גרין און גאל געבראָכען. דער גלאנץ ארום איהר האָט איהר די אויגען געבלענדעט און זי האָט זיך עלענד גע־שפירט.

גאנץ אָפט פלעגט זי גענעצען פאר לאנגווייליגקייט און אונגעדולד. זי האָט דעם אפעטיט פערלאָרען און עפּעס פרישעס געזוכט צו פערטרייבען די צייט.

דאן האָט זי זיך אן מירעלען דער־מאָהנט. וואו איז זי יעצט? ווי געהט עס איהר אין גיהנום?

זי טהוט א קלונג מיט'ן גלעקעל.

א מלאך קומט צופליהען.

„אין גיהנום פיהר מיך!" האָט מינעלע בעפוילען. „איך וויל מירעלען זעהן".

טריט ביי טריט געהט זי דעם מלאך נאָך. וואָס ווייטער ווערט די לופט אלץ שווערער און שטיקט מינע־לען. א שלעכטער גערוך שלאָגט איהר אין נאָז אריין און עס ווערט איהר שווער אויפ'ן געמיט. זי וויל צוריקקעהרען, אָבער זי שעהמט זיך פאר איהר בעגליי־טער.

זי איז שוין אין גיהנום. א שטי־קענדער רויך געהט איהר ענטקעגען, שווארצע פלאמען־צונגען פלאקערען און עס ווערט איהר פינסטער אין די אויגען, אזש צום חלש'ן.

עס קלאפּען די מארטער־מאשינען און עס רוישען דיא רעדער. ווילדע שדים לויפען אין הו־הא ארום מיט ארויסגע־שטעקטע רויטע צונגען. פון די מיילער שלאָגט זיי ארויס א ווייסער שוים. די רשעים, יעדער אויף זיין אָרט, בעקומט זיין חלק: איינעם'ס פלייש ווערט גע־ריסען מיט אייזערנע ריטער; א צוויי־טען לערנען די מזיקים מיט א בלייענע קנוטע ווי אָרענטליך צו זיין. טייל שלינ־גען פייער — זיי האָבען אין זייער זינ־דיגען לעבען אן אמת ארויסגעזאָגט, און די מחבלים ברענגען זיי די טרפה'נע מיי־לער אויס. דיא איבעריגע ווערען אויך ניט געשוינט.

און מינעלע פון גן עדן, ווערט ביס־לאכווייז געוועהנט מיט די לופט וואָס איהר צווילינגס־שוועסטער מירעלע האָט

אין גיהנום אזוי לאנג געאטעמט. פון ווייטען דערזעהט זי מירעלען און א שוידער לויפט דורך איהרע גליעדער.

נעבען א דייזשע ברויט שטעהט מירעלע געבויגען אין דרייען, פערגראַבען דעם פערשווארצטען פנים אזש אין דער דייזשע אריין, די ארבעל פערקאַטשעט אזוי ווייט, אז פון די צוקאליעטשעטע, אויסגעמאַגערטע הענד זעהען זיך דייטליך ארויס די אויפגעשוואָלענע בלויע אָדערן און די שפּיציגע ביינער. איהר געזיכט איז בענאַסען מיט א געדיכטען שווייס, און שווער אָטעמענדיג קנעט זי די טייג־מאסע. איהר קויטיגער שווייס קאַפּעט און גיסט זיך אין דער דייזשע אראָב.

מיינט מינעלע, אז מירעלע קנעט די ברויט פאר זיך, דאריבער איילט זי זיך עס צו פערפערטיגען און קימערט זיך ניט וועגען איהר אויסגעמאטערקייט, און שווייס. זי ווייס ניט אז הינטער איהר שטעהט א שד, און איז בערייט צו שמייסען, ווען מירעלע וועט אויף איין מינוט אויפהערען צו קנעטען; זי ווייס ניט, אז די ברויט מוז מיט שווייס געקנאָטען ווערען, כדי עס זאָל די צדיקים שמעקען. וויל זי איהר אויפמערקזאם מאכען זי זאָל דעם שווייס אבווישען פון איהר פנים. דערמאָנט זי זיך אָבער אז זי איז ניט אין דער היים און שווייגט.

און מירעלע ארבייט אזוי שווער מיט איהרע לעצטע כחות; זי שוויצט און דישעט און אין געדיכטערע טראָפּען פאלט איהר שווייס אין דער דייזשע אריין. מינעלע קען זיך שוין מעהר ניט בעהערשען, און רופט אויס:

„וויש אָב דעם שווייס פון פנים, אונגליקליכע!“

דעם שר'ס א משרת האָט שנעל איהר די ליפּען פערשלאָסען, אז זי איז שיער מיט די ווערטער דערוואָרגען געווארען.

„הערען, זעהן און שווייגען“, מורמעלט שטעכיג דער שד איהר אין אויער אריין, „דאָס איז די צדיקים'ס עובדא. דערפאר לעבען זיי אין גן עדן; וועסטו דיין מויל ניט פערמאכען, וועסטו אויך אין גיהנום פערבלייבען, אין גיהנום פערשטעהסט?“

זי שוידערט אויף מינעלע, און א שרעק נעהמט איהר דורך. פערבלייבען אין גיהנום? דער געדאנק איז צו שרעקליך! די שווארצע פלאמען וועלען איהר צארטע הויט פערברוינען, און שוויצען וועט זי ביי די ברויט דייזשע, אָט אזוי ווי יענע אונגליקליכע דאָרט; - געפּייניגט ווערען ווי די אלע נפשות, וועלכע געפינען זיך דאָ; אלע מאָל הערען די משונה'דיגע קולות פון די מזיקים, און די וועה געשרייען פון די ליידענדע; אלע מאָל זעהן די שרעקליכע בילדער,

די בלוטיגע סצענעם. אך ניין, זי וויל עס ניט !...

און האסטיג טוט זיך מינעלע א ווארף צו דעם מלאך, איהר בעגלייטער, און מיט א פערשטיקטען קול רופט זי אוים:

„פיהר מיך ארוים פון דאנען!"

און ערשט דאן וועו הינטער מינעלען איז שטיל געווארען, און די לופט ארום איהר האט זיך פרייער געשפירט, האט מינעלע אפגעצויגען אידר אטעם, אין ארדנונג געבראכט איהרע האר און קליידער, א רייב געטאהן איהר גלאטען שטערן, פערטריבען די טרויעריגע מהשבות פון איהר קאפ, און—איז צוריק אין גן עדן אריין...

2.

דיא בינונים

אז עס איז דא א גן עדן די גוטע צו בעלוינען און א גיהנום די שלעכטע צו בעשטראפען, דאס וויים יעדער; אז אין גיהנום האט מען צרות און אין גן עדן פריידען, דאס וויים יעדער, אבער וואס עס טהוט זיך צווישען גן עדן און גיהנום, דאס וויסען יחידי סגולה.

אויפ'ן וועג, צווישען גן עדן און גיהנום, געפינען זיך אויך מענשען. דאס זיינען אזעלכע וואס ביים לעבען האבען זיי צופיעל געזינדיגט מען זאל זיי אין גן עדן אריינלאזען און צו־וויינינג, מען זאל זיי אין גיהנום פערשפארען; אנדערע פון זיי זיינען אין גיהנום זייער צייט אויסגעווען; אנדערע זיינען בעגנאדיגט געווארען פאר דער צייט פאר העלפען פייניגען זייערע חברים, די איבריגע רשעים, און אנדערע ווידער האט דער זכות פון א צדיק א קרוב געהאלפען זיי זאלען אין גיהנום ניט זיין. רופען רופט מען זיי בינונים.

און אזוי שנעל ווי די זינדיגע, דארט אין גיהנום, מאכען עפעס פערטיג, טראגען די בינונים דאס צו די צדיקים אוועק. די פערמיטלער זיינען זיי צווישען גן עדן און גיהנום. זיי לעבען דערפון וואס דיא צדיקים ווארפען זיי צו אדער דערפון וואס זיי גנב'נען אויפ'ן וועג אראב, שכר הליכה הייסט עס ביי זיי.

מעגליך אז עס פאסט די צדיקים ניט אליין צו האנדלען מיט די רשעים און דאריבער שאפען זיי זיך מיט די בינונים; מעגליך אז די בינונים מיט זייערע צינגעלאך די גלאטע חנף'ענען זיך אזוי צו די צדיקים אז יענע גיבען זיי די ארבייט איבער, אזוי צו אזוי לייַדען די רשעים מעהר פון די בינונים ווי פון דיא צדיקים אליין.

שווער איז די תורה געווארען און צדיקים קומען וויינינג צו, אבער די בינונים, פון זיי איז ניט אויסצוהאלטען!

3.

דער משפט

...און אז דאָס לעהרעריל איז געשטאָרבען, האָט מען איהם פאַר בית־דין של מעלה פאָרגעפיהרט.

חטאים האָט ער גאַנצע פעק געהאַט. דער שטן האָט זיי אַלע אויסוויניג געדענקט, און פאַר דאָס בית־דין אויסגע־עכענט. אָבער דער סניגור האָט אויך ניט געשוויגען.

און דערצעהלט האָט דער סניגור פון די צרות, וואָס דאָס לעהרעריל איז אויסגעשטאַנען; פון דיא שטיינער וואָס ער האָט אין קאָפּ געקראָגען; פון דיא טעג וואָס ער האָט געהונגערט און פון די נעכט וואָס ער האָט אונטערן הימעל געשלאָפען; פון דעם געמוטשעטען, חשך'דיגען לעבען, וואָס ער האָט אין יאגעניש און פלאָנעניש פערבראַכט, און פון נאָך אַזעלכע אַבקומענישען אויף דער וועלט.

וואָלט עס אפשר א ווירקונג געהאַט, האָט אָבער כמאַ'ל, דער שטן, מיט א חניפה'דיגער הכנעה צו גאָט זיך געווענדעט, און אויסגערופען:

„גרויסער גאָט! אז דו האָסט א לאָהמען בעשאַפען, האָסטו דאָך געוואָלט ער זאָל זיינע פיס ניט קענען ריהרען; האָסטו דאָס ליכט פון איינעמס אויגען גערויבט, האָסטו דאָך געוואָלט, ער זאָל דיא שייז ניט זעהען, און אז דוא האָסט אימיצען שטום געמאַכט, האָסטו דאָך געוואָלט ער זאָל אַזוי פערבלייבען. אז ניט, גרויסער גאָט, וואָלט דאָך דיר דער גאַנצער עסק ניט געלוינט, אַזוי פיעל לאָהמע, בלינדע און שטומע צו האָבען. דער רשע אָבער איז געגען דיין רצון געגאַנגען און קוים האָט ער א לאָהמען געזעהען, האָט ער איהם א קוליע געגעבען; האָט ער א בלינדען געטראָפען, האָט ער איהם דעם וועג געוויזען, און האָט ער א שטומען בעגעגענט, האָט ער איהם ריידענדיג געמאַכט. וועט דאָס הייליגע און גערעכטע בית־דין איהם שווייגען דערפאַר?"

און ערנסט און פינסטער האָבען די דינים דעם רשע בעטראַכט וועלכער האָט וויא אין פיבער געציטערט. דער סניגור האָט געוואָלט עפּעס זאָגען, איינווענדען, אָבער דיא קלאָגען זיינען געווען אמת'ע, דער פושע איז די פערברעכען בעגאַנגען, און דארום האָט דער סניגור מיטלייד געבעטען און רחמנות פערלאַנגט...

אָבער ניט מיט טרעהרען קען מען ווייך מאַכען די עהרליכע הערצער פון דינים און ניט מיט רחמנות קען מען זיי בעוועגען ארויסצוברענגען א פאַלשען אורטהייל...

און ניט לאַנג האָט זיך דאָס בית־דין בעראַטהען, דער משפט איז קורץ און שאַרף געווען: אַזוי ווי דער רשע האָט

בחיון ניט געקענט זעהען ווי מענשען ליידען, פּלאָגען זיך און ווערען געמאַר־טשעט, זאָל ער אין גיהנום געהן, צווי־שען דיא רשעים, וואָס ווערען דאָרט געפּייניגט. זיין הארץ מעג איהם אפילו פּלאַצען פאַר וועה און שמערץ, אָבער שווייגען זאָל ער מוזען, זיין חטא איז אין ריידען בעשטאַנען און אַבווישען זאָל ער איהם מיט שווייגען...

— — — — — — — — — — — — — —

שווער אַטעמעדיג געהט דאָס מידע לעהרעריל אין די שמאָלע וועגען פון גיהנום מיט א שד אלס שומר. פון ביידע זייטען טראָגען זיך אלע ווילדע צו שווי־דערליכע מענשליכע קולות, הערצריי־סענדע יאָמער־געשרייען פון געמאַטער־טע און געקוועלטע, פון געברענטע און געבראָטענע. די לופט איז אָנגעפּילט מיט וועה און טרויער, מיט פּיין און שמערץ. עס כּארכלען די גוססים וועמעס כּוח עס ענדיגט זיך אונטער די שרעק־ליכע ענויים וואָס זיי האָבען אויסצו־שטעהן, און די וועהמוטהיגע טענער שלאָגען זיך אָב אָן דאָס צובלוטיגטע הארץ פון דעם לעהרעריל, געפינען א ווידער־קלאַנג אין די פערבאָרגענע קע־מערלעך פון זיין נשמה, און איטליכער אבר זיינער צאַפּעלט זיך פאַר אויפ־רעגונג.

פערצווייפעלט ווארפט ער א בליק ארום זיך, און א שרעק נעמט איהם דורך ווען ער זעהט ווי פיל סאָרטען ליי־דען און יסורים דאָ זיינען צוגעגרייט. מאַשינען, אינסטרומענטען און ווערק־צייג, וועלכע אויף דעם עולם השקר האָט ער געהאַלטען פאַר ניצליך, פאַר נויטהיג, מענשען צו קליידען, מענשען צו שפּייזען, מענשען צו פערזאָרגען מיט אלעם גוטע, ווערען דאָ בענוצט ארויס־צוציהען די קרעפטען פון הילפלאָזע, אויסצוקוועטשען די קליי פון זייערע ביינער, ארויסצופּרעסען דעם לעבענס־זאַפט וואָס זיי האָבען, און עס קנאַקען אונטער זיי די אויסגעדרעהטע קנאָכען, און עס ברעכען זיך די מידע ביינער, און עס פאַלט דאָס פלייש שטיקערווייז... די אָדערען ווערען בלויער, בולט׳ער און אויפגעשוואָלען, אז עס דוכט זיך אָט, אָט פּלאַצען זיי אוועק ווי די פּענכערס און ער פיהלט אז אינווייניג גריזשעט איהם עפּעס, וואָס מאַכט זיין בלוט קאָכענ־דיג ארומלויפען, און דאָס הארץ ווילד קלאַפּען...

עס פערקנייטשט זיך זיין בלייכער שטערן, עס בליצען אויף זיינע האַלב פערלאָשענע אויגען, זיינע ציין דריקען זיך שמערצליך צוזאַמען, און דאָס גע־זיכט פערקרימט זיך ביי איהם; עפּעס וויל ער א בייזען פלוך ארויסשטויסען, א ווילדע קללה אויף די מלאכי חבלה, וואָס בושעווען דאָ מיט אזא גרויזאַמע מאַכט, אָבער זיין שומר, דער שד, האָט

זיין כונה פערשטאנען און איהם דאס מזל פערמאכט.

און ער נעהט. די פיס ווילען איהם מעהר ניט דינען, און ער וויל צושליסען די אויגען, ער זאל מעהר דאס שרעקליכע ניט זעהן, אבער ווי אויף להכעיס רייסען זיך די אויגען אלץ מעהר אפען, און די פיס שלעפען זיך אזוי ווי קלעצער, אלץ ווייטער און ווייטער, און צו די צרות און ליידען נעמט קיין ברעג, קיין ענד...

צווישען א הוטע פון שווארץ־פייעריגע פלאמענצונגען זעהט ער אייניגע מענשען. זייער הויט איז ווי קויל שווארץ, זייערע הענד זעהען אויס ווי פערוויכערטע האלאוועשקעס, די אויגען זיינען ביי זיי פערגראבען טיף אין דיא לעכער און פון די אשיגע ליפען פלאצט אלע ווייל ארויס א שמערצליכער געשריי.

וואס טוען זיי אבער, דיעזע לעבעדיגע פאקעלס? ער זעהט, אז זיי ארבייטען מיט אלע כוחות, אז זייערע דארע קערפערס בעוועגען זיך האסטיג, און זייערע הענד הויבען זיך אויף און לאזען זיך אראב מיט א פיבערהאפטע שנעלקייט.

עס פאלט איהם איין א געדאנק, וועלכער מאכט איהם אויף א מינוט פרייער פיהלען. אפשר ווילען דיזע אונגליקליכע ברואים איינלעשען דעם פייער, פערשטיקען די פלאמען און זיך ראטעווען? אפשר, און פאר וואס דען ניט?...

ער ווערט אבער ביטער ענטוישט, נעבען פייער געפינט זיך אן אייז־קאלטער וואסער־שטראם, דארט שטעהען נאקעטע מענשען און פריהרען אזש: זייערע גלידער זיינען שטאאר און פערגליווערט; זייערע ציין קלאפען זיך איינע אן די אנדערע און זייערע פיס טרייסלען זיך. ביים פייער וואלטען זיי זיך אפשר אנגיווארימט און מחיה געוועזן. עס איז דאך אבער דער גהינום, און ביידערליי רשעים, פון פייער און פון וואסער, בויען מיט זייערע אייגענע הענד א ריזיגען צוים, זיך אבצוזונדערן איינע פון די אנדערע...

„אך, די אונגעוויסענהייט!" האט דאס לעהרעריל געקריצט מיט די ציין פאר וועהטאג און פערדרוס, זיך ניט קענענדיג מעהר בעהערשען. „אך, די אונגעוויסענהייט, ווען ניט זי, וואלט דאך דער גיהנום קיין גיהנום ניט געוועזן! וואלטען דיזע מענשען שכל געהאט און קיין צוים ניט געבויט וואלט דאס וואסער דעם פייער פערלאשען, און די וואלטען ניט געברענט, און יענע ניט געפרארען".

דער שד האט איהם גלייך ביים גארגעל געפאקט און געוואלט זיין קול פערשטיקען; די אויפרעגונג איז אבער ביי דעם לעהרעריל צו גרויס געוועזן, און די ווערטער האבען זיך ארויסגעריסען

אין ווילדען האסט, איינער נאך דעם צווייטען.

„דער רשע !" האט דער שר ארויס־געקייכט אהן אטהעם, איהם ברענגענד ג פאר'ן בית־דין צום צווייטען מאל. „ער האט זיין פסק ניט אויסגעהיט ; ער האט זיין מויל געעפענט און צו די איבריגע רשעים גערעט".

„די צונג זאל מען איהם אויסרייסען !" האט מיט כעס ארויסגערעדט איינער פון דיא דינים.

דער שטן אבער איז דערמיט ניט צופרידען געווען. געוואלט האט ער א מיטעל געפינען, אז די צונג זאל גאנץ בלייבען און ער זאל דאך ניט ריידען ; ער האט זיין שטערן געקנייטשט און דעם קאפ גערעהט ביז ער האט ענדליך אן עצה געפונען.

און דער משפט איז באלד אויסגע־פיהרט געווארען. א שווערע שטיק פון א געלען פינקעלדיגען מעטאל האט מען אין דעם לעהרעריל'ס האנד אריינגע־טאהן. דאס האט זיין צונג געקאוועט און איהם אזוי פערפרעסט, אז ער זאל זיך מעהר ניט קענען בעוועגען.

דער מעטאל האט זיך נאלד גע־רופען, און האט א טייפלישע ווירקונג געהאט. דאס לעהרעריל איז איצט שטום ווי א פיש.

דער פער'כשוף'טערריעז

עס איז געווען א שעהנער זומער טאג, ווען איך מיט מיין זיידען האבען זיך אויסגעצויגען אויפ'ן פרישען, שמע־קענדיגען היי פון א גרינע לאנקע, ניט ווייט פון אונזער הויז, און האבען שטיל־שווייגענדיג אריינגעקוקט אין די קלא־רע זילבערנע וואלקען וועלכע האבען ארום געשוואומען אין דעם בלויען הימעל־ים, געטריבען פון די שטילע, כמעט אונפיהלבארע בעוועגונג פון א מחיה־נפשות'דיגען ווינטעל.

אין דער לופט האט זיך געהערט דער מארגענקאנצערט פון די טויזענד קלירינגע זומערפויגעלאך וועלכע הא־בען ארויסגעטרילערט זייערע געוועהנ־ליכע זיסע טענער, און אנגעפילט דער־מיט די שמעקעדיגע לופט.

דער זיידע האט האלב גערעמעלט. דיא פרישע, געזונדע לופט האט איהם ווי פארוויגט אין א זיסען קינדישען שלאף, וועלכען איך האב אלע ווייל גשטעטערט און איבערגעריסען מיט מיינע אויסרופונגען פון תמימות'דיגע ענטצי־קונג און פערוואונדערונג איבער די נא־טור פראכט ארום אונז.

איך האב בעטראכט די קליינע

פויגעלאך ווי זיי פליהען, שוועבען, דרייען זיך און לייבט און ריהרעוודיג מיט זייערע גלענצענדע פליגעלאך און איך האב מיינע אויגען נים געקענט אברייסען פון זיי.

„זיידעניו", האב איך דאן א פרעג געטהאן מיין זיידען, וועלכער האט נאך אלץ געדרעמעלט, „זאג זשע מיר זיידעניו, זיינען דאס אלע מאל, אט די קליינע ברואים'לאך דיא איינציגע געווען וואס האבען פליען געקענט? האבען זיי אלע מאל געשוועבט אין דער לופט און מענשען האבען אלע מאל פונקט ווי איצט, זיך געמוזט שלעפען אויף דער בארג־און־טאלינע, שטיינער־און גריבערדיגע ערד?"

„אה ניין" האט דער זיידע תאס־טיג אויסגערופען „ניין, עס איז געווען א צייט, ווען דער מענש איז געפלויגען אזש ביז'ן הימעל! דיא וואלקענס האט ער מיט זיין האנד געשפאלטען!"...

„אבער זיידעניו", האב איך איהם איבערגעשלאגען דיא רייד „דאס קענען מיר דאך היינט אויך, מיר האבען דאך איצט אויך באלאנען צו שפאלטען דיא לופט, איך..."

„באלאנען?" האט דער זיידע מיר אונטערבראכען מיט א הייזעריגען גע־לעכטער „באלאנען געברויכען די איצ־טיגע קליינע מענשעלאך!... וואס איז א באלאן? א שפילכעלע פאר'ן בייזען ווינד, פאר'ן שטורם! דאן האט דער מענש אויפ'ן אדלערס רוקען געשוועבט אין דער לופט, און ער איז דעריבער העכער וויא דער אדלער געפלויגען!... פאר קיין ווינד ציטערט דער אדלער ניט, ער לאכט פונ'ם שטורם און דער מענש אויף זיין רוקען איז זיכער געווען. היינט אבער, איז פון דעם אמאליגען מענשען א מילב געווארען — א מילב מיט די נענגעל פון א לייב, און די ציין פון א וואלף"...

„אבער זיידעניו" האב איך ווידער געפרעגט „וויא אזוי איז דאס דער מענש אזוי פערביטען און איבערגעענ־דערט געווארען?"

דער זיידע האט א גלעט געטאהן זיין שטערן פול מיט קנייטשען פון אלטקייט און זארג, האט א ווילע גע־שוויגען און דאן זיך אבגערופען:

„דוא ווילסט וויסען, וויא אזוי? גוט, דוא זאלסט עס וויסען, הער אוים:"

* * *

אמאל איז געווען א ריעז.

א צעדער אין לבנון וואלד איז גע־נוג הויך און שטארק, אבער זיין איין ארעם איז דאפעלט גרויס געווען און שטארק. זיין יעדער מוסקול איז געווען וויא פון אייזען געגאסען; יעדער אדער זיינער איז געווען וויא שטאל און יעדעם גליד ווי פון א פעסטען מעטאל.

בערג האָט ער מיט א ריהר פון זיין דאנד אויסגעריסען און טאָלען אויסגע־פיהלט. ימים האָט ער אויסגעזופט און אין זיינע שפּייעריץ גאנצע שטעדט דער־טרונקען.

דעם ווילדען לייב האָט ער פאר זיין שקלאף געמאכט, און דעם רויבגיע־ריגען אדלער האָט ער פאר א רייט־פערד זיך גענומען.

אלע עלעמענטען האָבען פאר איהם געציטערט; פייער און וואסער, דונער און בליץ האָבען איהם אויסגעמידען, ער איז פאר זיי צו שטארק געוועזן, צו קרעפטיג.

ויהי היום, האָט זיך דער ריעז שלאָפען געלעגט. די זונן האָט אָנגע־הויבען ארויסצוקריכען פון אונטער די כמארנע וואָלקענס, אונטער וועלכע זי איז א לאנגע צייט פערשטעקט געוועזן, און האָט גענומען גיסען א דורכדרינ־גענדע ווארימקייט, וועלכע איז וואס ווייטער אלץ מעהר און מעהר פערוואנ־דעלט געוואָרען אין א שטיקענדע היטץ.

און דער ריעז איז זיך גאנץ רוהיג געלעגען אונטער דעם שאטען פון א צווייגענדיגען פאלמענבוים און גע־חלום'ט פון די ווארימע זון, און פון איהרע ליבע שטראהלען.

וויא ער איז אזוי געלעגען, האָבען זיך ארום איהם שפּינען פערזאמעלט. און דיא שפּינען זיינען מחנות־ווייז געקומען, און האָבען אָנגעהויבען צו וועבען זייערע שפּינוועבס ארום זיין גרויסען, ריעזיגען קערפּער, און האָבען געוועבט און געוועבט, ביז ער האָט זיך כמעט שוין ניט ארויסגעזעהען.

ווען דער ריעז האָט זיך אויפגע־כאפּט און האָט איבער זיך דיא שפּינ־וועבס דערפיהלט, האָט ער די שפּינען בעדויערט.

„ארימע שפּינען!" האָט ער אויס־געשריען „ניט שוין־זשע האָט איהר ניט געקענט געפינען א פעסטען, זיכערען אָרט, וואו אייער געוועב אָנצובריינגען, אז איהר האָט מיר אויסגעקליבען? ווייסט איהר דען ניט, אז מיט מיין קלענסטע בעוועגונג, נעהם אייער גאנ־צע ארבייט פערלאָרען?"

די זונן איז נאָך ווייט געווען פון'ם מיטען הימעל. און דער ריעז האָט זיך דעריבער ניט געריהרט פון זיין אָרט און איז ווידער איינגעשלאָפען.

אָבער די שפּינען האָבען ניט גע־שלאָפען. זיי האָבען געטאָהן פלייסיג זייער ארבייט, געוועבט און געוועבט, גערעהט און געפלאָכטען די לאנגע פעדימלאך איינע איבער דיא אנדערע אָהן אויפהער און אָהן רוהע, ביז פון די דינינקע שפּינוועבס זיינען שטריקלאך געוואָרען.

ווען דער ריעז האָט זיך דעם מאָל אויפגעכאפּט, אויסגעריבען די אויגען,

און דערזעהן די שטריקלאך פערצווייגען איבער זיין קערפער, האט ער שוין די שפינען ניט מעהר בעדויערט, נור זיך הערצליך צולאכט איבער זייער נא־רישקייט.

„נארישע שפינען" האט ער אויס־גערופען, „איהר ארבייט דאך אומזיסט. מיט איין בלאז צוריים איך דאך אלעס, אויף וואס איהר האט זיך נעבאך אזוי שווער, און אזוי פיעל אנגעארבייט.

דערביי האט ער פויל א געניץ גע־טהון און איז ווידער איינגעשלאפען.

און די שפינען האבען זיך פון זיין געלעכטער ניט וויסענדיג געמאכט. קוים איז ער ווידער איינגעשלאפען, הא־בען זיי זיך אויפ'ס ניי צו דער ארבייט גענומען. געשפינט און געדרעהט, גע־וועבט און געפלאכטען, ניט אברוהענדיג זיך א מינוט און פון דיא שטריקלאך זיינען שטריק געווארען, גרויסע, גראבע שטריק.

ווען דער ריעז האט זיך דעם מאל אויפגעכאפט, און געוואלט אריבערפיהר־רען דיא הענד איבער זיין פערשוויצטען שטערן, אבצואווישען דעם שווייס, האט ער ניט געקענט אזוי גיך בעוועגען זיינע הענד. די שטריק האבען איהם גע־שטערט.

דא האט ער זיך שוין א בייזער געטאהן.

„אונפערשעהמטע שפינען!" האט ער אויסגעשריען, שוין מיט אביסעל כעס „גענוג שוין זיך נאריש מאכען, ווען ניט—נו".

דערביי האט ער זיי געוויזען זיין גרויסע ריעזיגע האנד.

פאר זיין בייזער האבען זיך די שפינען דערשראקען, און זיינען זיך צו־לאפען אין אלע זייטען.

זעהענדיג, אז די שפינען זיינען אוועק, האט דער ריעז א געשמאקען גע־נעץ געטאהן, אויסגערופען: „עט, די זונן איז נאך ווייט" און איז צוריק איינ־געשלאפען.

דאן האבען די שפינען זיך צוריק פערזאמעלט ארום איהם, און האבען ווידער אנגעהויבען זייער אונטערברא־כענע ארבייט אבער מורא האבענדיג טאמער כאפט ער זיך אויף, און וועט זיך ווידער צובייזערן, האבען זיי א מכשפה גערופען, איהם צו פער'כשופ'ען.

און דיא מכשפה האט פערגלאצט איהרע אויגען, זיי אויפגעהויבען צום הימעל, אראבגעלאזען זיי צו דער ערד, געמורמעלט אונטערן נאז א סך שמות פון גוטע מלאכים און טייוואלים להבדיל, געפאכט מיט איהר כשוף שטעקעלע פאר זיינע אויגען, און ער האט א גוטען חלום דערזעהען. דאן האט זי א בלאנקען שווערד געצויגען, און ער האט גענומען שוידערן. דעם גן עדן האט זיא איהם פארגעשטעלט, און דורכ־

גיהנום האט זיא איהם דורכגעפיהרט. אנדערש האט זי געזאגט קען מען צום גן ערן ניט צוקומען. איהר כשוף האט געווירקט וואונדערבאר.

ווען דער ריעז האט זיך איצט אויפגעכאפט, זיינען שוין פון די שטריק געוואָרען קייטען אָבער ער האט שוין מעהר ניט בעדויערט, ניט געלאכט און ניט געבייזערט זיך אויף די שפינען.

וואָלט ער נור געוואָלט, וואָלט ער די קייטען אויך איצט געקענט אויף שטיקלאך צוברעכען! וואָלט ער נור איין מאך געטהון מיט'ן האנד, וואָלטען צוואנציג מאָל שטארקערע קייטען צו־שפרונגען! ער איז נאך שטארק ווי אמאָל, ער קען נאך היינט דעם הימעל שפאלטען און די ערד בעהערשען. אָבער דער כשוף, דער כשוף האט פון איהם דעם בעוואוסטזיין גערויבט, ער פיהלט ניט אז ער איז געקאָוועט און ער ווייס ניט אז ער האט נאך כח.

און אזוי ליגט דער גרויסער ריעז אונטער די מאכט פון די שפינען. די קליינע, עקעלהאפטע ברואים'לאך צוליי־גען זיך בריטלאך אויף זיין קערפער און פלאָדען דאָרט גאנצע דורות אָן, דורות פון שפינען, פון עקעלהאפטע ברואים, און זיי הערען ניט אויף צו וועבען. פאלאצען האָבען זיי אויף זיין רוקען געבויט, און זיי וועבען נאך אלץ; זייער נאהרונגס־מיטעל געהען זיי שוין ניט זוכען פון דיא פליגעלאך—זיי עסען די פלייש פון זיין קערפער; זיין בלוט ווערט ביי זיי פאר וויין גערעכענט און זיי וועבען ווייטער. זייערע פעסטונגגען טראגט ער אויף דיא הענד און ווען א שונא, אנדערע שפינען, פאלט אָן אויף זיי פערטיידיגט ער זיי, און זיי וועבען נאָך אלץ.

* * *

איך האָב שוין געהאט פערגעסען, צוליב וואָס דער זיידע האט מיר דאָס דערצעהלט; מיין הארץ איז איבער־פילט געוואָרען מיט רחמנות אויף דעם אונגליקליכען ריעז, און אן אינערליכער וועהטאָג האט צוזאמענגעדריקט מיין הארץ. איך האָב א פרעג געטאָהן דעם זיידען פול מיטלייד און בעדויערן אין מיין שטימע:

„וועט דער ריעז פאָרט ווען־עס־איז צורייסען די קייטען מיט וועלכע ער איז געבונדען, אָדער וועלען די קייטען וואָס ווייטער אלץ שטארקער ווערען?“

דער זיידע האט א מינוט לאנג א קלער געטהון, און דאן אויסגערופען מיט א זיכערע שטימע:

„אויף ברעקלאך וועט ער זיי צו־ברעכען! שטיקלאכווייז וועלען זיי צו־פליען! ווען ער וועט צוריק קריגען דעם בעוואוסטזיין“.....

אונרוהיגע בלוט

(געבוים אויף א תלמודישען פונדאמענט.)

און דעם נביא'ס בלוט האָט גע־קאָכט און געזאָטען.

טויט איז שוין לאנג דער קערפּער אין וועלכען א גרויסער גייסט האָט גע־רוהט; אויסגעהויכט איז דיא נשמת, וואָס איז מיט ליבע פול געווען צום אָרימען, ליידענדען פאָלק; פערשטומט זיינען דיא ליפען, וואָס האָבען דעם אמת פערהייליגט און פרייהייט געפּרעדיגט; דיא פינגער זיינען פערגליווערט, וואָס האָבען דיא שלעכטע געבראנדמארקט און די כאראקטערלאָזע אויף'ן שאנד־קלאָץ געשטעלט, אָבער די בלוט פון דעם נביא איז נאָך היים ווי א מאָל, און האָט נאָך ניט אויפגעהערט קאָכען און זידען.

דאָרט אין בית המקדש, יהוה'ס רוהע־אָרט, איז דער נביא פערשטיינט געוואָרען, דערפאר וואָס זיין צונג איז א שארפער שווערד געוועזן און האָט אונ־רחמנות'דיג געשניטען דיא מכות פון קערפּער פון פאָלק; דערפאר וואָס די קראנקע און ליידענדע האָבען דעם וויי־טאָג אזוי לאנג שוין געטראָגען, אז זיי האָבען איהם צום מענשליכען פאָרט־טריט צוגערעכענט. דער נביא האָט די וואונדען בעריהרט, און די נארען! זיי האָבען ניט בעגריפען אז היילען וויל ער זיי, ארונטעררייסען די בייזע געשווי־רען, כדי דיא געזונדע טיילען פון קער־פער זאָלען ניט אנגעשטעקט ווערען, און זיי האָבען איהם מיט שטיינער פער־וואָרפען!...

א מאן פון גייסט איז דער נביא געוועזן. וואָלט ער זיין גייסט פאר גאָלד פערקויפט, וואָלט ער אין א קעניגליכען פאלאסט געוואוינט און אין וויין זיך געבאָדען; וואָלט ער א רוהיגע הארץ כאָטש געהאט און דיא מויל געקענט פערשליסען וואָלט ער אלע פערגניגענס גענאָסען און אין שום פון אויסגעלאַ־סענע פרויען זיין גייסט בעגראָבען. דער נביא איז אָבער א וואולקאן געוועזן און האָט פייער געשאָסען, שוועבעל און פעך אויף די יעניגע, וואָס האָבען די מענש־ליכע שאָף געשאָרען, זייער פלייש גע־פרעסען און זייער בלוט געזויפט, דער־פאר איז זיין ענדע א טרויעריגע געוועזן.

און פערשטיינט האָבען דעם נביא, ניט די יעניגע וואָס ער האָט פאר א ציל געמאכט צו זיינע ווערטער ווי פיילען; ניט די יעניגע וועמעס מאסקע ער האָט אראָבגעריסען און געוויזען ווי אונטער איהר איז פאלשקייט פערבעהאלטען, רציחה און געמיינהייט. ווען זיי

וואָלטען דאָס געטאָהן, וואָלט דער טויט איהם אזוי שרעקליך ניט געוועזן—ער האָט עס ערוואַרטעט. איהם האָבען אָבער די שטיינער געטראָפען פון גראדע די דאָזיגע, וועמעס אויגען ער האָט געוואָלט עפּענען; גראדע פון די דאָזיגע, וועמען ער האָט געוויזען ווי שענדליך זיי וועלען בעטראָגען פון כהנים—וואָס פערברעכען אין נאָמען פון דעם גאָט, וואָס זיי האָבען געשאַפען; פון פאַלשע נביאים—וואָס זינגען דיא מיילער פון אונרעכט, פון זנות און פון גזילה; פון הערשער—וואָס האָבען דורך בלוט זיך געקרוינט און פון באַנדיטען—וואָס האָבען דורך שווינדעל זיך א רייכטום ערוואָרבען. אָט די דאָזיגע, פאַר וועמען זיין הארץ האָט מיט ליבע געשלאָגען, ז י י האָבען איהם מיט שטיינער פערוואָרפען און דערפאַר האָט דעם נביא'ס בלוט רוהען ניט געקענט און ניט אויפגעהערט קאָכען און זידען.

דעם נביא'ס קערפּער האָבען לאַנג שוין הינד פערשלעפּט און זיינע ביינער צוגריזשעט, אָבער די בלוט איז אויפ'ן שטיין געבליבען וואו עס איז פערגאָסען געוואָרען און האָט געקאָכט און געזאָטען...

— — — — — — — — —

ירושלים איז א בלוט־באָד געוואָרען. וויא א ווילדער טיגער איז דער שונא אַנגעפאַלען און האָט מענער גע־טויטעט, פרויען געשענדעט און קינדער אָן שטיינער צושמעטערט; שרעקליך איז זיין צאָרן געוועזן און זיין אונמענשליכקייט האָט צום הימעל געשריען.

און ערשט דאַן, ווען פון אַלעם וואָס איז שעהן געוועזן, עדעל און ערהאַבען איז א תל געוואָרן; ווען פאַר טאַטע־מאַמע'ס אויגען האָט מען קינדער לעבעדיג פערברענט, און כלות האָבען זייער אונשולד פערלאָרען פאַר דיא אויגען פון זייערע חתנים; ווען דיא בייכער פון שוואַנגערע האָט מען אויפגעשפּאָלטען און פון ברוסט האָט מען עופ'עלאך אָבגעריסען און אויף דיא מאַמע'ס העלזער אויפגעהאַנגען—ערשט דאַן האָבען די שקלאַפען דעם יאָך דערפיהלט און דעם שווערד גענומען, דעם בויגען און דיא פייל...

וואָלט דער שונא טריט־ביי־טריט געגאַנגען, און ניט אַלע רציחות אויף איין מאָל ארויסגעוויזען, וואָלטען די שקלאַפען מעגליך זיך צוגעוואוינט און ווייטער, וויא פריהער, דעם רוקען געבויגען און דיא שמיץ געצעהלט. בבל האָט אָבער דעם קאָפּ פערלאָרען איבער איהרע גלענצענדע נצחונות און נבוזראדן האָט אויף דעם געדולד פון דיא שקלאַפען צופיל געבויט...

דאָך האָט דער שונא געזיגט, ווען דיא שקלאַפען זיינען שטאַרק געוועזן האָט זיי שכל געפעהלט. און ווען זיי

האָבען שכל געקראַגען האָבען זיי זייער כח שוין מעהר ניט געהאַט, און דער שונא האָט א שלאַכט נאָך א שלאַכט געוואונען.

זיילען פייער און וואָלקענס רויך האָבען דעם שונא בעגלייט, און הינטער זיך האָט ער פּגרים געלאָזען און בערג־לאָך אש, ביז נבוזראדן איז צום בית־המקדש געקומען און דעם נביא'ס בלוט דערזעהען וויא עס קאָכט און זידט.

וואָס האָט זיך א צאפּעל געטאָהן דיא הארץ פון'ם גבור? דיא אייזערנע געדערעמן פון בבל'ס הענקער, וואָס האָבען זיי פלוצלונג אויפגעגעציטערט? האָט א פאַרגעפיהל געזאָגט איהם, אז אזעל־כע בלוט וועט אמאָל פון טיראַנניי א כוח מאַכען און אן ענדע פון באנדיטען?

און נבוזראדן האָט דיא כהנים געפרעגט, וועמעס בלוט דאָס איז, אז עס וויל ניט רוהען.

„שאָף־בלוט איז עס" האָבען יהוה'ס דינער געשטאַמעלט.

„שאָף־בלוט?" האָט איראָניש גע־לאַכט נבוזראדן. ער האָט שאָף געננוג געקוילעט, אָבער זייער בלוט האָט ניט געקאָכט... און צאָרניג שרייט ער אויס:

„זאָגט, איהר געטליכע פרעסער, וועמעס בלוט האָט איהר דאָ פערגאָ־סען?"

און יהוה'ס דינער האָבען מיט גע־זונקענע קעפּ דעם אמת דערצעהלט.

„בערוהיג דיר, נביא, הייליגער מאַן!" האָט נבוזראדן אויסגערופען קניענדיג, „איך האָב דיין ראַכע גענומען פון דיא מערדער".

דעם נביא'ס בלוט האָט זיך אָבער ניט בערוהיגט.

און ווילד געוואָרען איז בבל'ס הענקער. ער האָט דיא כהנים געקוילעט און זייער בלוט אויפ'ן זעלבען שטיין פערגאָסען. דעם נביא'ס בלוט האָט אליץ געקאָכט.

געפאַלען זיינען שוין אויך די פאָל־קס־ שע נביאים פון הענקער'ס שווערד; יע־דער פאָלק'ס פערפיהרער האָט זיין קאָפּ פערלאָרען אָבער דעם נביא'ס בלוט האָט נאָך אליץ געקאָכט.

„ווילסטו, נביא, איך זאָל דעם גאַנצען פאָלק אומבריינגען?" האָט נבוזראדן מיט שרעק געפרעגט „ווילסטו אזא בלוטיגע ראַכע?"

דעם נביא'ס בלוט איז שטיל גע־וואָרען.

„ניט קיין ראַכע זוכסטו, נאָר די אויסראָטונג פון פערדערבען", האָט נבוזראדן געשטאַמעלט „דעם טויט פון טיראַנען און פערפיהרער פערלאַנגסטו, גרויסער נביא, און דיא פערניכטונג פון אלעם וואָס איז שעדליך; דיין וואונש זאָל ערפילט ווערען!"

א פּאַקעל האָט אין זיין האַנד אויפגעבליצט און אין דיא צווייטע מי־

נוט איז דער בית המקדש אין פלאַמען געשטאַנען. דאַן האָט ער דעם קלינג פון זיין שווערד זיך אין הארצען אריינגעשטאָכען.

און די בלוט פון'ם הענקער האָט זיך מיט'ן נביא'ס צומישט, און צוזאַמען האָבען זיי זיך אריינגעגאָסען אין דעם גרויסען בלוט־שטראָם פון ארום. די פלאַמען פון יהוה'ס רוהע־אָרט האָבען העל געפלאַקערט און די שעהן־געשניצטע ווענד האָבען געקנאַקט און זיינען וואָס ווייטער אלץ מעהר פערצערט געוואָרען ביז פון זיי איז קיין זכר ניט געבליעבען.

און ווען יהוה'ס רוהע אָרט, דער נביא, דער הענקער און דיא כהנים זיינען מעהר שוין ניט געווען, איז ארום און ארום שטיל געוואָרען — דיא שטילקייט פון אן אייביגען פריעדען צווישען מענש און מענש...

דיא גליקליכע צייט

אדם איז שוין לאנג פון גן־עדן פערטריבען געוואָרען, און חוה האָט געבען א זומפ ערגיץ וועש געוואשען.

הבל'ס בלוט האָט די ערד שוין לאנג פערשלונגען און קין האָט זיך וואו־עס־איז אין עולם־התהו ארומגעוואלגערט.

אלט איז שוין אדם און שוואך, געבויגען אין דרייען פון יאָהרען און צרות; דער שטערן צוקנייטשט, די באקען צורונטשעלט, דיא אויגען פערלאָשען און דאס בלוט קאלט און פערגליווערט.

און חוה איז שוין אויך ניט דאָס, וואָס געווען; א אידענע איז זי, אן אלטע, א שוואכע, קראנק און געבראָכען. די אויגען פער'כשוף'ן ניט מעהר מיט זייער בליק; די שעהנקייט פון די באקען איז פערוויאנעט, דער זיסער שמייכעל פערטריקענט אויף די דארע ליפען און די ציין געל און פערפוילט.

ווען־ניט־ווען נור טוט א שיין דאס פנים פון די אלטע לייט; ווען־ניט־ווען נור פלאַקערט אויף א פייערל אין זייערע האלב־ארויסגעקראָכענע אויגען. דערמאָהנען זיי זיך דאן די פערגאנגענהייט, אָדער חלום'ט זיך זיי פון דיא ווייטע צוקונפט?... ווער קען עס וויסען?...

אויפ'ן שוים ביי אדם'ן איז צוליינגט דאס אייניקעל זיינס, א לעבעדיגער אינגעל מיט פייעריגע אויגלאך, און מיט קינדערשע שפאנונג הערט ער אויס, וואָס דער זיידע דערצעהלט איהם פון העט, העט וואָס איז אמאָל געשעהן:

* * *

דאָס איז געווען דאן, ווען דער לייב האָט נאָך ניט געוואוסט, אז ער האָט שארפע ציין; דער בער, אז ער האָט גרויסע, גראָבע לאפעס; דער טי־גער, אז זיינע נעגעל זיינען שארף און שפיטציג, און דיא שלאנג, אז איהר מויל איז פול מיט גיפט. די שאָף האָט איהר שוואכקייט ניט געפיהלט; קעל־בער פלעגען זיך מיט וועלפעלאך שפילען און יונגע קינדער האָבען פון שלאנגען קרוינען געפלאָכטען.

דאָס איז געווען דאן, ווען דער לייב איז נאָך ניט געקרוינט געווען אלס דער מלך פון וואלד; דער אדלער איז נאָך ניט געווען דער פויגעל-קעניג און דער לויתן האָט נאָך דעם ים ניט בע־הערשט.

אייזען און שטאָל זיינען דאן ניט בענוצט געוואָרען. יעדען האָט זיין איי־גענע הויט געוואָרעמט, און מען האָט קיין אינסטרומענטען ניט בעדארפט א צווייטענס הויט צו שינדען, זיך צו שיצען פון קעלט. דער טעם פון פלייש און בלוט איז אונבעקאנט געווען, ווייל דער מענש ווי דער וואָלף, דער לייב ווי דער הונט, האָבען מיט גראָזען און קריי־טיכער זייער הונגער געשטילט, און מיט פרישע וואסער זייער דורשט געלאָשען.

נאָט איז דאן אויפ'ן כסא הכבוד געזעסען אין בלויען הימעל געצעלט, און האָט דיא מלאכים געלערנט שירה זינגען פון דיא גוטע מענשענקינדער. אלע פלאנעטען און שטערען האָבען זיך פאר איהם אין עיגול געדרעהט. אויף יעדען פון זיי האָט ער אכטונג געגעבען, נור די ערד אליין איז רוהיג געשטאנען. די גוטע מענשען האָבען קיין גאָט ניט געדארפט, אָהן איהם זיינען זיי אויך גוט און פרום געווען.

מיט'ן טייפעל זיינען די מענשען אין קיין בעריהרונג ניט געקומען. ער האָט אויף זיי קיין שליטה ניט געהאט.

געקרענקט האָט עס דעם טייפעל ביז'ן ביין, און ער מיט זייז גאנצע כתה האָבען תחבולות געזוכט אריינצוקריגען דעם מענשען אין זייער רשות, אָבער אומזיסט, דער מענש איז מ ע נ ש גע־ווען.

וואָלט אימיצער די בלאָטע פון די נעגעל אויסגערייניגט און ניט אויף א פאסיגען אָרט געוואָרפען, וואָלט דער טייפעל אן אָנהייב געמאכט; וואָלט אימיצער צוזאמענגעלעגט א פויסט אויף קאטאָוועס נור, וואָלט דער טייפעל א צוטריט געהאט. דאָס איז אָבער אויך ניט געשעהן, און ער האָט נור מיט די ציין געקריצט און גאָר ניט געקענט טהאָן.

— — — — — — — — —

קין און הבל האָבען אונטער א בוים ברידערליך געשמועסט. זיי האָבען

זיך געליבט אזוי הייליג, אזוי ערנסט!

ברידערליך האָבען זיי געשמועסט ביז די אנגענעהמע לופט האט זיי אין א זיסען שלאף פערוויגט, און ארומ־וויקלענדיג די הענד איינער איבער דעם צווייטענס האלז, זיינען זיי אנדרעמילט געוואָרען אויפ'ן גרינעם גראָז.

קין האָט דער ערשטער די אויגען געעפענט און האָט מיט ערשטוינען בע־טראכט א גרייז־גרויען מאן, וועלכער איז נעבען איהם געשטאנען.

„שרעק זיך ניט מיין קינד" האָט זאנפט אויסגעקלונגען דעם אלטענס קול „איך קום אין דיא שליחות פון גאָט".

„פון גאָט?" האָט זיך קין געוואונ־דערט. „ווער איז דאָס אזעלכער?"

„זעהסטו מיין קינד, דעם הימעל איבער אונזערע קעפּ און די ערד אונטער אונזערע פיס?" האָט דער אלטער מיט א צוקער־זיסען טאָן אויסגערעדט, „ווייסטו ווער עס האָט זיי אזוי אויס־געשפּרייט? ווייסטו ווער עס האָט די זונן אויפגעהאנגען אונז צו לייכטען, און ווער האָט די לאָנקעס בעגראָזט אונז צו שפּייזען? דאָס האָט גאָט געטאָהן!"

און קין הערט און פערטראכט זיך. איהם איז קיין מאָל איינגעפאלען וועגען דעם צו קלעהרען.

„אין די שליחות פון דיזען גאָט קום איך צו דיר" האָט דער אלטער ווייטער גערעדט, ניט לאָזענדיג איהם לאנג טראכטען „און אין זיין נאָמען וועל איך דיר א גוטע בשורה אָנזאָגען. דיא גאנצע ערד, לאנג און ברייט, ווי זי איז, גע־הערט דיר".

„און הבל מיין ברודער, וואָס זאָל מיט איהם זיין?" האָט קין געפּרעגט.

„אויף פאר הבל'ן האָב איך גאָטעס וואָרט" האָט דער אלטער געזאָגט. „איהם שענקט דער גוטער גאָט אוועק אלע שאָף און רינדער, וואָס דיינע אויגען קענען זעהן ארום און ארום".

דער אלטער איז פערשוואונדען און קין'ען האָט זיך ניט געחלום'ט אפילו, אז דאָס איז דער טייפעל געוועזען וואָס האָט מיט איהם גערעדט.

ווען הבל האָט דיא אויגען געעפענט, האָט קין איהם דערצעהלט וואָס ער האָט געזעהען און געהערט, און ביידע האָבען עפּעס אזוי שווער גענומען פיהלען. א שטיין האָט זיך ווי א געלעגט אויף זייער הארצען.

אין א ווייל ארום האָבען זיך די ברידער צום ערשטען מאָל פונאנדערגע־טיילט; הבל האָט שאָף געפּאשעט און קין האָט די ערד געאקערט.

נאָך האָבען ביידע ניט געוואוסט די נוצען פון זייער ארבייט; קין האָט זיך ניט געפּרעגט צו וואָס טויג איהם די גאנצע ערד, און הבל האָט ניט גע־קלעהרט צו וואָס ער דארף אזוי פיל בהמות.

און הבל'ס שאָף האָבען זיך געפּאַ־
שעט אויף דיא לאָנקעס, געפּרעסען דעם
זאַפטיגען גראָז, בשעת ער אליין איז
אונטער א צווייגעדיגען בוים געזעסען
און זיך געקוקט מיט זיין שאָטען, זיך
שפּילענדיג מיט א פייכטע ריטעל, אָבער
קין האָט שטארק געשוויצט, שלעפּענדיג
דעם אקער־אייזען, צו וועלכען ער איז
נים געוועהנט געווען.

זעהענדיג ווי רוהיג זיין ברודער
זיצט, געשיצט פון דער זון מיט דעם
שאָטען פון בוים, האָט דעם פון שוויס־
אויסגעווייקטען קין'ען א צאַפּעל גע־
טאָהן אין הארצען עפּעס א נייער גע־
פיהל—די קנאה איז דאָס געווען.

און ביי קין'ען האָט זיך א האַס
אויפגעהויבען געגען גאָט, וואָס האָט
איהם אזא שווערע ארבייט צוגעטיילט,
און א כעס געגען זיין ברודער. „מיינע
לאָנקעס ווערען פון זיינע בהמות גע־
פּרעסען", האָט ער בייז געברומט אונ־
טער זיך. „דאָס זאָל ניט זיין".— —
— — — — — — — — — —

דער אקער־אייזען איז מיט בלוט
פערשפּריצט, און מיט אן אראָבגעלאָ־
זענעם קאָפּ שטעהט קין נעבען דעם
טויטען קערפּער פון זיין ברודער, וועל־
כען ער האָט ערמאָרדעט. רויטע פלעקען
פון ווארימע, פרישע מענשען־בלוט האָ־
בען פייכט געמאכט דיא ערד ארום, און
דאָס בלוט האָט געקאָכט און געזאָטען...

ווילד האָט אין דער לופט געקלונ־
גען דעם טייפעל'ס שרעקליכער געלעכ־
טער. דאָס האָט ער איבער זיין זיעג זיך
געפרעהט, איבער די שליטה, וואָס ער
האָט בעקומען אויף דיא מענשענקינדער.

אויף דעם אָרט וואו דער ברודער־
מאָרד איז פאָרגעקומען, איז די ערד
פעט געוואָרען פון דאָס בלוט וואָס זי
האָט איינגעזאפּט, און די גראָז איז
דאָרט העבער און זאַפטיגער געוואָרען.

דערפון האָבען מענשען געגעסען,
און חיות און בהמות האָבען דאָרט זיך
געפיטערט און אלע, אלע זיינען זיי
פערגיפטעט, פער'שכור'ט געוואָרען.

דאן האָט די וועלט זיך אין גאנצען
געענדערט און איז געוואָרען דאָס, וואָס
זי איז איצט.

אלע לעבעדיגע זאכען האָבען זיך
צוטהיילט אין שוואכע און שטארקע, אין
גוטע און שלעכטע; די גוטע זיינען אָבער
די שוואכע פערבליבען און די שטארקע
—די שלעכטע.

דער ריח פון בלוט האָט די לופט
אָנגעפילט און איהר שווער געמאכט צום
אָטעמען.

דער לייב האָט אָנגעפאנגען ברילען,
דער טיגער, ברומען און דער וואָלף,
וואָיענען.

און אז די שאָף האָט געגומען ציטערן
פאר די צייהן פון די ווילדע חיות, האָט
מען אויף איהר א היטער געשטעלט —
דעם הונט, ווייל ער קען בילען.

פון דאן אָן זיינען די מענשען אין צוויי פארטייען צוטהיילט געוואָרען — אין הערשער און בעהערשטע, פיהרער און פערפיהרטע...

די מלאכים האָבען דאן אויפגעהערט שירה זינגען פון די גוטע מענשענקינדער, און די לעצטע האָבען גענומען בעזינגען די מלאכים און שרפים, דעם הימעל און די שטערען.

און גאָט און דער טייפעל פיהרען פון דעמאָלט אָן בשיתפות זייער ממשלה אויף דער ערד...

* * *

פון אדם'ס שוואכע ברוסט האָט זיך א זיפץ ארויסגעריסען ווען ער האָט געענדיגט, און דאס יונגע הארץ פון דעם אייניקעל איז פערדריקט געוואָרען פאר פערדרוס. א צייט לאנג האָט ער געשוויגען. ענדליך האָט ער א פרעג געטאָהן:

„אָבער פאר וואָס, זיידעניו, דערמאָנט די היסטאָריע ניט אזא גליקליכע צייט? די געשיכטע פון פעלקער און נאציאָנען, פאר וואָס זאָגט זי ניט א וואָרט איבער דיזע גאָלדענע פעריאָדע?“

“אפיקורסים זיינען זיי, די היסטאָריקער” האָט אדם זיך אָבגערופען „זיי גלויבען ניט אז עס איז מעגליך געוועזען אזא צייט זאָל ווען־עס־איז עקזיסטירען אונטער דיא מענשענקינדער!“

„ניט מעגליך?“ האָט דאָס אייניקעל אויסגערופען, און אין זיינע קליינע אויגלאך האָט א בלישצע געטהאָן „די צוקונפט זאָל עס בעווייזען!... דו הערסט, זיידעניו? די צוקונפט!“

אָבער אדם האָט איהם שוין ניט געהערט. מיד איז ער געוועזען, איז ער ענטשלאָפען געוואָרען...

דער יום הדין פון דיא בוימער

(ראש השנה לאלנות)

כאָטש דיא בוימער זינגען שירה און דריי מאָל א טאָג שאָקלען זיי זיך מיט א שבח צו זיין ליבען נאָמען וואָס גיט זיי זון און רעגען אין דער צייט און ניט אין דער צייט; כאָטש די בוימער קענען זאָט ניט אָבלויבען דעם גוטען גאָט וואָס האָט צו פערשטעהן געגעבען די מענשענקינדער אז וויינטרויבען זיינען געשמאַק און איילבערטען פעט בכן דארף מען זיי רייסען און עסען; כאָטש צו פרעמדס זיינען די בוימער קיין מאָהל ניט צוגעקומען און זיי ווייסען אפילו

דעם טעם ניט פון זייערע אייגענע פירות —דאך ציטערט די הארץ ביי זיי אפשר זיינען זיי פארט פון חטאים ניט ריין...

דיא גרויסע ריעזינע בוימער, מיט די צווייגען די ברייטע, וועלכע האבען יא געזינדיגט; זיי, וועלכע האבען די גאנצע ווארימקייט פון דער זון געגאסען און די שיין פערשטעלט פאר אנדערע; זיי וועלכע זיינען די ערשטע געוועזן בענעצט צו ווערען פון פרישע טוי־טראפענס און די לעצטע בעשעדיגט צו ווערען פון שטורם; זיי, וועלכע האבען מיט פוסטען שטאלץ אראבגעקוקט אויף די שעהנינקע בלימעלאך און יונגינקע בוימעלאך אונ־טער זיך און ווען־ניט־ווען זיי מיט א זונענשטראהל בעשאנקען וואס איז פאר זיך זיי שוין איבריג געווען — זיי זיינען זיך פעסט און זיכער געשטאנען. ניט אזעלכע דארפען ציטערן פאר'ן יום הדין! דעם שטן פעהלט מוט זיי צו פערקלאגען, און ווען זיי העלפען אויך גאט בעטען, בעטראכטען זיי דאס פאר א בעזונדערע גוטווילינקייט פון זייער זייט.

און עס טראגט זיך דורך וואלד און גארטען דאס הייזעריגע בלאזען פון א שופר; עס הערט זיך דאס קרעכצען פון צווייגען געמישט מיט'ן יאמער פון ווינד; עס שלאגען די בוימער זיך אשמנו און דער גאנצער וואלד ציטערט און פלאטערט פאר דעם גרויסען און שרעק־ליכען יום הדין.

ווינטער איז עס און די בוימער פרי־רען נעבאך פון קעלט. איינגעדארט זיינען די צווייגען וואס האבען פרוכט געטרא־גען, איינגעהארבעט אונטער א לאסט פון שנעע. דיא פירות ליגען ערגיץ אין קע־לערם אנגעזאמעלט און ביז מען וועט ווידער דארפען דיא כחות פון די בוימער קימערט מען זיך ניט פאר זיי.

געזאגט האט מען זיי אז דער ווינ־טער איז פון זייער טובה וועגען; מען האט איהם פאר זיי געגעבען צום אויס־רוהען זיך און פרישע קרעפטען צו זאמ־לען פאר'ן זומער ווען זיי וואקסען און בליהען; געזאגט האט מען זיי אז ווינ־טער איז בלויז דריי מאנאט און אזא קורצע צייט וועלען זיי ווי־עס־איז אריי־בער פטר'ן, און דאן וועט זיך אנהויבען דער זיסער פריהלינג מיט בלומענפעלדער און בשמים ריחות, מיט ליכטיגע זונען און הימלען...

און דיא בוימער, גאט'ס טייערע ברואים, מיט כוחות צו שפייזען א וועלט און מיט שכל ניט א טראפען, האבען ניט געפרעגט וואס פאר נוצען זיי האבען פון זומער; זיי האבען ווי פערגעסען, אז זייער שאטען איז פאר אנדערע זיך צו שיצען און זייערע פרוכטען פאר אנדערע צו עסען און דארום האבען זיי אויפ'ן פריהלינג געווארט און אויפ'ן זומער גע־האפט.

און זומער? שווער בעלאדען ווערען

זיי מיט פּירות וועלכע זיי קענען קוים אויפהאַלטען און עס טרעפט ניט זעלטען אז עס ברעכט זיך איין א צווייג פון די אונערטרעגליכע משא און אז א בוים ווערט פאַר דער צייט אויסגעטאַכנעט. אָבער דאָך איז דעמאָלט עפּעס פּריילי־כער. עס פאַלט דאָך ווען עס איז אראָפּ א וואָרימער שטראַהל און מען ווערט בע־גאָסען מיט א טוי טראָפּען. כאָטש אליין האָט מען וויינינג הנאה פערגעסט מען די שמערצען אינ'ם לעבען און רויש פון ארום און מען פיהלט א געוויסען שטאָלץ און נקמה ווען א צווייטער בוים האָט וויינינער פּרוכט און די מענשענקינדער געהן איהם פערביי...

איצט אָבער איז ווינטער און אָך, ווי שווער עס איז צו לעבען אין אזא ביי־טערע קעלט! אָך, ווי שווער עס איז אויסצוהאַלטען די מאַכט פון שטורם! א מאָרגער ווינטער איז עס, אזש מיט הערבסט האָט ער זיך אָנגעהויבען און ציהט זיך און ציהט זיך אָהן א סוף, אָהן אן ענד. ווער ווייס ווי לאַנג ער וועט אזוי אָנהאַלטען ווען חלילה ביים יום הדין וועלען זיי א שווארצע חתימה בעקומען?

און עס טראָגט זיך דורך וואַלד און גאָרטען דאָס הייזעריגע בלאָזען פון א שופר; עס הערט זיך דאָס קרעכצען פון צווייגען געמישט מיט'ן יאָמער פון ווינד; עס שלאָגען די בוימער זיך אשמנו און דער גאַנצער וואַלד ציטערט און פלאַ־ טערט פאַר דעם גרויסען און שרעקליכען יום הדין.

גרייט איז שוין דער בית דין און דער קטיגור לייענט די חטאים פאָר.

אן עפּעלבוים איז דער ערשטער רשע. זיינער א צווייג האָט א שכן'ס א פרי אָבגעשלאָגען און פאַר דעם חטא ווערט ער געמשפּט.

און ער וויינט, דער אָרימער רשע, און שווערט אז ער איז ניט שולדיג. א קונדס האָט א שטיין איהם געוואָרפען און דעם צווייג געטראָפען. פאַר וועהטאָג האָט דער צווייג זיך איינגעבויגען און דיא פרי אָבגעשלאָגען.

„ער פערטיידיגט זיך“, האָט דער קטיגור אויסגערופען, „דאָס הייסט ער איז שולדיג און בעט רחמים. ווייטער“.

דער סניגור וויל זיך אויפהייבען אָבער מען לאָזט איהם ניט. הודאת בעל דין כמאה עדים דמי. עס העלפען קיין טענות ניט.

דער צווייטער איז דער ווינשטאָק. ער האָט שכורים געמאַכט וועלכע האָבען זיך צום טרונק איבערגעגעבען.

און ער צולאַכט זיך, דער ווינשטאָק, מיט חוצפה:

„טרינקען איז א פערברעכען? טאָ זאָל ביי זיי די מיילער פערשטאָפּט ווע־רען! איך האָב קיינעם אין קאָרק ניט געשלאָגען!“

דער סניגור הויבט זיך אויף און דער

קטיגור איז ווי פערשלאָפען, און שטערט איהם ניט.

„וואָס איז דער ווייַנשטאָק שולדיג", טענה'ט דער סניגור, „אז מען טרינקט ביז שכור ווערען? זיין וויין איז זיס און קרעפטיג, א פרייד פאר גאָט און לייט און עס וועט זיין א פערברעכען איהם צו בעשטראָפען".

„לאו עכברא גנבא אלא חורא" שלאָגט איהם דער קטיגור איבער און פערכאַפּט זיך באלד. ער ווייס אז עס איז אומזיסט.

נאָך דעם קומט דער קארשענבוים: א רויבפויגעל האָט פון זיינעם א קארש זיך פערניפּטעם.

„א מערדער! א מערדער!" שרייט מען פון אומעטום און דער אָרימער בוים ציטערט פאר שרעק.

אז עס ווערט שטיל וויל זיך דער מערדער פערטיידיגען, אז דער רויב־פויגעל האָט זיינע בעסטע פירות אָבגע־פרעסען; אז ער איז ניט שולדיג וואָס די קארשענזאפט האָט זיך אין גיפט פער־וואנדעלט ווען דער רויב־פויגעל האָט דארין זיין צונג אריינגעשטעקט, אָבער דער געשריי „מערדער!" און דער יאָמער פון די קרובים פונ'ם רויב־פויגעל האָבען איהם שטום געמאכט.

דער סניגור האָט זיין צונג ניט גע־פונען און דער קטיגור האָט אזוי געשריען און געליארמט, אז דער בית דין האָט זיך געפרעהט וואָס עס האָט גענומען א גיכע ענדע.

דער איילבערט בוים איז געווען דער פיערטער. זיין חטא איז געווען וואָס ער האָט יניקה געצויגען פון א ניט כשר'ן אָרט...

אן אויסרוף פון ערשטוינען האָט זיך פון אלעמענס מיילער ארויסגעריסען ווען זיי האָבען דעם איילבערט בוים דער־זעהן. ער פאר'ן בית דין? דאָס האָבען זיי ניט פערשטאנען.

און ווארפענדיג א בליק ארום זיך איז דער איילבערט בוים געבליבען שטעהן גאנץ רוהיג. אן איילבערט בוים פער'משפט מען ניט אזוי גיך.

דער סניגור האָט אויף איהם א זכות געפונען. פון איהם האָט מען אויל גע־נומען אויף דיא מנורה; די קנייטלאָך פון נר תמיד האָבען אין זיינע פעטס זיך געוויקט און דאריבער—

מעהר דארף ער ניט זאָגען. דאָס איז א גוטער זכות, אויב די יניקה איז פון א ניט כשר'ן אָרט געווען קען נאָך חלילה זיין אז די מנורה איז פסול און דער נר תמיד איז אונריין... דער קטיגור ווייס עס און לאָזט דאָס זייניגע איבערגעהן.

און אזוי איז עס געגאנגען בסדר, בוים נאָך בוים זיינען געקומען, טייל שטאָלץ און זיכער, טייל געבויגען און געבראָכען.

און אז מעהר קיין רשעים זיינען

שוין ניט געווען האט דער בית דין שמש די משפטים פארגעליינט:

„דער עפּעלבוים האט זיך אליין מודה געווען אז ער האט א פרי אבגע־שלאגען פון זיינעם א שכן. דער געדעכ־טער בית דין האט איהם פער'משפט צו וואקסען אהן רעגען.

„דעם וויינשטאקס טענות זיינען אנגענומען געווארען. ער איז ניט שול־דיג.

„א מערדער איז דער קארשענבוים און ווייל ער האט זיך אליין מודה גע־ווען, זאל ער אייביג זיין פרוכט צו דיא רויב־פויגעל אבגעבען. פון טויט האט איהם זיין וידוי גערעטעט. [illegible]

„דער הייליגער איילבערטבוים איז ארוים ריין". [illegible]

„דער... דער"... און אזוי ווייטער ביז'ן סוף. [illegible]

און אז אלע האבען שוין דעם בית־דין זאאל פערלאזען האבען זיך דער קטיגור מיט'ן סניגור אנגעקוקט מיט א שמייכעל און בעגלייט מיט זייערע בלי־קען די בוימער וואס זיינען ארוים פרי־הער.ביידע זיינען געווען צופרידען פון דיא פשרה וואס זיי האבען געמאכט.

דאס נייע לאנד

אין די הרי חושך, ערגעץ ווייט, וואו די ניט־גוטע האבען זייער שליטה, און די טומאה איהר פינסטערע מאכט, האט א רעוואלוציאן אויסגעבראכען. דעם אשמדי'ס יועצים, זיינע בוזים־פריינד. האבען אן איהם מורד געווען, און גע־וואלט זיין טראהן פערכאפּען.

אבער געקעמפּפט פערצווייפעלט האט דער אשמדי, און זיין לילית האט איהם מוט געגעבען און קרעפטען, זי האט די קעפּ פערדרעהט פון די קלוגע יועצים, און זייערע העלזער דורכגעשניטען מיט איהרע נעגעל דיא שארפע, און איהרע פינגער די צארטע האט זי אין זייערע בלוט רויט געפארבען.

און קוים זיינען די אנפיהרער גע־פאלען, האבען די שדים זיך איינציגווייז צוריקגעצויגען, ציטערענדיג און פלאטע־רענדיג. דער אשמדי האט מאסען פון זיי אין קייטען געקאוועט און צו אייביגע געפאנגענשאפט פער'משפט און דיא רע־וואלוציאן איז איינגעשטילט געווארען.

יאהרען לאנג האבען דיא שדים אין הערקער געשמאכטעט, ביז דיא קייטען האבען אנגעהויבען זשאווערען; דעם רעשט האבען זיי מיט דיא צייהן צוביסען ביז זיי זיינען פון געפענגניס ענטלאפען, און איבער דעם ישוב זיך פערשפרייט, וואו עס גרייכט ניט מעהר דעם אשמדי'ס מאכט.

און אז שטאַרקע ווינטען האָבען אויף דער ערד גענומען וואָיען און שטור־מען, האָבען די מענשענקינדער ניט גע־וואוסט, אז דאָס פליהען צו זיי מחנות־ווייז די שדים, זיך צו רעטען פון אשמדיי׳ס הענד, און זיי האָבען איבער די ענדערונג פון וועטער זיך גע׳חדוש׳ט.

און אז אויף דער וועלט איז א גע׳רעטעניש געקומען און טויזענדע מענ־שען זיינען פון הונגער געשטאָרבען; אז די פעלדער זיינען מיט תבואות פול גע־ווען און די וועלדער מיט בוימער, און מענשען זיינען מיט פערשמאַכטע ליפען אומגעגאַנגען און מיט פערפראָרענע גלידער אויף מאַנגעל אין ברויט און אין האָלץ; אז דיא שפייכלער זיינען מיט כל טוב אָנגעפּאַקט געווען און אין אָרימע ענגע וואוינונגען האָט מען נויט געליטען, הונגער און קעלט; אז אין פּאַלאַצען האָט מען זיך אין שאַמפּאַניער געבאָדען און אין הויעך׳דיגע שטיבלאַך איז אפילו קיין וואַסער ניט געווען, האָבען דיא מענ־שען ניט געקענט פערשטעהן פון וואַנען דאָס אונגליק קומט. עס איז זיי ניט איינ־געפאַלען אז דאָס איז דיא ארבייט פון די ניט־גוטע, פון די שדים.

געמיינט האָבען זיי, די מענשענקינ־דער, אז פערשאָלטען איז דאָס לאַנד גע־וואָרען; אז נאָט איז אויף דעם אָרט אין כעס און האָט די מזל־ברכה פון זיי צוגעג־נומען; ביי זיי איז דערפאַר געבליעבען אויסצו־וואַנדערען אנדערשוואו זוכען זייער חיונה.

— — — — — — — — — — — — —

אין א זומפּ א טיפען אין א מדבר ערגעץ ווייט, וואו מענשען געהען ניט, וואו פויגעל פליהען ניט און בלומען בלי־הען ניט, האָבען שדים צוויי זיך א נעסט געמאַכט.

אויך זיי האָבען פאַר דעם אשמדיי׳ס צאָרן געציטערט און זיינען פון געפענ־גענים ענטלאָפען, אָבער זיי האָט דער ווינד אין מדבר פערטראָגען, וואו זיי האָ־בען א צייט לאַנג ארומגעבלאָנזשעט, ביז זיי האָבען דעם זומפּ אויסגעפונען און דאָרט זיך בעזעצט.

— — — — — — — — — — — — —

און אז די מענשענקינדער האָבען דעם וואַנדערשטאַק אין האַנד גענומען און זיינען א נייע היים געגאַנגען זוכען זיינען זיי אין מדבר געקומען, און פּונקט צו דיא שדים געטראָפען.

גליקליך א פריינדליכען פנים צו בע־געגנען און צופריעדען א ליבליכען וואָרט אויסצוהערען, האָבען זיי זיך אן די שדים פערטרויט, ניט וויסענדיג אז מיט ניט־גוטע האָבען זיי א בונד געשלאָסען.

און די שדים האָבען מיט א וויכען קול צו די מענשען זיך געווענדעט:

„אָרימע ברידער! ס׳הארץ פער־געהט אונז פאַר רחמנות, ווען מיר זעהען אייער עלענד און פערצווייפלונג. מיר

אויגען געעפענט, איז דער זאנג פער־שוואונדען געווען.

און די שדים האָבען זיך ווילד צו־שריען:

„גנבים זיינען ביי אייך פאראן! דעם ביכען פון מויל וואָלט איהר איינער ביי'ם צווייטען אויסגעריסען! אויף שלאַנגען האָבען מיר רחמנות געהאט!"

און די מענשען האָבען די קעפּ אראָב־געבויגען און געשוויגען.

אויף א ווײַלע האָט א טויטע שטיל־קייט דאָרט געהערשט, די שדים האָבען ווידער אויסגעשריען:

„וועכטער מוז מען מאכען! היטער פאר אייער האָב און גוטס. היינט האָט מען בלויז א זאנג גע'גנב'עט וואָס וועט מאָרגען זיין?"...

און מען האָט וועכטער געמאכט.

קיין איינציגע זאנגען האָט מען שוין ניט גע'גנב'עט; דיא וועכטער האָבען געזאָרגט, אז אזעלכע גנבות זאָלן מעהר ניט פאָרקומען. די שדים האָבען מעהר ניט געציטערט און מעהר ניט געשריען, דערפאר האָבען זיי געלאכט, ווילד און שפּאָטיש געלאכט....

דער ערשטער שנעע

פערטראכט זיצט יהוה, אומעטיג און פערזאָרגט; חרטה האָט ער, דער אלמעכ־טיגער, אויף דעם וואָס א נדר האָט ער זיך געגעבען, מעהר קיין מבול ניט צו ברייגנגען.

זינדיג זיינען זיי, די מענשענקינ־דער; שלעכט און פערברעכעריש! פונקט ווי דעמאָלט, ווען יהוה האָט די פענס־טער פון הימעל געעפענט און די מייי־לער פון אפּגרונד און עס דאָט נערעגענט, געגאָסען אזוי לאנג ביז פערפוילט זיינען געוואָרען די לייכען פון די זינדער, און זייערע ביינער צוקראָכען.

איצט אָבער איז ער געבונדען יהוה; געשוואָרען האָט ער מעהר קיין מבול ניט צו בריינגען, און אויף דער ערד געהט אלעס אזוי קאפויר!... אין גאָט גלויבט מען ניט, אין שוהל געהט מען ניט, די פּרעדיגער וויל מען ניט הערען, און די ווענינע וואָס טוען עס יא, זיינען פערשטעלט און מאסקירט....

פון אונטער'ן כסא הכבוד קריכט לאנגזאם ארויס דיא פינסטערע גע־שטאלט פון'ם שטן. אין זיינע גרינע שלאנגען־אויגען בלישצעט א בייזער פייערל, און א וואָרף טוענדיג א לאנגען, דורכדרינגענדען בליק אויף יהוה'ס צו־קנייטשטען שטערן, צולייגט זיך א משונה־הנאה'דיגער שמייכעל אויף זיינע ליפּען. ער פערבייסט די צונג צווישען

זיינע אויסגעפּצירעטע צייהן און האלט זיך קוים איין ניט ארויס צו פּלאטצען אין א געלעכטער.

א מינוט שפּעטער ליגט שוין דער שטן נעבען יהוה'ס פּיס, און קושענדיג דעם זוים פון זיין מאנטעל רופט ער אויס מיט הכנעה:

„גרויסער גאָט! ווער איז דער רשע וואָס האָט דיין היילינקייט אזוי דערצאָרענט? בעפעהל און איך וועל איהם אין שטיקער צורייסען!"

„זיי זיינען עס, סמא"ל, די אונגלויבינע מענשען", האָט יהוה אויסגערופען און א צייכען נעגעבען, דער שטן זאָל זיך אויפהויבען, „ארויב זיינען זיי פונ'ם גלייכען וועג; מיין תורה האָבען זיי פערלאָזען, מיינע פערטרעטער הערען זיי ניט, און פון מיינע ווערטער ווילען זיי ניט מעהר וויסען".

„די פערשאָלטענע" קריצט דער שטן מיט די צייהן בשעת זיין הארץ קלאפּט פאר שמחה „א מבול ברייננ אויף זיי. גרויסער גאָט!"

„אָבער מיין שבועה?"...

דער שטן פערטראכט זיך. אָבער פּלוצלינג שפּרינגט ער אויף; א געדאנק איז איהם איינגעפאלען.

„גרויסער גאָט!" זאָגט ער מיט התפעלות „דו מיט דיין טייערע תורה, האָסט שוין לאנג צו אלעם א מיטעל געפונען; אויף יעדען וואָרט האָסטו פּינטעלאך און שטריכעלאך געמאכט, אז ווי מען וויל, קען מען זיי ערקלעהרען. דיינע גערעכטע משפּטים זיינען אזוי גוט איינגעשטעלט אז מען זאָל אלע מאָל אין זיי געפינען דאָס וואָס מען דארף און דאָס וואָס מען וויל... האָסטו אן איבור געמאכט, האָסטו א „ויש לישב" ביי דער זייט איהם געגעבען, און טאָמער, גרויסער גאָט, איז דאָס נאָך ווייניג געוועזען האָבען דיינע מרא דאתרא'ס פאר דעם רעשט געזאָרגט... איז מיט א פּשט'ל איז מיט א דריידעל — פערפאלען אָבער, גרויסער גאָט, קען מען אין דיין תורה ניט ווערען".

דער שטן איז אויף א מינוט שטיל געוואָרען. יוהוה'ס פּנים האָט זיך אביסעל אויסגעלייטערט, און דער שטן האָט ווייטער גערעט:

„אמת טאקע, גרויסער גאָט, קיין מבול פון וואסער טאָרסטו ניט ברייננען, אזוי שטעהט אין דיין תורה, אָבער אויף שנעע האָסטו דאָך קיין שבועה ניט געגעבען".

דער שטן איז פערשוואונדען געוואָרען און יהוה האָט איהם פערשטאנען.

— — — — — — — — — —

און די לופט איז פּלוצלינג קאלט געוואָרען, און פון הימעל האָבען זיך קלאָהר־ווייסע פּינטעלאך גענומען שיטען און שיטען—דאָס איז דער ערשטער שנעע געוועזען...

האבען די מענשענקינדער זיך תחלת דערשראקען. עפעס א חדוש איז עס זיי געווען, א וואונדער; שפעטער אבער ווען זיי האבען אביסעל זיך בערו־היגט, האבען עטליכע זיך אנגעטאהן א כח און אין דרויסען ארויס. נאכדעם האבען דיא איבריגע זיי נאכגעטהון...

און די זעקס־עקיגע, ווייס־צארטע פינטעלאך זיינען דערווייל אלץ מעהר און מעהר געפאלען; דער גאנצער גרונד איז מיט זיי שוין פערדעקט געווען.

העכער און העכער האט זיך דיא שנעע־מאכע אנגעלייגט, און דיא פינטע־לאך זיינען אלץ געדיכטער געווארען און סך'ענווייז געפאלען.

און דיא מענשענקינדער האבען מיט שרעק און שטוינען צוגעקוקט, וויא עס ווערט א תל פון יונגע, בליהענדע בלו־מען; וויא עס פערבויגען זייערע קעפ־לאך דיא ־אָזען אונטער דיא שנעע דעקע, און אליין האבען זיי שוין אויך דיא קעלט געפיהלט, די זינדיגע! זיי האבען נאך אלץ נים פערשטאנען, אז דאס איז יהוה'ס ראכע, אז א שנעע־מבול איז אויף דער ערד געקומען.

און בייסענדער און בייסענדער איז דיא קעלט געווארען. ווילען די מענשענ־קינדער זיך אין זייערע הייזער אריינכא־פען און זעהן, וואס ווייטער וועט זיין, קענען זיי ניט; דער שנעע האט דעם אריינגאנג פערלייגט!

ערשט דאן האבען זיי אלעס פער־שטאנען...

און דיא פעהיגע, דיא שטארקע און מוטהיגע; דיא פלייסיגע, דיא טהעטי־גע און בראווע האבען זיך כלל נים אב־געשראקען; א מלחמה זאגען זיי, ווערען זיי פיהרען מיט יהוה'ן, און לאז עס זיין וואס עס וויל.

לאכט דער שטן, אבער זיי קימערן זיך נים...

און דיא טויזענדע הענד האבען זיך באלד אין שנעע געווארפען, און שנעל וויא דיא רוחות האבען זיי איהם הויפענווייז פערווארפען ערגיץ ווייט, ווייט אוועק; דיא פינגער זיינען ביי זיי רויט געווארען, די אדערן בלויער, אבער גלייך וויא זיי געהט עס גאר ניט אן; זיי אר־בייטען אלץ מיט מעהר כח און געשיקט־קייט...

אבער זיי ציטערן, דיא אונפעהיגע, דיא שוואכע און מוטהלאזע; א שוידער לויפט דורך דיא פוילענצער, דיא טויגע־ניכטסען און שרעקענדיגע. מורא האבען זיי מיט יהוה'ן זיך איינצורייסען. אפשר, אפשר... און דער „אפשר" מאטשעט, ווי א ווארעם זיי.

און אז זיי זעהן, וויא עס ארבייטען דיא פעהיגע, פלייסיגע און טהעטיגע, גלויבען זיי תחילה נים אז זיי וועלען אויספיהרען; אבער אז זיי זעהן, וויא דיא ארבייט ווערט געטהאן אזוי שנעל,

אזוי ערנכט, גלויבען זיי ניט אז יהוה וועט אויספיהרען. און אזוי צאפלען זיי זיך, וויא דיא שדים, צווישען גאט און מענש.

דיא קעלט איז שטארקער שוין גע־וואָרען און דיא פלייסיגע האָבען א מי־טעל געזוכט, וויא זיך צו שיצען; שפע־טער האָט א טייל פון זיי ווארימע קליי־דער פאר'ן קערפער געמאכט און הענ־טשקעס פאר דיא הענד.

אוים רחמנות האָבען אויף דיא פוי־לענצער און שרעקעדיגע, קליידער בעקו־מען, און ווען דיא פלייסיגע האָבען דער־פאר א דאנק געקראָגען, ויינען זיי רויט געוואָרען — דאָס איז דער ערשטער דאנק געוועזן; ביז דאן האָט יעדער דאָס זייניגע געטהאָן, און קיינער האָט קיי־נעם ניט דאנקען גערארפט.

און אז דיא פלייסיגע האָבען גע־זעהן, וויא אונבעקוועם עס איז מיט דיא הענד דעם שנעע צו ראמען, און אז דער שנעע איז אונטען פעסט פערפראָרען, האָבען זיי א תחבולה געזוכט דערצו: באלד איז די לאָפעטע געמאכט געוואָרן, דער בראָך־אייזען און דיא האק.

שפעטער האָבען זיי דיא טאטשקע בעשאפען, מיט וועלכע זיי האָבען דעם שנעע ווייט פערפיהרט, און דיא דאמפף־מאשין, וועלכע האָט איהם דאָרט צו־שמאָלצען.

און זעהענדיג די געאָפפערטע כחות, זיינען די שוואכע און פוילענצער מוטי־גער געוואָרען, און זעהענדיג די פער־פראָרענע און געפאלענע, זיינען זיי מוט־לאָזער געוואָרען.

און דער שנעע איז מאסענווייז גע־פאלען, אָבער אויך מאסענווייז אָבגע־ראמט און צולאָזען אין שמוציגע וואסער; די העק און בראָך־אייזענס זיינען טהע־טיג געוועזן דעם פערגליווערטען אייז צו האקען; דיא לאָפעטע און דיא טאטשקע האָבען א מינוט ניט גערוהט, און די דאמפף־מאשין האָט אויך דאָס איהריגע געטאָהן. דיא הענד פון די פלייסיגע האָ־בען אלעם איבריגע פערזאָרגט.

און די שוואכע און פוילענצער האָבען תחילת געקושט די הענד פון די פלייסי־גע, שפעטער זיינען זיי מיט א דאנק אָב־געקומען. נאָכדעם האָבען זיי גאָר גע־שוויגען, און צום סוף האָבען זיי ניט אנדערש געמיינט, אז אזוי בעדארף עס זיין, אז יענע דארפען אלעם טאָהן פאר זיי.

— — — — — — — — — — —

אויפגערעגט איז יהוה, אין כעס אויף די מענשענקינדער, וועלכע האָבען איהם גובר געוועזן; עס געהט א רויך פון זיין מויל, און פון זיינע אויגען שפריצען פייער־פונקען; עס ציטערט דער טהראָן אונטער איהם און די מלאכים וואָרפט עס איילען־הויך פאר שרעק...

„פערשאָלטען זאָלען ווערען די אונ־

גלויביגע!" האָט א דונער געטהאָן די געטליכע שטימע, „דיא הענד, וואָס האָבען די טאטשקעס געפיהרט, זאָלען צו זיי צוגעשמידט בלייבען! די לאָפּעטע, די האק און דער בראָך־אייזען זאָלען פערגליווערט ווערען צווישען די פינגער פון די יעניגע וואָס האָבען זיך מיט זיי בענוצט, און לדור־דורות זאָל עס צו זייערע קינדער און קינדס קינדער איבערגעהן. די דאמפף־מאשין זאָל זייערע כחות רויבען און דעם לעבען פערקירצען, און די יעניגע וואָס האָבען זיך געוואָרפען אי אהין, אי אהער, זאָלען אויף אלע מאָל אזוי פערבלייבען, שוואך און פויל ווי זיי זיינען געווען, אָבער דערפאר וואָס זיי האָבען דיא הענד געגען מיר ניט געהויבען, זאָלען זיי זייער נאהרונג און קליידער, פונקט ווי איצט, פון יענע קריגען: יענע זאָלען האָריוועו און די זאָלען געניסען; יענע זאָלען זייען און שניידען און די זאָלען עסען".

דעם שטן'ם ווילדער געלעכטער האָט די לופט פערקלונגען, און ציטערענדיג מיט אלע זיינע גלידער, האָט מיכאל א פרעג געטאָהן:

„גרויסער גאָט, ביז וואנען?"

און יהוה האָט געענטפערט:

„ביז יענע וועלען אויפהערען צו געבען..."

מיתות בית דין

געווידמעט די קרבנות פון „גערעכטיגקייט"

ווען גאָט האָט די וועלט בעשאפען האָט ער דעם מענשען, דעם בחיר היצורים. אייביג לעבען אָנגעשריעבען. דורך זיינע זינד אָבער האָט דער ערדענקינד דעם טויט פערדיענט און פון דעמאָלט אָן האָבען זיי שטארבען אָנגעהויבען, די רשעים, איינער פריער, דער צווייטער שפעטער. געשטאָרבען איז מען פון אלטקייט, פון שוואכקייט און פון נאך אזעלכע נאטור־קללות וואָס זיין ליבער נאָמען האָט אויף דעם מענשען אָנגעשיקט.

דעם מענשען איז אָבער ווייניג געווען גאָט'ס פורעניות און ער האָט זיך איינגענע צרות געשאפען. און אז אויף דער ערד האָבען די ציוויליזירטע מענשענקינדער דעם שווערד אויסגעפונען און איהם שארף געשליפען דעם צווייטענס בלוט צו פערגיסען, איז די פמליא אין הימעל זיך צוזאמענגעקומען און האָט געקלעהרט, וועלכע רשעים זאָלען דורכ'ן שווערד געטויטעט ווערען.

און צו דיא שווארצע חתימה פון

די זינדיגע איז נאָך א טויט צוגעקומען און דער סופר פון בית־דין האָט מיט רויטע טינט פערצייכענט: דער וואָס האָט זיך מיט׳ן שווערד בענוצט דער זאָל דורך איהם שטארבען.

אָבער דיא ציוויליזירטע מענשען־קינדער האָבען מיט יעדען חודש, מיט יעדע וואָך, מיט יעדען טאָג און מיט יעדע שעה מעהר פראָגרעסירט און מעהר מאָרד־אינסטרומענטען אויסגעפונען. די פמליא אין הימעל האָט דאריבער רוהען נים געקענט און אלע ווײלע אסיפות געהאט. דיא גראדען פון עבירות האָבען טאג־טעגליך געמוזט געענדערט ווערען ווײל מען האָט בעדארפט קאנדידאטען מאכען פאר דיא נייע מאָרדוואפען.

און אזוי האָט מען נענוג רשעים אויסגעקליעבען פאר׳ן שפיז, פאר פייל־און־בויגען און פאר פולווער; פאר גיפט, פאר רפואות און פאר אנדערע נאטור־כהות, וועלכע די ציוויליזירטע מענשען־קינדער האָבען פערשטאנען ווי אויסצו־נוצען צום שלעכטען.

איז די פמליא פריער ערשטוינט געוועזען איבער די שארפקייט פון מענ־שענס שכל וועלכער רוהט ניט און ראסט נים, וועלכער שטעלט זיך מיט קיין זאך נים צופריעדען און זוכט און פאָרשט די סודות פון נאטור, אָבער מיט דער צייט איז דער מענשליכער פראָגרעס זיי מיאוס געוואָרען.

קיין מגוחת שעה האָבען זיי ניט געהאט! אלע טאָג אסיפות; אלע טאָג אויפ׳ס נײ בלעטערן דיא רשעים־ליסטען און זיי איינטיילען פאר ניי־אויסגע־קלעהרטע מיתות; אלע טאָג וועגען און מעסטען די עבירות, פערהערען, בע־טראכטען די טענות, ריידען, זאָגען, זיך קריגען — עס איז זיי איבערדריסיג גע־ווארען.

ווידער נייעס! דיא עלעקטרישע קראפט האָבען מענשען ענטדעקט און די פמליא זיצט און שוויצט. וואו נעהמט מען רשעים? עס זיינען שוין באלד מעהר שטראפען דאָ, ווי זינדיגע. די זעלבע האָבען שוין זייערע התימות, זייערע טויטען, וואו נעהמט מען נייע?

און עס שוויצט די פמליא, עס קלעהרען די סנהדרין, און זייגען פער־צווייפעלט. „קארג עפעס מיתות פאראן, וואָס מען דארף נאָך?“ מורמלען זיי מיט א שטילען בייזער.

ניטאָ מעהר“, שרייט אוים אויפ׳ן קול דער יושב־ראש, „איך האָב אלע ביכער נאָכגעזוכט און קיין נייע רשעים ניט געפונען. ווער עס איז פאר פייער בעשטימט און ווער פאר וואסער; ווער פאר הונגער און ווער פאר דורשט אָבער זיין משפט האָט שוין יעדער. די תורה איז שוין 10 מאָל אזוי שווער געוואָ־רען, יעדע מינוט ווערען נייע חוקים גע־

שאַפען אָבער עס קלעקט אַלץ ניט צו מאַכען אַזוי פיעל רשעים ווי פיעל מען דאַרף פאַר אַלע מיתות".

און גלייך ווי ער זאָל וועלען אויפ־רייצען דעם יושב־ראש, טרעט איינער פון די סנהדרין אַרויס און ערקלעהרט, אַז דיא ניי־ערפונענע קראַפט קען עטליכע מיתות פערשאַפען: די דראָטען אין וועלכע זי געפינט זיך, די וועגען ווצס ווערען דורך איהר געטריבען און די מאַ־שינען וואָס זי זעצט אין בעוועגונג איז יעדער פאַר זיך א מלאך המות. מען מוז דאַריבער פאַר יעדען גענוג זינדיגע געפי־נען וועלכע זאָלען דורך זיי שטאַרבען.

און עס שוויצט די פמליא, עס קלע־רען די סנהדרין און זיינען פערצווייי־פעלט, וואָס טהוט מען? וואו נעהמט מען רשעים?...

און עס ווערט שווערער די תורה, מעהר און שטרענגער די חוקים, שווער אויסצוהיטען זיינען זיי, מען בינדט יע־דען טריט, מען קאָוועט יעדען צונג, מען לאָזט קיין הארץ רעגעלמעסיג ניט שלאַ־גען, און קיין אטהעם אָבכאַפען. רשעים דאַרף מען פאַר די טויט־אינסטרומענטען און מאָרד־געצייג און מאַכט עס ניט אויס דורך וועלכע מיטעל, קריגען מוז מען זיי!...

מיד, פערמאַטערט אין די פמליא, און די סנהדרין הויבען זיך פויל אויף פון די ערטער, אויף וועלכע פיעלע פון זיי זיינען שיער ניט איינגעשלאָפען פון לאַנגוויילינקייט. פלוצלונג שרייט איי־נער אויס:

„מחשבות'ן, נאָך א מלאך־המות האָבען די מענשענקינדער אויסגעפונען, — דיא גערעכטיגקייט!"...

„גענוג! ניטאָ מעהר קיין רשעים!" האָבען די מידע סנהדרין געשריען, „אויסהאַלטען קען מען פון זיי ניט!"...

„די גערעכטינקייט פאַר די גערעכ־טע!" האָט איין שטימע זיך געלאָזט הערען. און אַבי ניט ווייטער צו שוויצען האָבען די איבריגע פאָטאקעוועט:

„די גערעכטיגקייט פאַר די גע־רעכטע!"....

און אין די ליסטע פון שטראַפען, פון חולאַת'ן און מיתות, אונטער דעם קע־פיל „גערעכטיגקייט" האָט דער סופר פון בית דין מיט גרויסע ווערטער און רויטע טינט פערצייכענט „די גערעכטע"...

דיא הינד

א מאָל איז געוועזן א בעל־הבית און דער בעל־הבית האָט א סך בהמות גע־האַט אין זיינע שטאַלען.

די קיה האָט ער געמאָלקען, די שעפסען געשאָרען און די הינד צוגע־וואָרפען א ביין.

אמאָל זיינען דיא ביינער פעט גע־ווען, אָבער וואָס ווייטער זיינען זיי מאָ־

נערער געוואָרען. די קיה האָבען זיך ניט געבריקעט און זיך געלאָזט מעלקען; די שעפּסען האָבען געשטומט און זיך געלאָזט שערען און די הינד זיינען דאָריבער אַן איבּריגע זאַך געוואָרען. דערצו זיינען זייערע ציין שוין פערפוילט געוועזען פון בייסען און זייער קול הייזעריג פון בילען, צו וואָס זשע האָט דער בעל־הבית זיי געדאַרפט?...

אמת, א צייט איז געוועזען ווען די הינד האָבען איהם נוצען געבראַכט; א צייט איז געוועזען ווען די הינד האָבען שאַרפע ציין געהאַט און געזונדע מיילער צו האַוקען און בייסען יעדע קוה און יעדען שעפּס וואָס האָט די העזה געהאַט זיך צו פערקרימען ווען מען האָט צוזאַמען מיט זייער מילך און וואָל די בלוט אויסגעצאַפּט פון זיי און די פלייש געריסען. אָבער פאַר געוועזענע צאָהלט מען ניט און היינט זיינען די קיה און די שעפּסען ווי בלויז פון מילך און וואָל געמאַכט. פון בלוט און פלייש איז קיין שפּור ניט געבליבען, צו וואָס זשע האָט דער בעל־הבית די הינד געדאַרפט?...

אָבצוזאָגען די הינד האָט דער בעל־הבית קיין מוט ניט געהאַט. פאַרט געטרייע דינער געוועזען! און ער האָט זיי אַלץ מאָגערערע ביינער צוגעוואָרפען זיי זאָלען אַליין פערשטעהן וואָס מען מיינט. זייערע בליקען האָבען אויך גענוג נערעט און די הינד האָבען פערשטאַנען אַז שלעכטע צייטען האָבען זיך אָנגעפאַנגען.

געוואוסט האָבען זיי די אָרימע הינד אַז זיי איז איצט שלעכט פוןביידע זייטען. צוזאַמען מיט זייערע ציין האָבען זיי זייער חן פערלאָרען ביי'ם בעל־הבית אין די אויגען און דיא קיה און די שעפּסען געדיינקען נאָך געוויס די שטיקער פלייש וואָס די הינד האָבען פון זיי געריסען כדי פון בעל־הבית א פעטערן ביין צו בעקומען.

און נאָך א לאַנגען קלערען איז דאָך ביי די הינד געבליבען אַז זיי זאָלען צו די קיה און שעפּסען זיך ווענדען. יענע זיינען פאָרט בהמות, מען וועט זיי לייכט קענען איינריידען אַז די הינטישע נשמות ווילען באמת זיך מחזיר למוטב זיין און איינס פון די ביידע: ווען די קיה און שעפּסען כח האָבען זיך ענטקעגען בעל־הבית צו שטעלען וועלען די הינד אויף זייער צד זיין און ווען ניט, וועלען זיי דאָן צום בעל־הבית זיך צולאָזען — דערפאַר האָט א בעל־הבית אויך האָלד און אַזוי איז געוועזען.

די הינד, גרויסע מיילער פון אייביג אָן, האָבען די קיה און די שעפּסען פערופען און צו זיי אַזוי געזאָגט:

„גענוג האָט דער בעל־הבית אייער מילך געזויפט און וואָל געברויכט; גענוג האָט ער אייך שטרוי נעגעבען אנשטאט זאַפטיגע גראָז — גענוג!

איהר ווייסט אז אונז פעהלט קיין זאך ניט, און דאך האט אייער לאנגע אזוי טיף געריהרט אונז אז מיר האלטען מיט אייך און ועלען צוזאמען קעמפפען, מורד זיין געגען בעל־הבית!"

און די בהמות האבען ניט פערשטאנען וואס דא טהוט זיך. די הינט מיט זיי? דאס האבען זיי ניט ערווארטעט. געמיינט האבען זיי, אז די צייט איז געקומען, ועז קאץ און מויז, קינד און שלאנג און הונד און שעפס וועלען צופרידען לעבען און זיי האבען פאר שמחה געטאנצט; ניט בעגריפען האבען זיי, אז דעדפאר ווילען די הינד מיט זיי צוזאמען געהן ווייל ביי'ם בעל־הבית קענען זיי קיין שוץ ניט געפינען — בהמות, וויא אזוי האבען זיי עס נעקענט בעגרייפען?...

און אז די מלחמה האט זיך נעדארפט אנהויבען האט דער בעל־הבית זיך תחלת דערשראקען. ער האט אבער זיינע הינד צו גוט געקענט און געלאזט וויסען אז ער וועט די שטאלען צושליסען און די בהמות קיין שטרוי אויך ניט געבען...

האבען די בהמות זיך דערשראקען און די הינד זיינען צום בעל־הבית נעקומען, זיך צו איהם געלאסצעט און זי נע שמיועל געלעקט מיט זייערע האלב־רויטע צינגער. „געטריי זיינען מיר דיר" האבען זיי געזאגט „געטריי ביז'ן טויט. נור צוליב דיר, גרויסער און גוטער בעל־הבית זיינען מיר צו די גרויסע מדרגה פון חינד געקומען און מיר זיינען דיינע, דיינע. מיר זיינען ניט קיין מורדים אזוי וויא זיי".

געוואוסט האט דער בעל־הבית אז דאס איז חניפה און ער האט געוואלט זיי אין די הינטישע פנים'ער אנשפייען. ער האט אבער די שפייעכץ בעהאלטען פאר אן אנדער צייט, א בעסערע...

און די קיה מיט די שעפסען? זיי קייען ווייטער שטרוי!...

דער גולם

(פון ווילנער פנקס)

אז דער גאון האט א גולם געמאכט ווייסען אלע, אבער ווי אזוי ער האט איהם געמאכט—דאס ווייסען נור יחידי סגולה.

אז דער גולם האט אלע ארבייט געטאהן, אויב מען האט איהם נור געהייסען ווייס יעדער, אבער וויא אזוי ער האט עס געטאהן—דאס איז א סוד.

א מקובל איז דער גאון געווען, האט ער פון ליים און בלאטע א מענשען געמאכט; א מענש מיט הענד און פיס, מיט שטארקע מוסקולען און געזונדע פלייצעס.

האט מען בעדארפט האלץ האקען הייזער צו בויען, האט מען דעם גולם

נור איין וואָרט געזאָגט: „האַק", און ער האָט געהאַקט און געהאַקט ניט מיד־ווערענדיג; האָט מען בעדאַרפט שטיינער רייסען, ציגעל קנעטען, ליים טרע־טען און פאַבריקעס סטרויען—האָט דער גולם עס אַלץ געטאָהן.

וויא אַזוי? א קליינינקייט האָט דער גאון געטאָהן. בשעת ער האָט דעם גולם'ס גלידער אויסגעקנאָטען האָט ער אין זיינע אָדערן קיין ווארימע בלוט ניט אריינגעגאָסען; זיין מאַרך־ביין האָט ער פון ליים געמאַכט און אין דעם אָרט וואו ס'דאַרף שלאָגען א פיהלענדע האַרץ האָט ער אריינגעטאָהן בלאָטע, פשוט'ע בלאָטע וואָס מען טרעט מיט די פיס.

און אַז אין שטאָט האָט זיך גע־וויזען אַזא ליימענער מענש, האָט זיך יעדער מיט איהם בענוצט און געשאַפט ווי מיט זיין אייגענס. ער האָט ביי יעדען פעטשיירעכ געהייצט, וואַסער געטראָגען און פייער געמאַכט; ער איז א גולם גע־ווען, און האָט ניט געוואוסט אַז ס'איז דאָ עפּעס אַזוינס וואָס רופט זיך סכנה, אָדער וואָס איז צו שווער.

אַזוי איז דער גולם א קהל'שער גע־וואָרען, בעלאַנגט צו אַלעמען און גע־ארבייט פאַר אַלעמען. שלאָפען פלעגט ער אויפ'ן בית המדרש בוידעם, אויב מען האָט איהם געזאָגט אַז עס איז שוין צייט דערצו, אַז ניט האָט ער געקענט אויף זיין נעכט, דערויף איז ער דאָך א גולם געוועזען, וואָס טהוט נור וואָס מען הייסט איהם.

אַז דער גאון האָט א גולם געמאַכט, ווייסען אַלע, אָבער ווי אַזוי ער האָט איהם געמאַכט—דאָס ווייסען נור יחידי סגולה...

וואוהין?

זאָל ער געהן ווייטער? וואוהין? איבער זיין קאָפּ, רונד און אַרום וויא ווייט זיין אויג קען בליקען, איז פערשפּרייט א פייער־רויטער, קופּערנער הימעל, און אונטער זיינע פיס ציהט זיך אן אונענדליכע, זאַמדיגע וויסטע; קיין בוים, קיין בלום און קיין גרעזעלע איז ניט צו זעהן, און קיין הויך, קיין אָטהעם פון א לעבעדיגע זעעלע איז ניט צו פיה־לען. נור ער אַליין איינזאַם און עלענד, וואַנדערט דאָ אַרום זוכענדיג אן ענד, א ברעג צו דיזע אימה'דיגע וויסטע.

און די הייסע, צוגליטע זאַמדשטיינד־לאַך קריצען אונטער זיינע פיס און רייי־צען אויף זיינע נערוועז; זיין קאָפּ איז כמעט פערברענט פון דיא שרעקליכע היץ, דיא בלוט פליסט האַסטיג און רעש'דיג אין זיינע אָדערן און אין דיא שלייפען האַקט איהם ווי מיט האַמערס, דאָך געהט ער ווייטער.

ווייטער, ווייטער, אָהן א ציעל און אָהן א צוועק; ווייטער, ווייטער, ניט געפינענדיג קיין שפּור, קיין צייכען פון לעבען.

וועט ער אין מדבר אויסגעהן? וועט די פייער־הייסע זאַמד זיין דער קבר אין וועלכען ער וועט געפינען רוה נאָך זיין לאַנגע, געפעהרליכע רייזע אויף דיזען פוסטען און איינזאַמען וועג? וועט ער דאָ ניט בעגעגנען א לעבעדיגע זעעלע, וועלכע זאָל א ביסעל צוטרייבען זיינע מרה־שחורה'דיגע געדאַנקען און איהם געבען א שטראַהל האָפנונג אויף בעסע־רע צייטען? וועט זיך דיזע וויסטע קיינ־מאָל ניט ענדיגען, און זיין לעבענס־

לאַנג וועט דער פייערינער הימעל איהם ברענען און שטיקען? וועט דאָ קיינמאָל ניט וואַקסען אַ בוים אָדער אַ בלום צו ערפרישען און ערמונטערן דעם מידען וואַנדערער?

זאָל ער געהן ווייטער? וואוהין?

איבעראַל דער זעלבער הימעל, איבעראַל דיא זעלבע זאַמד, צו וואָס זאָל ער ברעכען זיינע אָפּגעשוואַכטע, מידע פיס און געהן ווייטער?

הא, וואָס הערט ער? אַ געביל פון הינד? נאַרט איהם זיין פאַנטאַזיע ניט אָפּ? ניין, ער הערט דאָס בילען פון אמת'ע, לעבעדיגע הינד.

ווייטער, ווייטער, וואַנדערער! דריק פעסטער איין דעם וואַנדערשטאָק אין דיין האַנד און געה פאָרווערטס! דאָרט וואו הינד זיינען דאָ, מוזען מענשען אויך זיין!...

שפּייען

(אַ מעשה'לע פאַר קינדער.)

אַ מאַמע מעג זיך אַ מאָל אָנקוועלען פון איהר קינד'ס אַ חכמה'לע, וואָס אַ גרעסערעס קינד וואָלט דערפאַר געוויס בעשטראָפט געוואָרען; אַ טאַטע מעג זיך די גרעסטע הנאה האָבען, ווען דאָס מוזיניקעל זיינס רייסט איהם די באָרד, ווען ער האַלט עס אויף די הענד, פון דעסטוועגען דאַרפט איהר קינדערלאַך וויסען אַז רייסען דעם טאַטענס באָרד איז ניט אַזאַ חכמה, און אַז טאָהן אַזאַ זאַך, וואָס ווען אַן אַנדערער וואָלט עס געטאָהן וואָלט ער בעשטראָפט געוואָרען, דאַרף מען ניט.

מען בעדאַרף עס ניט טהאָן, אייגענטליך פאַר דערפאַר, ווייל אויסער טאַטע-מאַמע און אויסער עטליכע פריינד, וואָס גיבען אַ קניפּ אין בעקעלע בשעת מען טהוט עס, זיינען דאָ אַ סך אויסערליכע מענשען און אויסערליכע זאַכען וואָס ווילען דאָס ניט ליידען, און פון זיי קען מען אַ מאָל די פערדיענטע שטראָפע בעקומען.

איך מיין חלילה ניט אייך צו מוסר'ן ליבינקע קינדערלאַך, איך וויים, אַז מוסר'ן העלפט זעהר ווייניג. איך וויל נור אייערע ביינדעלאַך פערהיטען מיט אייך זאָל אַזוינס ניט פּאַסירען, ווי מיט דעם אינגעל, פון וועלכען איך געה אייך דאָ דערצעהלען.

הערט זשע מיך אוים:

אַ מאָל איז געווען אַ אינגעל מיט אַ סך קינדערשע זיטען.

איך וויים ניט, צו פאַר ווילדקייט, צו פון דער געוואוהנהייט גרינג צו שעצען אַלץ וואָס האָט קיין שכל אָדער קיין מוט זיך צו פערטהיידיגען, האָט ער ליעב געהאַט צו שפּייען אויף'ן גלאָז פון דעם לאָמפּ, וואָס האָט אין דיא גרויסע ווינטער-אָבענדען בעלויכטען זייער הויז.

עפּעס האָט ער געפיהלט אַ מאָדנעם פערגעניגען שפּייענדיג אויף'ן גלאָז, און וואָס מעהר ער האָט געשפּייט, האָט זיך זיין ווילדקייט פערגרעסערט און ער האָט נאָך מעהר געשפּייט.

און דאָס גלאָז האָט געשוויגען. פאַר וואָס?

ערשטענס, איז ער שוין געווען געוואוהנט דערצו, פון זיין געבאָרען-טאָג אָן. יעדעס מאָל, ווען די דינסטמיידעל פלעגט איהם געפינען אַ ביסעל פעררויכערט פון'ם פייער, פלעגט זי איהם אָבּ-שפּייען ווי גרוים ער איז געווען, און אַזוי

לאנג רייבען ביז דיא שווארצקייט צוזא־מען מיט קליינע טיילכלאך פון איהם אליין פלעגט אראבפאלען. און דאן האט ער געשוויגען, ווייל זי האט איהם איינ־גערעדט, אז זיא טהוט עס פון זיינט וועגען, ער זאל ווערען א ביסעל רייגער און שעהנער. און אפשר האט ער געשוויגען דערפאר, ווייל ער איז געגאסען געווארען פון גלאז — א מעטאל, וואס פיהלט ניט.

וואלט ער ווי א מענש פון פלייש און בלוט געקנאטען געווען, וואלט ער אפשר טאקע פון דער דינסטמיידעל זיך אויך ניט געלאזט שפייען, און וואלט איהר גע־הייסען זיך אבוואשען איהר אייגענעם, פון אויוועו פערשווארצטען פנים, און זיך ניט דאגה'ן פאר זיינעם, וואס איז נור עטוואס פעררויכערט. אזוי אבער ווי ער איז געווען פון גלאז, האט ער געשוויגען.

מען האט דעם לאמפ אנגעצונדען, און דאס גלאז האט גענומען ווארימער ווערען. דאס אינגעל האט זיך ניט געקימערט וועגען דעם און ווייטער געשפייט. און אז דאס אינגעל האט נאך אליץ ניט אויפגע־הערט שפייען, איז דאס גלאז תחילת ווי בייז געווארען און האט זיין כעס אויס־געדריקט אין קליינע וואסער־בלעזלאך, וועלכע האבען אומגעטאנצט אויף איהם און געזידט און געקאכט.

ווען זיין היטץ האט אבער דערלאנגט צו א הויכען גראד האט ער פאר כעס גע־פלאצט, און א שטיק הייסע, ברענענדיגע גלאז האט געטראפען דעם ווילדען אינ־געל, גלייך אין פנים אריין.

* * *

היט אייך, קינדערלאך, היט אייך!...

פערצווייפלונג

„און זי שטעהט און קוקט פערצווייפעלט...

אימער ברייטער און ברייטער ווערט פערצויגען דער טייכעל איבער די גרי־נע בליהענדע פעלדער, די וואסער פער־פלייצט אליץ מעהר און מעהר טרוקנע ערד, שווינקט און וואשט אב אליץ וואס קומט אין וועג... דער שטראם רייסט ביסלעכווייז אויס יעדע בלום און יעדען בוים, און די קליינע כוואליעס פאטשען און רוישען וואס ווייטער אליץ שטארקער, שרעקליכער און רעש'דיגער.

און דארט אויף יענעם בוים איז איהר נעסט, דארט האט זי איבערגעלאזען איהרע קינדערלאך, און איהר מוטער־הארץ צושפרינגט כמעט, ביי'ם געדאנק אז אט, אט, גרייכט די וואסער יענעם בוים, און אט ווערט ער אויסגעריסען מיט די ווארצעל מיט אלעמען. זי שווי־דערט אויף, זיך פארשטעלענדיג, וויא איהרע קליינע, ליבינקע עוף'עלעך וועלען פערשלונגען ווערען פון די בייזע כוואַ־ליעס, און וועלען געפינען זייער קבר אין מוטנע וואסער.

און פערצווייפעלט שטעהט זי, די ארימע מוטער אויף דער צווייטער זייט און קוקט, ווי די אונשולדיגע פויגעלאך איהרע, ניט שפירענדיג די נאהענטע גע־פאהר, געהען ארויס פון נעסט, שפרינ־גען ארונטער פון צוויגעל צו צווייגעל אליץ ניעדעריגער און ניעדעריגער און אט שטעהען זיי שוין אין די ווייכע, זומ־פיגע זאמד, און פיקען די נאסע זאמד־שטיקלאך פון זייער אייגענעם קבר,

I

די בענעגניש.

טאפּענדיג אין דער פֿינסטערנים די פּלאַנקענס, האָב איך מוטהיג געבראָדזעט אין די קאַלוזשעס פֿון הויז צו הויז, האָב פאַמעליבינקעס גע-קלאַפּט מיט די פֿינגער אין די שויבען און געלאָזט הערען מיין קול: „לאָזט אַן אָרע-מען רייזענדען איבערנעכטיגען!"

אַלס אַן ענטפֿער דאַרויף בין איך צום שבן, אין קרעטשמע אָדער „צום טייפֿעל" געשיקט געוואָרען. פֿון איין פֿענסטער אַרוים האָט מען מיר מודיע גע-ווען, אַז מען וועט אויפרייצען די הינד, פֿון איין אַנדער פֿענסטער ווידער נאָר אָהן ווערטער, אָבער א גרויסער קולאק האָט מיר בעוויזען גענוג. אַ פֿרוי האָט מיר צוגערופֿען: „געה אַוועק, געה ווייטער, ווי לאַנג דיינע ביינער זיינען גאַנץ! מיין מאַן איז דאָ אין דערהיים!"

איך האָב אַלזאָ פֿערשטאַנען, אז זי נעהמט געווים נאָר דאַן אויף געסט, ווען דער מאַן איז ניטאָ... איך האָב שטאַרק בעדויערט זיין גע-פֿינען זיך אין דערהיים און בין געגאַנגען צו אַן אַנדער פֿענסטער.

„גוטע מענשען! לאָזט איין וואַנדערער איבערנעכטיגען!"

מען האָט מיר זעהר ליעב געענטפֿערט: „געהט מיט גאָט ווייטער!"

דער וועטער איז אָבער געווען שלעכט. עס איז געפֿאַלען אַ דינער, קאַלטער רעגען, איבער'ן בלאָטיגען וועג האָט זיך פֿערצויגען אַ געדיכטע פֿינסטערנים: דאָ און דאָרט האָט זיך אַרים געטהאָן אַ פלעצליכער שטור-רם-ווינד, האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין די צווייגען פֿון די בוימער: געטר-רעסעט די נאַסע שטרוי אויף די דעכער און אַרויסגעבראַכט אַ טרויריגע מעלאָדיע, אָנפֿילענדיג מיט זיינע זיפֿצענדע און קרעכצענדע טענער די שטילקייט פֿון דער נאַכט. זיך איינהערענדיג צו דיזען קאַלעמוטנעס שטיי-נער פֿון די ווילדע פאָעמע, וועלכע רופֿט זיך הערבסט, האָבען די מענ-

שען אין די הייזער געפֿיהלט אומעטיג און דערפֿאַר האָבען זיי מיר ניט אַריינגעלאָזען נעכטיגען. איך האָב לאַנג גענוג זיך געראַנגעלט געגען זייער בעשלוס, זיי אָבער האָבען זיך איינגעשפּאַרט דוקא ניט און מיינע האָפֿענונגען איבערצונעכטיגען אונטער אַ דאַך, זיינען בּיסלעכווייז פֿערשוואונדען געוואָרען,

דאַן בין איך אַרויס פֿון דאָרף אויף'ן פֿעלד, מיינענדיג דאָס איך וועל אפשר געפֿינען אַ הויפֿען היי אָדער שטרוי — ווען איך זאָל דורך אַ צופֿאַל אין אַזאַ שטאָק פֿינסטערע נאַכט אַרויפֿקריכען אויף עפּעס אַזעלכעס.

באַלד טאַקע האָב איך דערזעהען דריי טריט פֿון מיר עפּעס זעהר אַ גרויסע זאַך, פֿינסטערער נאָך פֿון די פֿינסטערנים אַליין. און עס איז מיר איינגעפֿאַלען, אַז דאָז מוז זיין אַ תבואה מאַגאַזין. די תבואה מאַגאַזינען ווערען ניט געבויט פֿלאַך אויף דער ערד, נאָר מען בויט די ווינקלען אויף קלעצער אָדער שטיינער: צווישען פֿאָדלאָגע פֿון'ם מאַגאַזין און דער ערד געפֿינט זיך פּלאַטץ, וואו אַ בכבוד'ער מענש קען אַרונטערגעהען — מען דאַרף זיך נאָר לעגען אויף'ן בויך און אַרונטער־קריכען. ווי עס ווייזט אויס האָט מיר מיין מזל בעשערט, דיזע נאַכט ניט נאָר אונטער אַ דאַך, נאָר אפֿילו נאָך מעהר אונטער אַ דאַך און אַ פֿאָדלאָגע צוזאַמען איבערצונעכטיגען. איך בין דערמיט צופֿרידען געוועזן. בין אַרונטערגעקראָכען אין מיין קאָנורע און האָב מיר אויפֿגעזוכט אויף די טרוקענע ערד אַ גוטען אָרט צו שלאָפֿען.

פּלוצלונג האָט אין דער פֿינסטערנים אַ רוהיגע שטימע אויס גערופֿען: „רוקט אייך אַביסעלע ווייטער, רב קרובֿ!“

מורה האָבען איז ניט געוועזן וואָס, נאָר דערשראָקען האָב איך זיך דאָך.

„ווער איז דאָ?“ האָב איך געפֿרעגט.

„אַ מענש... מיט אַ שטעקען...“

„אַ שטעקען האָב איך אויך...“

„אפשר אויך שוועבעלעך?“

„אויך דאָס,“

„זעהר גוט!“

איך האָב ניט איינגעזעהען די גוטסקייט דערפֿון, וואָרום נאָך מיין מיינונג וואָלט גוט געוועזן צו האָבען אַ ברויט, אי טאַבאַק, ניט נאָר שוועבעלעך אַליין,

„נו, איז אין דאָרף קיין הכנסת אורחים ניטאָ?“ האָט מיין אָנגעזעהענער שכן געפֿרעגט.

„ניין,“ האָב איך געזאָגט.

„מיר האָט מען אויך ניט אַריינגעלאָזען.“

האָט ער אָבער איבערהויפּט געזוכט אַ נאַכטלעגער? ער איז גאָר פּילייכט אהער אַריינגעקראָכען, כדי אָבצואוואַרטען די מינוט אויסצוּפיהרען אַ ריזיקאַלנע אונטערנעהמונג, וואָס האָט געמוזט בלייבען צוּגעדעקט פון דער נאַכט, געוויס, יעדע מיה איז דעם אויבערשטען אַ נחת רוח, אָבער פון דעסטוועגען האָב איך בעשלאָסען צו האַלטען דעם שטעקען פעסט אין האַנד.

„זיי האָבען מיר ניט אַריינגעלאָזען— די רשעים!“ האָט זיין קול איבערגע׳חזר׳ט. „בהמות! ווען דאָס וועטער איז גוט, לאָזען זיי אַריין— אָבער ווען עס איז אַ וועטער ווי היינט— פאַר קיין געלד ניט!“

„וואָהין געהט איהר?“ האָב איך געפּרעגט.

„קיין ניקאָלייעוו, און איהר?“

איך האָב איהם געזאָגט.

„זיינען מיר דאָך וועג-חברים, צינדט אַקאָרסט אָן אַ שוועבעלע, עס ווילט זיך רויכערען.“

די שוועבעלעך זיינען נאַס געוואָרען... איך האָב געריבען און געריבען מיט כעס אָן די ברעטער איבער מיין קאָפּ. צום סוף האָט זיך בעוויזען אַ קליין פייערל און פון דער פינסטער האָב איך דערזעהען אַ בלאַסען פּנים מיט אַ שוואַרצען געדיכטען באָרד.

די גרויסע קלוגע אויגען האָבען מיר אָנגעקוקט מיט אַ גנבה׳שען שמייכעלע, די ווייסע ציינער האָבען געבלישצעט אונטער די וואָנסעס און ער האָט צו מיר געזאָגט; „איהר ווילט רויכערען?“

די שוועבעלע האָט זיך פערלאָשען. אַן אַנדערע האָט זיך אָנגעצונדען און ביים ליכט האָבען מיר אונז נאָך אַמאָל אָנגעקוקט און מיין נאַכטשכן האָט מיט אַ זיכערען קול ערקלעהרט: „ ווי איך זעה דאַרפען מיר זיך איינער פאַר׳ן צווייטען ניט שעמען... נאַט נעהמט אַ סיגאַרעט...“

ער האָט אויך איינע געררויכערט און זיין פּנים איז בעלויכטען געוואָרען פון אַ רויטליכען שיין. אַרום די אויגען און אויף׳ן שטערען פון דיזען מענשען זיינען געלעגען אַ פולע און דינינקע רינצעלעך. פריהער, ביים ערשטען שיין פון ליכט האָב איך בעמערקט, דאָס ער איז געווען איינגעהילט אין אַן אַלטען וואַטאָווען מאַנטעל.

„איהר וייט אַ פילגער*)?“ האָב איך געפּרעגט.

„יאָ, איך וואַנדער. און איהר?“

„אויך.“

*) פילגער: איינער וואָס רייזט צו הייליגע ערטער.

ער האָט זיך געריהרט און דערביי האָט אַ קלונג געטהאָן עפּעס אַ מעטאַלענע זאַך, געווים אַ טעה קענדעל אָדער אַ קעסעלע, די נויטהיגסטע זאַכען פאַר אַ פּילגרים צו די הייליגע ערטער: אָבער אין זיין טאָן האָט זיך ניט איין האָר געהערט פון יענע געמאַכטע פרומקייט, וואָס לאָזט זיך הערען ביי אַלע אַנדערע פילגער, אין זיין קול האָט ניט געקלונגען יענע כיטרע צבוע'אַטסוואָ: ער האָט ניט פערמישט זיינע רייד מיט זיפּצען און ציטאַטען פון דער הייליגער תורה. איבערהויפּט איז ער גאָר ניט גלייך געווען צו יענע פּראָפּעסיאָנעלע פילגער-בראָדיאַגעס— דער ערגסטער פסולת, וואָס פערפלייצט רוסלאַנד: ניט נאָר שאַדען זיי מיט זייער קראַנקער מאָראַל, נאָר מיט זייערע ליגענס און אַבערגלויבען פערגיפטען זיי דעם פּראָסטען נאַראָד. דערצו איז ער דאַך געגאַנגען נאָך ניקאָלאַיעוו, וועלכעס איז קיין הייליגער אָרט און עס האָט אייך קיין הייליגע זאַכען.

„פון וואַנענט קומט איהר?” האָב איך געפרעגט.

„פון אַסטראַכאַן.”

אַסטראַכאַן איז אויך קיין הייליגער אָרט. איך האָב איהם דערפאַר געפרעגט: „איהר רייזט מים לים און ניט נאָך די הייליגע ערטער?”

„וואָרום ניט די הייליגע ערטער? דאָרט גיט מען פיין צו עסען — איבערהויפּט ווען מען מאַכט חבר-לאַפּ מיט די מאָנאַכען. זיי האַלטען פּיל אויף אונזערע חברה, מיר ברענגען נייעס לעבען אונטער זיי. וואָס האַלט איהר דערפון?”

איך האָב איהם געזאָגט מיין מיינונג.

„יאַ דאָס זיינען נאַהרונגס-סטאַציאָנען.—און פון וואַנען קומט איהר?”

„אָ, דאָס איז א ווייטער וועג. צינדט אָן נאָך אַ שוועבעלע— לאָמיר רויכערען, ווען מען רויכערט, פיהלט מען זיך בעסער...”

עס איז געווען גוט קאַלט, וויא פון דעם ווינד, וועלכער האָט פון צייט צו צייט מיט א חוצפּה ביי אונז אַריינגעבלאָזען, וויא אויך פון די דורכגענעצטע קליידער.

”איהר ווילט אפשער עסען? איך האָב ברויט, קאַרטאָפּעל און צוויי געבראָטענע וואַראָנעס — זאָל איך אייך מכבד זיין?

„מיט געבראָטענע וואַראָנעס?” האָב איך נייגעריג געפרעגט.

”דאָס וועט איהר געווים ניט עסען? איך זאָג אייך, עס איז אָ נארעשקייט.”

ער האָט מיר דערלאַנגט א גרויסע שטיק ברויט.

„איך האָב נאָך אויף מיין גאַנץ לעבען קיין וואַראָנעס ניט געגעסען...”

„נאַט, פערזוכט! הערבסט-צייט זיינען זיי זעהר געשמאַק. עס איז

פיל אָנגענעהמער צו עסען, איין אייגען געכאַפּטע וואַראָנע ווי ברויט און פליש פון יענעמס גאָב, דאָס ווען מען קריגט עס אין האַנד, וואָלט מען עס בעסער פערברענט...״

ער האָט אמת געזאָגט— אמת און צום פונקט. די וואַראָנע אַלס אַן עסען איז מיר געווען ניי, עס האָט מיר אָבער ניט געוואונדערט — איך האָב געוואוּסט, אַז די בעטלער אין אַדעס עסען ראַטען און אין ראָסטאָוו שנעקען, דאָס איז קיין ליגען. אַפּילו די פּאַריזער, ווען מען האָט זיי בעד־לאַגערט. האָבען אויך פערשידענע מיאוס׳קייטען געגעסען, און עס זיינען דאָ מענשען, וואָס זייער גאַנצען לעבען לאַנג זיינען זיי בעלאַגערט.

„ווי אַזוי כאַפּט איהר דען די וואַראָנעס?״ האָב איך געוואָלט וויסען.

„מיט׳ן מויל געווים נים. מען קען זיי מיט׳ן שטעקען אָדער מיט אַ שטיין הרג׳ענען, אָבער בעסער איז זיי צו כאַפּען. מען בינט אָן אָן דעם ברעג פון אַ לאַנגער שנור אַ שטיק פליש אָדער ברויט, די וואַראָנע פאַקט עס, שלינגט עס איין און מען האָט איהר! מען דרעהט איהר אָב דעם קאָפּ, פליקט איהר אָב, נעהמט אַרויס די אינגעווייד און בראָט איהר אויף אַ שפּיעז.״

„ווי גוט וואָלט עס געווען, יעצט צו זיצען ביי אַ פייער!״ האָב איך געזיפצט.

די קעלט האָט אַלס מעהר דורכגענומען. עס האָט אויסגעזעהן, ווי דער ווינד אַליין וואָלט געפריערט, מיט אַזאַ קלאָגענדיגען אין ציטעריגען קרעכצען האָט ער גריסען די ווענד פון מאַגאַזין. דאָ און דאָרט האָט ער צוגעטראָגען דאָס היילען פון הינד, דאָס קרייען פון העגער און ציטער־דיגע טענער פון ווייטע קירכען-גלאָקען. די רעגען-טראָפּען זיינען שווער געפאַלען פון׳ם דאַך פון מאַגאַזין אויף די נאַסע ערד.

„עס איז לאַנגווייליג אַזוי שוויינענדיג צו ליגען,״ האָט מיין שכן געזאָגט.

„און צו ריידען איז עס צו קאַלט,״ האָב איך בעמערקט.

„שטעקט אייער צונג אין קעשענע, וועט זי זיך דערוואַרעמען.״

„אַ דאַנק פאַר אַ גוטע עצה.״

„מיר וועלען אפשר געהן צוזאַמען? מיר האָבען דעם זעלבען וועג.״

„פון מיינעט וועגען.״

„נו טאָ מאַכען מיר זיך בעקאַנט... איך למשל בין דער פריץ פאויל פראָמטאָף...״

איך האָב אויך אָנגערופען מיין נאָמען.

„ערשט וויל איך אייך פרעגען: ווי אַזוי איהר זייט געקומען אין די

לאַגע? געווים צוליב דעם יוצר הרע פֿון שנאַפּס?"

„ווייל דאָס לעבען איז מיר לאַנגווייליג."

„ס'קען זיין...קענט איהר איין שריפֿט, אַרויסגעגעבען פֿון'ס סענאַט מיט'ן נאָמען: „רעגיסטער פֿאַר בעשטראָפֿטע חטאים?

„יאַ."

„ווערט דאָרט אייער נאָמען דערמאָנט?"

מיין נאָמען איז נאָך צו יענער צייט ניט געדרוקט געווען, און איך האָב איהם דאָס אויך געלאָזט וויסען.

„אויך מיין נאָמען איז דאָרטען ניט פֿערצייכענט..."

„איהר האָפּט אָבער אַריינצוקומען?"

„אַלץ ליגט אין גאָטעס האַנד!"

„ווי עס ווייזט אויס, זייט איהר אַ גאַנץ צופֿרידענער מענש?"

„וואָרום זאָל איך ניט צופֿרידען זיין?"

„דאָס ווערען ניט אַלע זאָגען אין אייער לאַגע," האָב איך איהם גע־ענטפֿערט, ניט גלויבענדיג זיינע ווערטער.

„די לאַגע איז אפֿילו נאַס און קאַלט, אָבער זי וועט זיך דאָך באַלד ענדערען. די זון וועט אויפֿגעהן — ניט אַזוי? דאַן ווערען מיר פֿון דאַנענט אַרויסקריכען, אונזער טעה טרינקען, עטוואָס עסען און ווערען זיך דערוואַ־רעמען. איז דאָס דען אַזוי שלעכט?"

„גוט איז דאָס!" האָב איך צוגעגעבען

„אָט זעהט איהר! אַלעס ביינ האָט אויך עפּעס גוטס!"

„אַלעס גוטס — האָט אויך שלעכטס!"

„אמן!" האָט פֿראָמטאָף אויסגעזונגען מיטען נגון פֿון תהילים. אין זיין געזעלשאַפֿט בין איך אין דער אמת'ן לעבעדיג געוואָרען. עס האָט מיר נאָר פֿערדראָסען וואָס איך האָב ניט געקענט זעהן זיין פנים. ווערכער נאָך דעם רייכען אויסדרוק פֿון זיין שטימע האָט געמוזט זיין זעהר אינטערעסאַנט. מיר האָבען זיך לאַנג אונטערהאַלטען איבער קלייניקייטען און אונטערווייז־לעכס בעהאַלטען אַ פֿערלאַנג, איינער דעם אַנדערען גוט צו דערקענען. ביי זיך האָב איך זיך געוואונדערט אויף זיין השלמה. מיר אַלעס אויסצו־פֿרעגען און פֿון זיך צו שווייגען.

בשעת מיר האָבען זיך אַזוי בשלום אונטערהאַלטען, האָט עס אויפֿגע־הערט צו רעגענען און די פֿינסטערנים איז העלער געוואָרען, אין מזרח זייט האָט אַ בלישצע געטהאָן אַ צאַרט רויטער שטיק הימעל: אַ בשורה אויף טאָג און דאָס וועטער איז געוואָרען פֿריש, קרעפֿטיג און אַנגענעהם, פֿאַר די מענשען, וועלכע זיינען טרוקען און וואַרעם אָנגעטהאָן.

„װעלען מיר דאָ עפּעס געפינען צום פייער מאַכען? מרוקענע שפּע־נער?“ האָט פראָמטאָף געפרעגט.

אַרומקריכענדיג אויף דער ערד, האָבען מיר אַרומגעזוכט, אָבער גאָר ניט געפונען. דאַן האָבען מיר זיך מישב געווען אַרויסצוצייסען אַ ברעט פון מאַגאַזין, וועלכע האָט זיך נאָך זעהר שוואַך געהאַלטען. ווען מיר האָ־בען דאָס אָבגעטהאָן, האָבען מיר אָנגעהאַקט דינע שפּענער, דאַן האָט פראָמטאָף געמאַכט אַ פאָרשלאַג, מיר זאָלען אויסבוירען אַ לאָך אין פאָד־לאָגע פון מאַגאַזין, אום קאָרן צו בעקומען — וואָרום, אַז מען קאָכט אָב קאָרן אין וואַסער, איז עס זעהר אַ גוטע אכילה, איך האָב פראָטעסטירט און ערקלערט, דאָס איך האַלט דאָס ניט פאַר רעכט, איינינע פוד קאָרן פון מאַגאַזין לאָזען אַרויסלויפען, כדי אַ פאָר פונד דערפון צו בעקומען.

„וואָס אַרט דאָס אייך?“ האָט פראָמטאָף געפרעגט.

„איך האָב געהערט, דאָס יענעמס אייגענטהום מוז מען אַכטען...“

„דאָס, מיין טהייערער, האָט מען נור נעטהיג, ווען מען פערמאָגט אַליין עפּעס...“

איך האָב געשוויגען און מיר געדאַכט, אַז דער מענש געהערט צו די גרעסטע ליבעראַלען וואָס אייגענטהומסרעכט אָנבעלאַנגט און זיין בעקאַנט־שאַפט קען אויך מאַנכעסמאָל ווערען אונאָנגענעהם.

באַלד איז די זון אויפגעגאַנגען, פרייליך און לוסטיג. בלויע פענ־סטערלעך אין הימעל האָבען דורכגעקוקט דורך די צעריסענע וואָלקענס, וועלכע זיינען לאַנגזאַם און ווי אָהן חשק געצויגען נאָך דרום זייט, אי־בעראַל האָבען געגלאַנצט די רעגען-טראָפּפען. איך און פראָמטאָף זיינען אַרויסגעקראָכען פון אונטער דעם מאַגאַזין און זיינען געגאַנגען איבער פעל־דער, איבער אָבגעשניטענע תבואה נאָך די גרינע וואַנד פון בוימער ווייט פון אונז.

„דאָרט איז אַ טייך,“ האָט מיין פריינד געזאָגט.

איך האָב בעטראַכט פראָמטאָף און זיך געטראַכט, דאָס ער מוז פער־ציג יאָהר אַלט זיין, און דאָס לעבען איז פיר איהם קיין שפּאַס נעווען זיינע גרויסע און טיפע אויגען האָבען געגלאַנצט רוהיג און זעלבסטבע־וואוסט, און ווען ער האָט זיי אַביסעלע איינגעזשמורקעט, האָט זיין פנים בעקומען אַ כיטרען און האַרטען אויסדרוק. זיין רוהיגער און זיכערער גאַנג, זיין מיט נעשיקטקייט אויף'ן רוקען בעפעסטיגטער ראַנעץ, זיין גאַנצע גע־שטאַלט האָט עדות געזאָגט, דאָס ער איז צו דעם וואַנדער לעבען געוואָהנט, דאָס ער מוז זיין ערפאַהרען און געריבען ווי אַ פוקס.

„ווילט איהר ניט דעם פאָלגענדען וועג געהן? גלייך נאָך'ן טייך, אַן

ערך פֿון זעקס קילאָמעטער ווייט, שטעהט דער דאָרף מאַנצעלעיא און פֿון דאָרטען געהט אַ גראַדער וועג נאָך ניי פראַג. אַרום דיזען אָרט וואָהנען שטונדיסטען, באַפטיסטען און אַנדערע מזשיצקע בעלי חלומות, זיי געבען גוט צו עסען, ווען מען ווייזט זיי אַ פֿרומע מינע. אָבער מיט תורה דאַרף מען צו זיי ניט קומען — זיי זיינען אַליין אין דער תורה ווי ביי זיך אין דערהיים...״

מיר האָבען אויפֿגעזוכט אַ פלייטעל אונטער אַ גרופע בוימער, האָבען צוזאַמענגעטראָגען אַ פּאָר שטיינער, וועלכע האָבען זיך פֿיל אַרומגעוועלגערט אַרום דעם שמוציג געוואָרענעם טייכעל פֿון רעגען און מיר האָבען אָנגעצונדען אַ פֿייער. כמעט צוויי קילאָמעטער ווייט פֿון אונז האָט זיך ערהויבען אויף אַ באַרג אַ דאָרף און אויף די שטרוי-דעכער האָט גֿעבלאַנקט דאָס גאָלד פֿון דער מאָרגען-זון. פֿון די זון בעלויכטען, מיט יעסענדיגע פֿאַרב בעמאָהלט, האָבען זיך אויפֿגעפֿלאַנצט שפיציגע פאַפעל-בוימער, לעבען די ווייסע ווענד פֿון די ליימענע הייזער. דער גרויער רויך פֿון די קוימענס האָט זיך פֿערלאָרען צווישען די בוימער און האָט פֿערדעקט צייטענווייז די רויטליכע בלעטער און די שטיקלעך בלויע הימעל, וועלכע האָבען דורך זיי אַרויסגעקוקט,

„איך וועל זיך באָדען,״ האָט פראָמטאָף געזאָגט. דאָס איז נאָך אַזאַ שלעכטע נאַכט זעהר נעטהיג. אויך אייך וואָלט איך ראַטהען דערצו, ביז מיר וועלען זיך אָבפֿרישען וועט דער טעה אויפֿקאָכען. איהר ווייסט דאס מען מוז אימער זאָרגען, אונזער קערפּער זאָל אימער ריין בלייבען.״

ריידענדיג האָט ער־זיך אויסגעטהאָן, זיין קערפּער איז געווען רויט און פֿריש, שעהן געבויט און האָט בעוויזען קרעפֿטיגע, גוט ענטוויקעלטע מוסקלען, און ווען איך האָב איהם דערזעהן נאַקעט, זיינען מיר זיינע טראַנטעס, וועלכע ער האָט אַראָבגעוואָרפֿען, נאָכאַמאָל זאָ געמיין און עקעלהאַפֿט פֿאָרגעקומען ווי פֿריהער, מיר האָבען זיך אונטערגעטונקען אין׳ם אייזקאַלטען וואַסער פֿון׳ם טייכעל: ציטערענדיג, בלוי פֿון קעלט זיינען מיר אַרויפֿגעשפרונגען אויף׳ן ברעג און האָבען זיך שנעל אונזערע ביים פֿייער וואַרעם געוואָרענע קליידער אָנגעצויגען. דאַן האָבען מיר זיך געזעצט ביים פֿייער אונזער טעה צו טרינקען.

פראָמטאָף האָט געהאַט אַ בלעכענעם קעסעלע. ער האָט עס אָנגעגאָסען מיט קאָכענדיגען טעה און האָט מיר אָנגעבאָטען פֿריהער צו טרינקען. אָבער יענער טייוועל, וועלכער איז אימער גרייט די מענשען צו נאַרען, האָט געפּאַקט אַ פֿאַלשע שטעלע אין מיין האַרצען און איך האָב גרויסמוטהיג געזאָגט: „אַ דאַנק, טרינקט אַליין פֿריהער—איך וועל וואַרטען.״

איך בין געווען זיכער ביי מיר, דאָס פּראָמטאָף וועט מיר גרויס־מוטהיג און עדעל בעטען און איך וועל זיך ניט מעהר לאָזען בעטען און פריהער טרינקען. ער האָט אַבער איינפאַך געזאָגט: „אייך רעכט...“ און האָט צוגעטראָגען דעם קעסעלע צום מויל,

איך האָב אַוועקגעקוקט אָן אַ זייט אין די וויסטע סטעפּע, אום פּראָמ־טאָף זאָל דיינקען, אַז איך האָב ניט געזעהן, ווי זיינע דונקעלע אויגען האָ־בען מיר מיט שפּאָט געמוסטערט. ער האָט געטרונקען טעה און געקייט ברויט, האָט אַפּעטיטליך געשמאַצקעט מיט די ליפּען און האָט אַלעס גע־מאַכט שרעקליך לאַנגזאַם, פאַר קעלט האָבען אַפילו מיינע גערערעם גע־ציטערט און איך האָב גרויס חשק געהאַט, פון טעה-קאַן קאָכעדיגען וואַ־סער איינצוגיסען.

„נו,“ האָט פּראָמטאָף געלאַכט, „עס איז ניט פּראָפיטאַבל עדעל צו זיין?“

„און ווי נאָך!“ האָב איך געזאָגט.

„זעהר גוט!“ נעהמט אייך אַ מוסר השכל דערפון... ווארום זאָלט איהר פיר איינעם עפּעס אָבטרעטען, דאָס וואָס פאַר אייך אַליין איז גוט און אַנגענעהם? מען זאָגט אַפילו, דאָס אַלע מענשען זיינען ברידער, אָבער קיינער האָט ניט פּרובירט דאָס מיט׳ן געבורטשיין צו בעווייזען...“

„אַזוי ווי איהר וואָלט טאַקע אין דער אמת׳ן אַזוי דענקען?!“

„וואַרום זאָל איך מיט אייך ניט רעדען, ווי איך דענק?“

„איהר ווייסט, דער מענש קאָקעטירט אימער עטוואָס, ווער ער זאָל נים זיין...“

„איך ווייס ניט מיט וואָס האָב איך אייך געקענט אַזאַ חשד בייברייג־גען...“ האָט געזאָגט קוועטשענדיג מיט די פּלייצעס דיזע ווילדע חיה, „גע־ווייס דערפון וואָס איך האָב אייך געגעבען טעה מיט ברויט? איך האָב עס ניט געטהאָן צוליעב דעם ואהבת א, ז, וו, נאָר דורך ריינע נייגירדע. איך זעה, דאָס דער מענש שטעהט ניט אויף׳ן ריכטיגען פּלאַץ און איך וואָלט וועלען ווייסען, וואָס עס האָט איהם פון די רעלצען אַרונטערגעבראַכט?“

„דאָס וואָלט איך אויך זעהר געוואָלט ווייסען... זאָגט מיר, ווער און וואָס איהר זייט? האָב איך איהם געפרעגט,

ער האָט מיר פּעסט בעטראַכט און נאָך אַ קורצען שווייגען האָט ער געזאָגט: „דער מענש ווייס קיינמאָל ניט ווער ער איז... איהר מוזט איהם בעסער פרעגען, פאַר וועמען ער האַלט זיך,“

„לאָז זיין אַזוי!“

זעהט איהר, איך רעכען איך בין אַזאַ מענש. וואָס עס איז מיר אין

לעבען צו ענג, דאָס לעבען איז ענג— איך בין ווייט! אפּשר איז דאָס ניט אין גאַנצען ריכטיג. אָבער עס גיט אויף דער וועלט אַ געוויסע זאָרט מענ-שען, וועלכע מוזען פֿון'ם אייביגען אידען אָבשטאַמען. זייער אייגענשאַפֿט בעשטעהט דאַרין, דאָס זיי פֿיהלען זיך ניט היימיש אויף דער גאַנצער וועלט און אין ערגעץ קענען זיי זיך ניט פֿעסט קלעפּען... אין זיי לעבט אַ פֿערלאַנג נאָך עפּעס נייעס... די קליינינקע זאָרט פֿון דיזע מענשען קענען קיינע הויזען נאָך זייער גוסט געפֿינען און זיי זיינען דערפֿאַר איי־מער און אייביג אומגליקליך; די גרויסע פֿון דעם זאָרט געפינען אין קיין זאַך קיין צופֿרידענהייט, ניט אין רייכטהום, ניט ביי ווייבער, ניט אין כבוד... אַזעלכע מענשען זיינען ניט בעליעבט — זיי זיינען אונצופֿרידען און פֿערלאַנגען זעהר פֿיל, די גרויסע טהייל פֿון די מענשען זיינען דאָך — מטבעות, קליינגעלט... און דער גאַנצער אונטערשיד איז צווישען זיי, דאָס זיי זיינען אין פֿערשידענע יאָהרגענג געפּרעגט. איינער איז אָבגעניצט, דער אַנדערער עטוואָס נייער, אָבער אַלע האָבען זיי דעם גלייכען ווערט, זיי זיינען פֿון איין שטאָף געקנאָטען און זיינען זיך עהנליך ביז צו לאַנגוויי־ליגקייט. איך בין אָבער קיין גראָשען-שטיק— און אפּשר אויך ניט מעהר ווי אַ קאפּיקע... דאָס איז אַלעס...

ער האָט דאָס אַלעס געזאָגט מיט אַ סקעפּטישען שמייכעל און עס האָט מיר אויסגעוויזען, אַז ער גלויבט אַליין ניט אין דעם. אָבער ער האָט אין מיר אָנגעצונדען אַזאַ נייגירדע, דאָס איך האָב בעשלאָסען אַזוי לאַנג מיט איהם צו וואַנדערען, ביז וואַנען איך וועל אויסגעפֿינען, ווער ער איז. דעם אמת געזאָגט, איז ער געוועזען אַן אינטעליגענטער מענש. אונטער די בראָדיאַגעס זיינען דאָ געגוג אַזעלכע. זיי זיינען אָבער געזונקען, זיי האָבען אויפֿגעהערט זיך אַליין צו אַכטען און בעזיצען ניט מעהר די פֿעהיגקייט זיך אַליין צו בעאורטהיילען, זיי אַלע לעבען נאָר אַזוי ווייט, דאָס זיי זיג־קען פֿון טאָג צו טאָג נאָך טיפֿער אין שמוץ און געמיינהייט — דאַן פֿערפֿוי־לען זיי אין דעם און ווערען אין גאַנצען פֿערלאָרען פֿון לעבען...

פּראָמטאָף האָט אָבער אין זיך געהאַט עפּעס שטאַרקעס, פֿעסטעס. אויך האָט ער זיך ניט בעקלאָגט אויף'ן לעבען, ווי אַלע אַנדערע טהוען עס.

„גו, וואָס זאָגט איהר, מיר וועלען געהן!" האָט ער אַ פֿאָרשלאַג געמאַכט.

„לאָמיר געהן!"

מיר זיינען אויפֿגעשטאַנען, אָנגעוואַרעמט פֿון דעם טעה אין די זון און זיינען מיט'ן ברעג טייך געגאַנגען נאָך'ן דאָרף.

"ווי אַזוי פֿערדינט איהר אייער חיונה?" האָב איך פּראָמטאָף'ן געפֿרעגט

„אַרבייט איהר?"

„אַרבייטען? ניין, דערצו האָב איך קיין חשק...."

„ווי דען?"

„איהר וועט שוין זעהן!"

ער האָט געשוויגען, און ווען ער איז שוין איינינע טריט אָבגעגאַנגען האָט ער אָנגעהייבען אַ פֿרייליכע לידעל צו פּייפֿען צווישען די ציינער. זיינע אויגען האָבען רוהיג און מיט אינטערעסע געקוקט ווייט אין דער סטעפּע. ער איז געגאַנגען מיט פֿעסטע טריט, ווי איינער וואָס געהט צו אַ בעשטימטען ציעל.

איך האָב איהם אויפֿגעפּאַסט און מיין פֿערלאַנג צו דערגעהן מיט וועמען איך האָב דאָ צו טהאָן, איז אימער גרעסער געוואָרען.

ווען מיר זיינען אין דאָרף אריינגעקומען, איז פֿון אירגענד אַ לאָך אַ קליין הינטעל אַרויסגעשפּרונגען און איז אונז בעפֿאַלען מיט גרויס התמדה. ביי יעדען קוק, וואָס מען האָט אויף איהם געגעבען, איז ער קוויטשענדיג אָבגעשפּרונגען אין אַ זייט. ווי אַ מאַיאַק און האָט אונז ווידער נאַכגעיאָגט מיט אַ ביטערען בילען. זיינע חברים האָבען זיך אויך בעוויזען. אָבער זיי זענען נים געווען אַזוי ענערגיש— זיי האָבען איינ-מאָל, צוויימאָל געבולען און האָבען זיך פֿערלאָרען. אָבער זייער פֿרידענס-ליבע האָט וויא עס ווייזט אוים דיזעם קליינע, רויטהאָריגע בעשעפֿניס נאָך מעהר אויפֿגערעגט,

„בעטראַכט נאָר אָט דיזע געמיינע נידערטרעכטיגע בעשעפֿנים!" האָט פּראָסטאָף געזאָגט, אויף'ן הונד ווייזענדיג. „און דערביי איז שכר וכזב זיין בילען! ער ווייס דאָס ער בילט אָהן אַ צוועק, ער איז אויך גאָר נים אַזוי בייז— ער איז אַ טרוס און וויל זיך פֿאַר זיין הערען גרוים מאַכען אָן אמת'ער מענשליכער כאַראַקטערצוג... געווים איז דער הערר זיינער געווען אַ מענש, די מענשען פֿאַרדאַרבען אפילו די חיות. עס וועט באַלד קומען אַ צייט, ווען די חיות וועלען אויך ווערען אַזוי פֿאַלש און געמיין, ווי איך און איהר..."

„אַ גרויסען דאַנק אייך," האָב איך געזאָגט,

„ניטאָ פֿאַר וואָס, אָבער עס איז צייט צו געהן אויף'ן יאַגד". ער האָט איבערצויינען זיין פנים מיט אַ געמאַכטע מרה שחורה, די אויגען זיינען געוואָרען תם'עוואַטע, ער האָט זיך איינגעהויקערט און דיא טראַנטעס אין וועלכע ער איז געווען אָנגעטהאָן האָבען זיך אויפֿגעשטעלט וויא דיא שופּען פֿון אַ פֿיש,

„איך מוז מיינע מיטמענשען בעטען אַ שטיקעל ברויט," האָט ער מיר ערקלערט די פֿערמאַסקירונג און האָט אָנגעפֿאַנגען פֿעסט אַריינצוקוקען אין

וועג בעקומען. מען גיט מיר פֿינף אָדער צעהן רובעל, ווי עס מאַכט זיך, נאָך די שטימונג נאָך — אָבער מיט פֿערגעניגען. עס איז בעסער פֿינף רובעל צו פֿערלירען, ווי דורך מיין פערזאָן זיך זאָרגען צו מאַכען, ניט אמת?"

„עס קען זיין," האָב איך געזאָגט.

„פונקט אַזוי איז דאָס' און זיי לייגען מיר אין די הענד א פאַפיר, וואָס האָט קיין שום עהנליכקייט מיט אַ פּאַספּאָרט, אין דעם אונטערשיד ליגט דער גאַנצער כּשוף, עס שטעהט דאָך שוואַרץ אויף ווייס: אַדמיניסטראַ־טיוו אויס פעטערסבורג... איך בעווייז עס דעם דאָרף סטאַראָסטאַ, וועל־כער איז געוועהנליך דום ווי אַ כאָלעווע און פֿערשטעהט קיין ברעקעל דערפֿון. ער האָט מורא דערפֿאַר, וואָרום עס האָט אַסך שטעמפּלען. איך זאָג איהם: אין נאָמען פֿון דיזען פאַפּיר מוזט‎ו מיר פֿערשאַפֿען אַ נאַכט־לאַגער! ער טהוט עס. דו מוסט מיר געבען עסען! און ער גיט. ער קען ניט אַנדערש, וואָרום אין פאַפּיר שטעהט דאָך: פעטערסבורג... אַדמיניס־טראַטיוו... דער טייפֿעל זאָל וויסען, וואָס דאָס מיינט אדמיניסטראַטיוו? אפֿשר מיינט עס: אַרויסגעשיקט צו רעווידירען די דאָרף-אינדוסטרי, אויס־צוגעפינען וואו מען מאַכט פֿאַלש געלד, געהיימע הייזלעך אָדער אַ גע־היימען שנאַפּס-האַנדעל?! אָדער גאָר צו ערפֿאַהרען אויב די צערקוואַ ווערט גוט בעזוכט?! און אפֿשר גאָר איבער די לענדערייען קונדשאַפֿט צו־זאַמלען? ווער קען וויסען, וואָס דאָס מיינט אַזעלכעס: אַדמיניסטראַטיוו אויס פעטערסבורג? פֿילייכט בין איך פֿערקליידעט... דער פויער איז נאַרעש, וואָס ווייס ער?"

„יאָ, ער ווייס זעהר ווייניג," האָב איך בעמערקט,

און דאָס איז נאָך בעסער ווי גוט!" האָט פראָמטאָף מיט חשק און מיט איבערצייגונג ערקלערט. „פונקט אַזוי דאַרף עס טאַקע זיין און נאָר אַזוי איז ער אַלעמען נעטהיג, ווי די לופֿט. וואָרום — וואָס איז דען דער פויער! ער איז פֿאַר יעדען אַ שטיק חיונה, דאָס הייסט אַ בהמה כשרה. נעהמט למשל מיר! וואָלט איך דען געקענט לעבען אויף דער וועלט אָהן דעם פוי־ער? דער מענש דאַרף צום לעבען די זון, וואַסער, לופֿט און דעם פויער..."

„און דאָס לאַנד?"

„ווען דער פויער איז נאָר דאָ — דאָס לאַנד וועט זיך שוין געפֿינען! מען דאַרף איהם נאָר בעפֿעהלען: הער! בעשאַף לאַנד — און עס איז דאָ לאַנד! ער מוז פֿאָלגען."

דיזער פֿרעהליכער שווינדלער האָט ליעב געהאַט צו פלוידערען. מיר האָבען שוין דאָס דאָרף לאַנג פֿערלאָזען ויינען אָן פֿילע איינציגע לאַנד־

הייזער פאַרביינענאַנגען און באַלד האָבען מיר דערזעהן אַן אַנדער דאָרף, וועלכעס איז אין די נעלע יעסען־בלעטער כמעט ווי פערזונקען געוואָרען. פראָמטאָף האָט פרעהליך געפלוידערט ווי אַ וואַלד־פויגעל, איך האָב איהם צוגעהערט און האָב נאָכגעדענקט וועגען פויער און אָן דעם פאַר מיר נייען פאַראַזיטען־טיפּ, וועלכער פרעסט אַרויס דעם זאַגענאַנטען וואָהל־שטאַנד פון די פויערים, ווען וועט מען שוין דעם אָרעמען פויער עפּעס מיט גוטעס אָבדינגען פאַר די מאַסע רשעות, וואָס מען טהוט איהם אָן?!

דאָ געהט זיך נעבען מיר אַן אויסוואורף פון דער שטאָדטקולטור, אַ ציני־שער, קלוגער בראָדיאַגאַ, וועלכער שמאָקצעט אויס די מאַרך פון׳ם פויער, איינער, וועלכער איז זיך בעוואוסט צו זיין אַ רויב־טהיר און וועלכער האָט נאָך די פרעכהייט צו פערשפּאָטען זיין אָפּפער...

„הערט מיר אויס!” האָב איך געזאָגט זיך אָן עפּעס דערמאָהנענדיג, „מיר האָבען זיך געטראָפען אין א לאַנגע, וואָס איך בין אין ספק, אויב אייער פאַפּירעל האָט אַזאַ מאַכט ... ווי שטעהט דאָס דערמיט?”

„אָה,” האָט פראָמטאָף געלאַכט, „זעהר איינפאַך. איך האָב דיזע מקומות שוין אַמאָל בעזוכט, און עס איז ניט גוט זיך אלע מאָל צו לאָזען דערקענען!”

זיין אָפענער כאַראַקטער איז מיר געפעלען. אויפריכטיג זיין איז א גוטע מעלה און עס איז צו בעדויערן, דאָס ביי עהרליכע לייט איז עס זאָ וויניג צו טרעפען, איך האָב זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם צו דעם אָפענ־הערציגען געפלוידער פון מיין חבר און האָב זיך בעמיהט אויסצוגעפינען אויב ער איז אין דער אמת׳ען דאָס, פאַר וואָס ער גיט זיך אויס...

„דאָ ליגט אַ דאָרף פאַר אונז -- ווילט איהר, איך זאָל אייך בעוויי־זען די ווירקונג פון מיין פאַפּירעל?” האָט פראָמטאָף פאָרגעשלאָגען,

איך האָב איהם מוחל געווען די פּראָבע און האָב איהם בעסער גע־בעטען צו דערצעהלען, ווי אַזוי מען האָט איהם דאָס פאפירעל אָנגע־האַנגען,

„עט, דאָס איז אַ לאַנגע מעשה! איך וועל אייך אפשר דאָס אַמאָל דערציילען. דערווייל לאָזט אונז אביסעל זיך אויסרוהען און עפּעס צו־בייסען. עסענוואַרג האָבען מיר גענוג, דאַרפען מיר דערווייל ניט געהן אין דאָרף אונזערע מיטמענשען צו בעאונרוהיגען,”

אין אַ זייט פון וועג האָבען מיר זיך געזעצט און אָנגעפאַנגען צו עסען נאָכדעם, פון די זונען־שטראַהלען און דעם ווייכען יעסען־ווינד שוואַך גע־וואָרען, האָבען מיר זיך צוגעלעגט און זיינען טאַקע באַלד איינגעשלאָפען. ווען מיר האָבען זיך אויפגעכאַפּט, האָט די זון שוין געהאַלטען ביי׳ן

אונטערגעהן און לאַנגע נאַכט-שאַטען האָבען זיך אַראָבגעלאָזען אויף די שטעפּע...

„אָט זעהט איהר," האָט פּראָמטאָף געזאָגט, „דער שיקזאַל וויל אַזוי, דאָס מיר זאָלען אין דעם דערפעל איבערנעכטיגען.

„לאָמיר נאָך געהן, ווי לאַנג עס איז נאָך ליכטיג," האָב איך פאָר־געשלאָגען.

„זייט רוהיג, היינט וועלען מיר שלאָפען אונטער אַ דאַך!"

ער האָט רעכט געהאַט. גלייך אין ערשטען הייזעל, וואָס מיר האָבען אָנגעקלאפּט, האָט מען אונז פריינדליך איינגעלאַדען, אַריינצוקומען.

דער בעל הבית, אַ גרויסער, גוטער כלאָפּ איז ערשט פון פעלד גע-קומען, וואו ער האָט געפּאַלאָוועט. זיין ווייב האָט געקאָכט וועטשערע, פיער שמוציגע קינדער האָבען זיך צוזאַמענגעדריינגט אין אַ ווינקעל, אונז בעטראַכטענדיג מיט נייגיריגע און ערשראָקענע אויגען. די פעטע, געזונטע פרוי איז שנעל און שטיל געלאָפען נאָך'ן פאָרהויז אין צוריק, האָט געבּ-ראַכט ברויט, דיניעס און מילך. דער בעל הבית איז אונז אַנטקעגען גע־זעסען אויף אַ באַנק און האָט אין געדאַנקען פערלאָרען זיך געריבען די זייטען, פון צייט צו צייט אונז מיט פראַגענדע בליקען בעוואָרפענדיג. באַלד האָט ער אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוועהנליכע פראַגע:

„וואוהין וואַנדערט איהר?"

„מיר וואַנדערען מיט לים, מארץ לאריז, אַזש ביז קיעוו," האָט פּראָמ-טאָף געענטפערט מיט די ווערטער פון אַן אַלטען שלאָף-לידעל.

„וואָס גיט עס דען דאָרטען אין קיעוו?"

„און די הייליגע קמעה'ס?!"

דער מאַן האָט אַ קוק געטהאָן אויף פּראָמטאָף און האָט שטילש־ווייגענד אויסגעשפּיגען, באַלד האָט ער ווידער געפרעגט: „און פון וואַנען קומט איהר?"

„איך — פון פּעטערסבורג, ער, פון מאָסקווא," האָט פּראָמטאָף גע־ענטפערט.

„אַזוי?" האָט דער פויער פערגרעסערענדיג די אויגען געזאָגט. „וואָס איז דאָס פאַר אַ שטאָדט דיזע פּעטערסבורג? די לייט זאָגען, עס איז גע-בויט אויף'ן ים... און דאָס עס ווערט צו אָפט איבערשוואומעז..."

די טהיר האָט זיך אויפגעמאַכט און צוויי פויערים זיינען אַריינגעקומען.

„מיר קומען צו דיר, מיכאאיל," האָט איינער געזאגט.

„וואָס ווילט איהר דען פון מיר?"

„דאָס איז אַזאַ זאַך! — וואָס זיינען דאָס פאַר מענשען?"

„אָט די?" האָט דער בעל הבית געפֿרעגט, מיט'ן קאָפּ אויף אונז ווייזענדיג.

„יאַ!"

דער בעל הבית האָט געשווינגען א ווײַלע, האָט נאָכגערעכנט, מיט'ן קאָפּ געשאָקעלט און האָט געזאָגט: „פֿון וואַנען זאָל איך וויסען?"

„זייט איהר אפשר פילגער?" האָט מען אונז געפֿרעגט.

„דאָס זיינען מיר!" האָט פראָמטאָף געענטפֿערט.

עס איז געוואָרען שטיל אויף אַ ווײַלע און די דריי פויערים האָבען אונז לאַנג און שאַרף אָנגעקוקט... ענדליך האָבען זיך אַלע געזעצט צום טיש און האָבען אָנגעפֿאַנגען דיניעס צו עסען.

„און... אפשר קען איינער פֿון אייך שרייבען?" האָט זיך איין פויער געפֿרעגט ביי פראָמטאָף.

„מיר קענען ביידע," האָט ער קורץ געענטפֿערט.

„איהר ווייסט אפשר פֿון א רפֿואה, ווען עס טהוט וועה דער רוקען, עס ציהט אַזוי שטאַרק, דאָס מען קען ניט שלאָפֿען ביינאַכט?"

„יאַ, דאָס ווייסען מיר," האָט פראָמטאָף געזאָגט.

„וואָס איז עס דען?"

פראָמטאָף האָט לאַנג געקייט אַ שטיק ברויט, האָט דאַן אָבגעווישט די הענד אָן זיינע שמאַטעס און אַרויפגעקוקט נאָכדענקענדיג אויף'ן פּאָטאָלאָק: דאַן האָט ער מיט אַ זיכערע קול געזאָגט; „קראָפּאָווע מוז מען אָנרייסען, דערמיט זאָל די פֿרוי פֿאַרען שלאָף דעם רוקען איינרייבען און נאָכדעם מיט אייל און זאַלץ בעשמירען — דאָס איז אַלעס,"

„און וָואָס וועט דערפֿון ווערען?"

„גאָר נימ," האָט פראָמטאָף געקוועטשט מיט די פּלייצעס.

„גאָר נימ?"

„ניין, גאָר נימ!"

„אַזוי — וועט עס אָבער געווים העלפֿען?"

„עס וועט."

„איך וועל פּרובירען — אַ דאַנק אייך..."

„צו געזונד!" האָט איהם פראָמטאָף גאַנץ ערענסט געוואונשען.

ווידער א לאַנגער שווייגען — מען האָט ניט מעהר געהערט ווי דאָס גערויש פֿון עסען און דאָס סור'ן פֿון די קינדער.

„הערט וואָס איך וויל אייך פֿרעגען," האָט דער בעל הבית אָנגעפֿאַנגען, „ווי איז דאָס, איהר ווייסט אפשר — אפשר האָט איהר געהערט ווייסט איהר אפשר פֿון פּעטערסבורג פֿון הערען ריידען — אָדער פֿון

מאָסקווא — וועגען סיביר — דאַרף מען אַהין אויסוואַנדערען אָדער אָדער דאַרף מען נים? אונזער פריץ זאָגט, אז נים..."

„מען דאַרף נים! האָט פראָמטאָף ערקלערט,

די פויערים האָבען זיך אָנגעקוקט און דער בעל הבית האט אין זיך געבורטשעט: „דער רוח זאָל זיי אַלע מיט אַנאַנדער כאַפּען!"

„מען דאַרף נים!" האָט פראָמטאָף נאָך אַמאָל געזאָגט און פלוצלונג איז זיין פּנים בעגייסטערט געוואָרען, „און מען דאַרף דערפאַר נים, ווייל עס איז אַ משוגעס צו געהן נאָך סיביר, ווען עס גיט דאָ אַזוי פיל לאַנד!"

„דאָס איז אפילו אמת, דאָס פאַר די מתים איז דאָ גענוג לאַנד, אָבער די לעבעדיגע האָבען צו ווייניג." האָט איינער פון די פויערים געזאָגט בעטריבט.

"אין פעטערסבורג איז בעשלאָסען געוואָרען," האָט פראמטאף ווייטער געזאָגט, „די גאַנצע לאַנד, וואס די פויערים און פריצים בעזיצען, אַרעם וועט דיא רעגירונג צו זיך נעהמען."

די פויערים האָבען די אויגען אויפגעריסען און געשוויגען. פראָמטאָף האָט זיי שטרענג אָנגעקוקט און האָט זיי געפרעגט: „און וואַרום זאָל דאָס געשעהן?"

דאָס שווייגען האָט אָנגעפאַנגען פיינליך צו ווערען און די אָרעמע פויערים זיינען באַלד צופלאַצט געוואָרען פאר פערוואונדערונג און ניי־גירינקייט איך האָב זיי אָנגעקוקט און עס איז מיר שווער אָנגעקומען צו אונטערדריקען מיין כעס, גענען די געמיינהייט פון מיין חבר. ווען איך וואָלט זיין מאַסקע ארונטערגעריסען, וואָלטען זיי איהם די ביינער געבראָכען, און איך האָב געשוויגען, בייסענדיג די ליפּען פאַר פערדרוס.

„אַך, דערצעהלט, גוטער פריינד," האָט איינער פון די פויערים גע-בעטען, ווי אַ דערשראָקענע חיה.

„דערפאַר, אום דאָס לאַנד ריכטיג אונטער די פויערים צו פערטהיי־לען! דאָרטען" — פראָמטאָף האָט אָנגעוויזען מיט'ן פינגער אין דער לופט — „דאָרטען איז בעשטימט געוואָרען, דאָס דער פויער זאָל זיין דער ריכ־טיגער בעל הבית איבער די ערד. און דערפאַר איז פעסט בעשלאָסען געוואָרען, קיינם נים צולאָזען געהן נאָך סיביר, כדי די טהיילונג זאָל פאַר אַלעמען גלייך אויספאַלען.

ביי איינעם פון די פויערים איז א שטיק דיניע אַרויסגעפאַלען פון האַנד. אַלע האָבען געקוקט פראָמטאָף אין מויל, גאַנץ בעצווייבערט פון זיין שעהנע מעשה. און פלוצלונג נאָך אַ פּאָר מינוטען, האָט עס אַרויס-געפלאַצט ביי אַלע, כמעט מיט איין מאָל:

„הייליגע טוטער גאָטעס!" האָט די פרוי געקרעכצט —

„אָבער אפשר זאָגט איהר ניט דעם אמת?"

„רעד, דערצעהלט דאָך, גוטער פריינד!"

„דערפאַר געהט אונטער די זון היי־יאָהר אַזוי ליכטיג!" האָט דער פויער אויסגערופען, וועלכער חאָט געפרעגט אויף א רפואה צום רוקען,

„עס איז נאָך ניט זיכער," האָב איך געזאָגט, „אפשר איז דאָס נאָר א ליגען."

פראָמטאָף האָט מיר פערוואונדערט אָנגעקוקט און האָט שנעל פער־כאַפּט: „ווי ניט זיכער! ווי אַזוי — א ליגען?"

און פון זיינע ליפען האָבען זיך געשאָטען ליגענס, זיסער ווי די שעהנסטע מיוזיק פאַר אַלע צוהערער, ער האָט אויסגעצייכענט פער־שטאַנען צו פאַנטאַזירען! די פויערים, וואָס האָבען איהם כמעט אין מויל אַריינגעשפרונגען. מיר אָבער האָט פערדראָסען דיזע בעגייסטערטע ליגענס לענגער צו הערען, וועלכע וואָלטען געקענט אָנמאַכען פיל שאַדען פאַר די אָרעמע טייוואָלים. איך בין אַרוים אין דרויסען, האָב זיך געלעגט אויף'ן הויף און האָב מיר מישב געווען, ווי אַזוי איך קען ווידער אַלעס גוט מאַ־כען, זיין שטימע האָט נאָך לאַנג געקלונגען אין מיינע אויערען. דאַן בין איך איינגעשלאָפען...

באַגינען האָט מיר פראָמטאָף אויפגעוועקט.

„שטעה אויף, לאָמיר געהן!" חאָט ער געזאָגט.

נעבען איהם איז געשטאַנען דער פערשלאָפענער בעל הבית. און פראָמטאָף'ס ראַנעץ האָט באַלד געפלאַצט, אַזוי אָנגעשטאָפּט איז ער געווען.

מיר האָבען זיך געזעגענט און זיינען געגאַנגען. פראָמטאָף איז גע־ווען גוט אויפגעלעגט, האָט געזונגען און געפייפט און האָט מיר אָנגע־קוקט פון דער זייט מיט אַ שטילען געלעכטער. איך האָב נאָכגעדיינקט וואָס איך זאָל איהם זאָגען. און דערווייל האָב איך געשוויגען נעבען איהם געהענדיג.

„נו, וואָרום גיט איהר מיר ניט מיין פּאָרציע?" האָט ער פלוצלינג געפרעגט.

„איהר זעהט איין, דאָס איהר האָט עס כשר פערדינט?" האָב איך טרוקען געפרעגט.

„גאַנץ נאַטירליך, איך פערשטעה אייך און איך וויים, דאָס איהר וועט מיר מוסר'ן — איך וויל אייך אפילו זאָגען, ווי אַזוי איהר וועט עס טהאָן — ווילט איהר? אָבער לאָזט דאָס בעסער! וואָס איז דאָ פאַר אַזאַ שלעכטס,

ווען די פויערים וועלען אַביסעל פֿאַנטאַזירען. קליגער וועלען זיי דערפֿון ניט ווערען — איך פֿערדין אָבער דערביי, זעהט נאָר ווי זיי האָבען מיר מיין ראַנעץ אָנגעפֿילט!"

„אָבער עס וועט זיין אייער שולד, ווען דיא פויערים וועלען דורך דעם ליידען!"

„עס וועט זיי גאָר ניט שאַדען און ווען יאַ — וואָס געהט מיר אָן דער רוקען פֿון דיא אַנדערע?... העלף מיר גאָט מיין אייגענעם צו פֿער-היטען! דאָס איז אפילו ניט מאָראַליש; אָבער נאָך אמאָל — וואָס האָב איך צו פֿרעגען, וואָס עס איז מאָראַליש אָדער ניט מאָראַליש? איהר מוזט מודה זיין, דאָס עס איז ניט מיין עסק!"

„נו," האָב איך געטראַכט, „דער וואָלף האָט רעכט!"

„לאָמער אָננעהמען, אַז די פויערים וועלען טאַקע דורך מיר ליידען וועט דען דער הימעל ניט זיין בלוי און דער ים ניט געזאַלצען?"

„קענט איהר גאָר דאָס געפֿיהל פֿון רחמנות ניט?"

„און ווער האָט אויף מיר רחמנות? — איך בין הפקר, און יערערער ווען איך קום אונטער די פֿיס, טרעט אויף מיר —"

ער איז געוואָרען ערענסט און בייז, זיינע אויגען האָבען געברענט פֿאַר נקמה.

איך טהו אימער אַזוי און אַמאָל נאָך ערגער... איין פויער אין סאַ-ראַטאָווער גובערניע האָב איך געראַטהען אַ רפֿואה צו בויך-ווייטאָג די-אָגיט מיט שוואַרצע מיסט-זשוקעס — ווייל ער איז געווען אַ קבצן — און איבערהויפט האָב איך ניט וויניג שלעכטס און שפּאַס פֿאַרזייעט אויף מיינע וואַנדערונגען. וויפֿיל משוגע'נעם אַבערגלויבען און פוסטע חלומות האָב איך אָנגעשטאָפּט אין די מוחות פֿון די פויערים! מיר אַרט דאָס ווי די וואַנד — וואַרום פֿרעג איך אייך, זאָל מיר אַרען? וועלכע דינים פֿער-באָטען מיר דאָס? עס איז ניטאָ קיין מאָראַל, אויסער מיין אייגענער!"

„און דערמיט בעריהמט איהר זיך?!"

„מיט רשעות געווים — פֿון אייער שטאַנדפּונקט אויס... איך בין אָבער, זייט מיר מוחל, קיין ליבהאָבער פֿון אַנשטענדיגקייט — און רע-כען, אז אַ שטעקען האָט צוויי עקען..."

איך האָב איהם אויסגעהערט און איבערלעגט ביי זיך, אַז איך וואָלט זעהר גוט געטהאָן צו פֿאָלגען דעם ערשטען קאַפּיטעל תהילים, אויסצו-מיידען דעם וועג פֿון דעם רשע. אָבער איך האָב דורכאויס געוואָלט בעקאַנט ווערען מיט זיין געשיכטע.

נאָך דריי טעג האָב אין איינעם מיט איהם פֿערבראַכט און האָב

מיר איבערצייגט אין פֿילע זאַכען, וואָס איך האָב פֿריהער מעהר נים ווי גע'חלום'ט דערפֿון. אַזוי איז מיר אויך קלאָהר געוואָרען, ווי אַזוי פֿילע אַלטע און אוננוצינע זאַכען זיינען געקומען אין ראַנעץ, אַ מעשענער לייכ־טער, אַ קליינער לאָם, גלעזערנע קרעלכלעך... איך האָב איינגעזעהען, דאָס איך וועל ריזיקירען מיינע ביינער און וועל נאָך וואַנדערען אהין, וואו עס וואַנדערען געוועהנליך, אַזעלכע זאַמלער ווי פראָסטאָף. עס וואָלט פֿיל געזינטער געוועזען פֿאַר מיר, צו ווערען אויס חבר — אָבער זיין גע־שיכטע — !

ויהי היום, ווען אַ שטאַרקער ווינד האָט געבלאָזען און עס איז קיין כחות נים געווען איהם ביייצושטעהן, זיינען מיר זיך פֿערקראָכען אין אַ קופּע היי אריף'ן פֿעלד און ער האָט מיר דערצעהלט זיין געשיכטע...

2

(זיין לעבענס-געשיכטע).

נו ווילט איהר, איך וועל אייך דערצעהלען! פֿון אייער טובה וועגען... איך וועל אָנהייבען פֿון מיין טאַטען: מיין טאַטע איז גע-וועזען אַ שטרענגער, פֿרומער מאַן: ביז צום זעכצינגסטען יאָהר האָט ער דער-גרייכט אַ פֿולען פענסיאָן און איז דאַמאָלסט אַריבערגעצויגען נאָך אַ קליין שטעטיל, וואו ער האָט זיך געקויפֿט אַ קליין הייזעל... די מאַמע איז אָבער געווען אַ גוטע און האָט געהאַט הייסע בלוט, און עס איז צו גלויבען, דאָס דער טאַטע, איז גאָר ניט געווען מיין טאַטע... ער האָט מיר ניט בעוויזען די קלענסטע אַכטונג: פֿאַר יעדע פוסטע זאַך האָט ער מיט געשיקט אין ווינקעל שטעהן אויף די קניע, אָדער ער האָט מיר פשוט געשמיסען מיט'ן רימען. די מאַמע אָבער האָט מיר ליב געהאַט און איך האָב זעהר גוט געהאַט ביי איהר. פֿיר יעדעס ליעבעס-בריוועלע, וואָס זי האָט געשיקט צו אַ געליעבטען — און אַזעלכע האָבען איהר ניט גע-פֿעהלט — האָב איך בעקומען מיין פֿערדינטע שכר, און פֿאַר מיין לאַ יחרץ נאָך עקסטראַ. צו יעדער צייט, ווען מיר האָבען זיך איבערגעצויגען בין איך פֿערבליבען לערנען און באַלד טאַקע בין איך פֿון גימנאַזיום אַרויסגעשמיסען געוואָרען, ווייל איך האָב אין דער פֿהיזיק פֿערביטען די לעהרער... אַנשטאַט צו נעהמען די שטונדען פֿיר פֿהיזיק ביי אונזער פראָ-פֿעסער, האָב איך זיך דיזע חכמה פֿון דעם אינספעקטאָרס דינסט-מיידעל געלאָזט אונטעריכטען. דער אינספעקטאָר האָט שטאַרק פֿעראיבעל געהאַט אויף מיר און האָט מיר אַרויסגעיאָגט צום טאַטען. איך קום אַהיים און דערצעהל, אַז דורך אַ שלעכטע טעות האָט מען מיר פֿון'ם טעמפעל דער וויסענשאַפֿט אויסגעשלאָסען, דער אינספעקטאָר אָבער, ווי איך האָב זיך

שפּעטער דערוואוסט, האָט דעם טאַטען אין א בריוועל די גאַנצע מעשה דער־
צעהלט, ער האָט אָבער ווי חכם פערשוויגען, דאָס ער האָט מיר בחצי
הלילה אין אַ הייסע מינוט ביי דער דינסט-מיידעל אין חדר'ל דערטאַפּט
און דאָס ער איז אַהין געקומען אין שלאָף-ראָק און נאָך אויף'ן שוועל
האָט ער מיט אַ האָניג זיסען קולכ'על געשעפּצעט: „....מערעלע...״ מילא
דאָס איז זיין עסק... דער טאַטע האָט ביי'ן ערשטען שלום עליכם אָנ־
געפאַנגען צו געוואַלדיגען, די מאַמע צו שילטען. זיי האָבען אזוי לאַנג
געשריען און געשאָלטען, ביז עס האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ פּלאַן בהסכם
כולם, מיר אַיועקצושיקען נאָך פּלעסקוי, וואו דעם טאַטענס אַ ברודער
האָט געוואוינט. כך היה, איך בין פערשיקט געוואָרען נאָך פּלעסקוי.
אנקומענדיג אַהין, האָב איך גלייך בעמערקט, דאָס דער פעטער איז אַ
גרויסער כעסן און א גולם, די שוועסטער-קינדער אָבער זיינען שעהנע
מיידלעך און מען קען מיט זיי גוט אויסקומען. ניט אויף לאַנג איז אָבער
געווען די גדולה, אויך דאָ בין איך געווען אַ פינפטער ראָד צום וואָגען
— נאָך דריי חדשים צייט האָט מיר דער פעטער אַרויסגעשמיסען, מיר
שולדיג מאַכענדיג, דאָס איך פיהר אַרונטער זיינע טעכטער פון'ם דרך
הישר. ווידער אין דער היים, ווידער דיזעלבע חתונה און ווידער בין איך
פערשיקט געוואָרען, דאָס מאָל ביי אַ מוהמען אין ריאַזאַנער גובערניע.
די מומענקע איז געווען אַ דיקע אַ פרעהליכע לוסטיגע וויבעל, יונגע מענ־
שען האָבען וועלטען געקעהרט ביי איהר שטוב. עס איז אָבער געווען
אַן אנדער צרה, דאמאָלסט איז אַרויס אַ מאָדע פערבאָטענע בוכער צו
לעזען... אָט מיר ניט, דיר ניט, בין איך געווען פערשפּאַרט אין טורמע,
וואו איך בין אַן ערך פון פיער חדשים געזעסען. די מאַמע האָט מיר גע־
שריבען אַ בריף, דאָס איך האָב איהר געקוילעט, דער טאַטע — דאָס איך
האָב איהם פערשוואַרצט זיין פנים אויף דור דורות... איך האָב אין דער
אמת'ן געהאַט זעהר לאַנגוויליגע עלטערען!

איהר ווייסט, ווען דער מענש זאָל זיך קענען זיינע עלטערען אליין
אויסקלייבען, וואָלט עס געווען פיל וויגאָדנער, ווי עס פיהרט זיך אַצינד
— ניט אמת?...

ווען איך בין פון טורמע בעפרייט געוואָרען, בין איך אַוועק נאָך
ניזשני-נאָווגראָד, וואו איך האָב געהאַט אַ פערהייראַטהע שוועסטער.
דיזע שוועסטער איז אָבער געווען אַ נעפּלאַנטע, זי האָט געשלעפּט אַ פּאַק
פון א גרויסע פאַמיליע אויף איהרע פּלייצעס, און דערפאַר איז זי געווען
אַ בייזע .. וואָס טהוט מען? די ירודים האָבען מיר אַרויסגעהאָלפען, איך
בין אַריינגעטרעטען אין אַ זינגער-כאָר איך האָב געהאַט א שעהנעם קול

נים קיין מאוס'ער בחור, בין דערקראָכען ביז צום סאָליסט און זינג נאָר נישקשה'דיג... גלויבט איהר, אַז ביי אַזאַ געלעגענהייט בין איך געוואָרען אַ שכור? ניין, אויך איצט טרינק איך קיין שנאַפּס, נאָר ווען נים ווען, זעהר זעלטען, און אַפילו יאָ, איז אויך נים מעהר זיך צו דערוואַרעמען, אַ שכור כרבעי בין איך קיינמאל נים געוועזן... נאָר ווען האָב איך זיך דאָך בעטרונקען? ווען עס האָט זיך געמאַכט גוטער וויין — שאַמפּאַניער למשל. מאַרשאַלאַ קענט איהר מיר געבען וויפיל איהר ווילט נאָר אַליין — דאַן וועל איך זיך געווים בעטרינקען, ווייל איך האָב דעם סאָרט זעהר ליעב, פונקט אַזוי ווי די ווייבער... די ווייבער ליעב איך ביז צו משוגע ווערען... און אפשר האָם איך זיי אויך — זעהט איהר, ווען איך נעהם פון די ווייב, וואָס עס איז געוועזן צו נעהמען, שטיינט אין מיר אין די רגע אויף אַ חשק, איהר אָבצוטהאָן אַ שפּיצעל — ניט זי זאָל פיהלען אַ ווייטאָג אָדער א שאַנדע, ניין, עס זאָל זיך איהר דאַכטען, אַז איך האָב איהר אין איהרע ביינער און אין איהר בלוט אריינגעטריפּט אַזאַ מין שטינקענדיג סם, און זי זאָל דעם עקעל פון דיזען סם אימער און אייביג מיט זיך אַרומטראָגען. און אַפילו יעדע רגע זאָל זי דאָס פיהלען... יע, וואָרום איך האָם אַזוי די ווייבער — איך קען מיר דאָס נים ערקלערען... זיי זיינען אַלע מאָל גוט געוועזן צו מיר, ווייל איך בין געוועזן אַ יונג מיט ביינער.

ווי פאַלש זיי זיינען! דער רוח זאָל זיי נעהמען! איך ליב עס, ווען זיי וויינען און קרעכצען — דאַמאָלסט קוק איך מיר צו, האָרך זיך איין און טראַכט, „אָט אַזוי אזוי איז רעכט!"

על כל פנים: זינג איך מיר און לעב מיר דערביי זעהר ברייט! קומט אַמאָל צו מיר אַ גלאַט אָבגעראַזירטער פנים און פרעגט מיר: „האָט איהר שוין אַמאָל פראָבירט אויף די ברעטער צו שפּילען?" איך האָב ביי אַ פּאָר פריוואַט אונטערנעהמונגען געהאָלפען... „ווילט איהר אין וואָדעוויל פּאַר פינף און צוואַנציג רובעל אַ מאָנאַט שפּילען?" אַזוי זיינען מיר אָוועקגעפאָהרען נאָך די שטאָט פּערם. איך שפּיל, זינג לפנים אַ הייסבלוטיגער שוואַרצקאָפּ, מיט אַ פערגאַנגענהייט פון אַ פּאָליטישען פערברעכער: די דאַמען לעקען די פינגער פון מיר. מען גיט מיר די צווייטע ליעבהאָבער ראָלען — איך שפּיל. „פּרובירט," זאָגט מען מיר, „העלדען־ראָלען," איך פאָלג און שפּיל אין די רויבער דעם קאַרל מאָאָר, און — איך האָב געפיהלט אין זיך — עס איז קיין מעשה נים! אזוי האָב געשפּילט א גאַנצען סעזאָן, זומער־צייט בין איך חבר געוואָרען מיט אַ גאַנץ לוסטיגע קאָמפּאַניע, מיר האָבען געשפּילט אין וויראַטקע, אין אופאַ,

אַפּילו אין יעלאַבוגאַ, אויף'ן ווינטער זיינען מיר צוריק נאָך פּערם געקומען.

דעם ווינטער האָב איך אָנגעהויבען די מענשען צו האַסען און פאַר זיי זיך צו עקלען. דו טרעטסט אַרויף אויף דער ביהנע, און הונדערטער שופּטען און דומקעפּ גלאָטצען אויף דיר אויס זייערע אויגען — און עס נעהמט דורך דעם גאַנצער קערפּער אַ געוויסער שקלאַפּישער פּייגער שווי־דער, עס רייצט איינעם, ווי מען וואָלט אין איין מוכאָווייניק אַריינגע־פאַלען. זיי בעטראַכטען דיר פאַר אַ שפּילעכעל, פאַר אַ זאַך וואָס זיי האָבען עס פאַר אַן אָבענד אָבגעקויפט, זיך צו בענוצען. זיי זיינען בכח ריר אין דער ערד אַריינצולייגען אָרער אין הימעל אַרויפצוהויבען... און זיי הימען טאַקע גוט אָב, מען זאָל מיט נענוג התמדה זיך קרימען, און ווען זיי זיינען צופרידען — דאַן ברילען זיי ווי די עולען אויף'ן שטריק -- זיי ברילען און מען הערט זיך איין דערצו, און זייער אַ גוט וואָרט איז איינעם אַ גמילת חסד... מען פערגעסט זיך גאָר אַ צייט לאַנג, דאָס מען איז נאָר זייער אייגענטהום... און מיט איינמאָל ווערט מען ווידער אויס־געניכטערט, און עס גלוסט זיך אליין צו שפּייען אין פּנים, וואָרום מען האָט הנאה געהאַט פון זייער בייפאַל... ביז צום ברעכען האָט מיר אָב־געעקעלט דיזער פּובליקום און זעהר אָפט האָט אין מיר זיך ערוועקט אַ חשק, פון דער ביהנע אַרבאָבצושפּייען און זיי אויסזידלען אויף די גע־מיינסטע אַרט. אַן אַנדערם מאָל, פיהלט מען גאָר ווי דעם פּובליקום'ס אויגען וואָלטען אַריינגעקראָכען אין דיר, ווי שפּילקעס, ווי דאָס וואָרט הונגעריג, מען זאָל רייצען זיינע נערוועז — הונגעריג מיט אַ געוויסהייט פון'ם תליון. וועלכער איז זיכער מיט זיין קרבן... מען טראַכט זיך אין זיך, ווי שעהן וואָלט עס איצט געווען אַ לאַנגען מעסער אין פויסט צו האַלטען, כדי דעם גאַנצען ערשטען ראַנג די נעזער אָבצושניידען, דער טייוועל זאָל זיי אַלעמען צונעהמען .

איך האָב אַלזאָ געשפּילט און האָב פיינט געהאַט דאָס פּובליקום בתכלית השינאה, ביז איך האָב גאָר בעשלאָסען צו מאַכען פּליטה, פער־האַלפען האָט מיר דערצו אַ דאַמע, די פרוי פון אַן אַדוואָקאַט. זי איז מיר ניט געפעלען און דאָס איז איהר ניט געפעלען, האָט זי אָנגעווענדעט איהר איינפלוס ביים מאַן און אַזוי בין איך צום סוף אויסגעוואַקסען אין סאַראַנסק — ווי אַ פּאָלאָווע פון ווינד, בין איך אַוועקגעבלאָזען געוואָרען פון די ברעגעס פון'ם טייך קיומאַ, יאַ. אַלעס איז ווי אַ חלום אין ריזען פאַסקודנעם לעבען!

איך זיץ מיר אַזוי אין סאַראַנסק און מיט מיר צוזאַמען אַ יונגע ווייבעל, אַ קופּצעס אַ פרוי פון פּערם, אַ כוואַטסקע נקבה, וועלכע האָט געליעבט

מײַן קונסט. מילא זיצען מיר זיך אַזוי צוזאַמען — געלד האָבען מיר ביי־דע ניט אַ פּרוטה, בעקאַנטשאַפטען אויך ניט. איך לאַנגווייל מיר זי מהומ עם אויך. הויבט זי גאָר אָן פאַר צייט פערטרייב מיר פאָרצוואַרפען, אַז איך האָב זי ניט ליעב. איך האָב איהר געלאָזט ריידען, עס איז מיר אָבער באַלד ניט גוט געוואָרען, האָב איך איהר געשיקט צום טייוועל... „אַזוי ווייט האַלט עס מיט אונז?!” האָט זי געשריען, האָט געכאַפּט אַ רעוואָל־ווער און האָט אויסגעשאָסען... אין די לינקע פּלייצע האָט מיר דער קויל געטראָפען — אַ ביסעלע נידריגער און איך וואָלט שוין געווען אין הימעל. איך בין כדרך הטבע אומגעפאַלען. זי האָט זיך שטאַרק דערשראָקען און פאַר גרויס פּחד איז זי אין אַ ברונען אריינגעשפּרונגען... מען האָט איהר ניט מעהר לעבעדיג אַרויסגעצויגען.

מיר אָבער האָט מען געבראַכט אין שפּיטאָל. די דאַמען זיינען פון אַלע זייטען געקומען צו מיר, האָבען עפּעס דערשמעקט אַ ליעבס עפּי־זאָדע, אַ מהייערע לעקער-ביסען פאַר זיי! זיי האַבען מיר אַזוי לאַנג אַרומ־געשניפעלט, ביז איך בין ווידער געשטאַנען אויף מיין פאָר פיס און ווען איך בין גענעזען געוואָרען, האָבען זיי מיר פערשאַפט א שטעלע אַלס שרייבער ביי דער פּאָליציי. נו, על פּי שכל איז בעסער צו זיין אָנגעש־טעלט ביי זיי, ווי צו ווערען פון זיי בעוואַכט. אַזוי האָב איך אָנגעלעבט אַ מאָנאַט צוויי, דריי... צו יענער צייט האָט מיט מיר עפּעס פּאַסירט, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען — איך האָב געשפּירט אַ קוועטשענעס אין דער נשמה פאַר לאַנגווייליע. עס איז אַ בעזער געפיהל, וואָס מאַכט דעם מענשען צום קריפּעל... אַלעס אַרום אייך פערלירט אינטערעס און עס ווילט זיך עפּעס נייעס, מען וואַרפט זיך אַהין און אַהער, מען זוכט און זוכט, מען געפינט עפּעס — אָבער עס איז גאָר ניט דאָס, וואָס מען האָט געזוכט. מען פיהלט זיך פאַרכמאַרעט, אין זיך געפּענטעט, ניט בכח מיט זיך אַליין בשלום צו לעבען... און פרידען איז דעם מענשען אזוי מהייער! אַ טרויריגער, געמיינער צושטאַנד... עס האָט מיר אַזוי ווייט גע־בראַכט, דאָס איך האָב גאָר חתונה געהאַט... און דאָס קען נאָר בע־געהען אַ מענש פון מיין כאַראַקטער, ווען ער איז שכור אָדער פון לאַנג ווייליע...

מיין ווייבעל איז געווען די טאָכטער פון אַ גלח. האָט געוואָהנט ביי איהר מוטער — דער פאַטער איז טויט געווען — זי איז פריי געווען ווי אַ פייגעלע. זי האָט געהאַט אין פערמעגען אַן אייגענעם הייזעל, מען קען אַפילו זאָגען „הויז” און געלד האָט זי אויך געהאַט. זי איז געווען אַ שעהנע, קלוגע מיידעל, אַ לעבעדיגער ברעקעל, נאָר איין חסרון, זי האָט

האָלט נעהאַט אַסך צו לייענען און דאָס האָט געמאַכט אַ שלעכטען איינ-דרוק אויף איהר, ווי אויף מיר. אַלע מאָל האָט זי ענטדעקט עפּעס אַ מאָראל אין די ביכער. און ווען עס האָט זיך אַזאַ זאַך פאַר איהר ענט-פּלעקט, איז זי געקומען צו מיר. איך האָב אָבער פון קינדהייט אָן פיינט געהאַט מוסר ווי דעם טויט... פריהער האָב איך געלאַכט, אָבער באַלד איז מיר פּשוט נים גוט געוואָרען איהר אויסצוהערען .. איך זעה זי שעפּט און שעפּט חכמה פון די ביכער, די ווייבער פּאַסט אָבער דאָס געלעהר-רענטקייט פון די ביכער, ווי דער מאַראַם׳ס שלעפּע אויף דער דינסט-מיידעל. מיר האָבען זיך גענומען אַרומרייסען ווי אַ הונד מיט אַ קאַטץ, צו יענער צייט האָב איך זיך בעקענט מיט אַ גלח, וועלכער איז געווען אַ פּיאַניצע, אַ גיטאַרען-שפּילער און אַ זינגער. ער האָט אויך גוט געטאַנצט. פאַר מיר איז ער געווען דער בעסטער מענש אין שטאָט, ווייל ער האָט מיר פערשאַפט פערגעניגען — זי אָבער האָט דערפאַר געשאָטען קללות אויף מיין קאָפּ און האָט מיר געוואָלט צווינגען צו בלייבען אין געזעל-שאַפט פון איהרע שריפטשטעלער און אַנדערע וואָהלגעלערענטע. אָבענד האָט זי אימער געהאַט גרויס געזעלשאַפט, ווי זי פּלעגט זיך ריהמען, פון שטאָדט. פאַר מיר זיינען זיי געווען צו ערענסט, ווי געהאַנגע-נע. איך האָב צו יענער צייט אויך ליב געהאַט צו לייענען, האָב אָבער בשום אופן נים געקענט פון דאָס געלייענטע אַזוי שטאַרק זיך אויפרעגען. וואָס נוצט עס אויך? די אַנדערע אָבער — דאָס הייסט מיין ווייבעל און קאָמפּאַניע, ווען זיי האָבען עפּעס געלייענט, זיינען נתפעל געוואָרען, פּשוט אויסען הויט געשפּרונגען, וויא משוגעים. מיין מיינונג איז אָבער: אַ בוך איז גוט, אַן אונטערעסאַנטער — נאָך בעסער — אָבער יעדעס בוך פיר זיך איז פון אַ מענשען געשריבען און העכער איבער׳ן דאַשיק קען קיינער נים שפּרינגען. אַלע ביכער יאָגען זיך נאָך איין ציעל: אַלע ווילען בעווייזען, דאָס גוּט איז גוט, און שלעכט — שלעכט. דער רעיון איז דער זעלביגער. אויב מען האָט הונדערט אָדער טויזענד ביכער דורכגעלעזען, מיין פּלונית׳טע האָט זיי פערשלונגען טויזענדוועיז — דערפאַר האָב איך איהר געזאָגט, איך וואָלט פיל בעסער געטהאָן ווען איך וואָלט חתונה געהאַט מיט׳ן פּאָפּ. דער באַטיושקאַ אַליין האָט פערשטאַנען מיר מיין צייט צו פער-טרייבען, וואָלט ער נים געווען, וואָלט איך ווידער מיין חוה׳ן מיט׳ן גן עדן פערלאָזען׳ עס פּלעגט זיך שטענדיג מאַכען. דאָס איך פלעג ענטלויפען צום גלח, ווען די פיינע יונגע לייט פלעגען קומען צו בעזוך,

אַזוי האָב איך אָבגעלעבט אַן ערך פון אַנדערטהאַלב יאָהר. די צייט צו פערטרייבען האָב איך געהאָלפען דעם גלח זיין שליחות צו גאָט פעריכטען

אַמאָל האָב איך געלייענט אין עוואַנגעליום, אַז אַנדערסמאָל בין איך גע-שטאַנען ביי׳ן אָרגעל און פּסאַלמען געזונגען...

אַסך, אַסך האָב איך צו יענער צייט איבערגעלימען און לעתיד לבוא וועט מען מיר פֿאַר אַסך חטאים מוחל זיין...

איינמאָל איז צו מיין גלח זיין פּרימעניצע געקומען צו גאַסט, ער-שטענס ווייל ער איז געווען אַן אַלמן, צווייטענס האָבען איהם די חזי-רים געפֿרעסען, דאָס הייסט ניט אין גאַנצען אויפֿגעפֿרעסען: זיין פּנים האָבען זיי איהם חזוק געמאַכט, מעשה שהיה כך היה: איינמאָל שפּעט ביי נאַכט, האָבענדיג איבערגעכפּאַט די מאָס, איז ער געפֿאַלען אין הויף און פֿעסט איינגעשלאָפֿען, חזירים זיינען געקומען האָבען איהם געלעקט ביז עס איז ניט געוואָרען פֿון איין אויער, אַ באַק און אַ שטיק האַלז, דערפֿון איז באַטיושקאַ קראַנק געוואָרען און ער האָט בעפֿוילען זיין פּלי-מעניצע זאָל קומען איהם מבקר חולה זיין און מיט מיר אַן התחלה מאַ-כען אויף אַ נייעס ראָמאַן, נון מיר האָבעןביידע געטהאָן אונזער זאַך מיט חשק און איך האָב געהאַלטען אויף אַ דרך, ווען מיין פּלונית׳טע האָט זיך דערוואוסט פֿון די גאַנצע געשיכטע, זי האָט ניט געקאַרגט מיט קללות. וואָס האָב איך געזאָלט טהאָן? איך האָב געשאָלטען צוריק. האָט זי מיר מכבד געווען מיט פּסיחה, דאָס הייסט עפּענען. די טהיר און זיך מטריח זיין פֿערלאָזען איהר הויז, איך האָב מיר מישב געווען אַזוי לאַנג אַזוי ברייט און בשלום האָב איך אין גאַנצען פֿערלאָזען די שטאָדט,

אַזוי האָט זיך אָבגעקניפּט אונזער גאָט-געבענטשטער בונד... ווען זי לעבט נאָך איצט — מיין פֿרוי מיין איך — האַלט זי מיר געווים פֿאַר אַ שוכן עפר. איך האָב קיינמאָל געשפּירט אַ חשק, איהר נאָך אַמאָל צו זעהען. איך רעכען, אַז זי האָט אויך אָן מיר אין גאַנצען פֿערגעסען און לעבט זיך בשלום ושלוה. זי איז מיר רעכט נמאס געוואָרען צו יענער צייט....

נו ווידער אַ פרייער פֿויגעל, בין איך געקומען נאָך פּענסאַ, איך האָב מיר פֿאַרגעשטעלט ביי די פּאָליציי — קיין שטעלע צו האָבען — אהער, אַהין — לחלוטין קיין שטעלע. מילא בין איך גאָר געוואָרען אַ פּסאַלם-זינגער. איך קום אָן, זינג און לייען. אין קלויסטער קומט ווידער דאָס פּובליקום און אויף דאָס ניי פּאַקט מיר דער עקעל פֿאַר איהם. די שכרות זיינען קליין און אַליין איז מען פֿערקויפֿט. עס איז מיר געווען ביטער אָבער אַ סוחר׳ס פֿרוי האָט מיר געראַטעוועט, דאָס איז געווען אַ דיקע, פֿרומע פֿרוי און זי האָט זיך געפֿונען אומעטהיג. בקיצור זי האָט מיר אויפֿ-גענומען צו לערנען מיט איהר דברי תורה. איך קום צו איהר טעגליך אין זי

איז מיר מפרנס. איהר מאַן איז געוועזן אין דול-הויז אונ זי אַליין האָט גע־פיהרט אַ גרויסען מעהל געשעפט... איך האָב מיר גאַנץ זאַכט צוגעשאַרט צו איהר: „איהר אַרבייט זעהר שווער נעביך, שעקלעטיא קורילאָוונאַ" — „צו שווער," האָט זי געזאָגט. „נעהמט מיר צו פאַר אַ העלפער," — „דו וועסט מיר בעשווינדלען." האָט זי געזאָגט — אונ האָט מיר אויפגענומען. דאָ האָב איך געהאַט זעהר גוט. די שטאָט אָבער האָב איך אויסגעפונען איז אַ מאוס׳ערעהעק; קיין טהעאַטער, קיין רעכטע קאַפע, ניט איין רעכ־טער מענש... עס איז מיר ווידער געוואָרען שטאַרק אומעטיג. פאַר לאַנג־ווילע האָב איך געשריבען אַ בריעף צום פעטער: איך בין אין די פינף יאָהר צייט, וואָס איך בין אוועק פון פעטערסבורג קליגער געוואָרען אונ איך בעט ער זאָל מיר מוחל זיין פאַר אַלעס, וואָס איך האָב געטהאָן, ווי־טער וועל איך איבערהויפט גאָר מעהר ניט טהאָן. אונ פרעג זיך אָן ביי איהם, אויב איך קען זיך בעזעצען אין פעטערסבורג? דער פעטער ענט־פערט מיר: איך קען, אָבער איך זאָל זיך היטען. דאַמאָלט האָב איך פער־לאָזען דעם סוחר׳ס פרוי.

איהר ווייסט, זי איז געוועזן אַ נאַרעשע, פעטע, דיקע אונ מיאוס׳ע פרוי. איך האָב געהאַט זעהר פיינע ווייבער פאַר געליבטע, עלעגאַנטע אונ קלוגע ווייבער... יאַ, עס האָט אָבער אַלע מאָל גענומען אַ שוואַרצען סוף: אָדער איך האָב זיי פעריאָגט אין כעס אונ אין פעראַכטונג, אָדער זיי זיינען נענען מיר בעגאַנגען וועלכע עס איז געמיינהייט. דיזע פרוי האָט אָבער ביי מיר אַכטונג געוואונען פאַר איהר פראָסטקייט. איך האָב איהר געזאָגט: „זיי געזונד!" — „זייט געזונד, מיין טהייערער," האָט זי געענטפערט, „גאָט זאָל דיר בעגליקען..." טהוט אייך ניט וועה, אונזער געזעגנען זיך?" האָב איך איהר געפרעגט, „וועה טהאָן," האָט זי געענטפערט, „וואַרום זאָל מיר ניט וועה טהאָן, אזאַ שעהנער, קלוגער בחור ווי דו בינסט? ווען עס זאָל זיך אין מיר ווענדען, וואָלטען מיר אונזער גאַנצען לעבען ניט פונאַנדערגעגאַנגען, עס מוז אָבער אַזוי זיין. איך פערשטעה דיר — דו בינסט פריי ווי אַ פויגעלע — פליה אַרויס. העלף דיר גאָט!" אונ דערביי האָט זי ביטער געוויינט. „זיי מיר מוחל," האָב איך געזאָגט, וואָס רעדסטו, האָט זי געזאָגט, „איך האָב דיר ניט וואָס מוחל צו זיין, נאָר דאַנקען דאַרף איך דיר." — „דאַנקען? פאַר וואָס דען?" „געוויס," האָט זי געזאָגט. „דו האָסט דאָך מיר געקענט בדיל הדל שטעלען. איך בין געוועזן אין גאַנצען אין דיינע הענד, ווען דו וואָלסט געוואָלט, וואָלסטו מיר געקענט בע׳גנב׳ענען, וויפיל דו וואָלסט אַליין געוואָלט, איך וואָלט דיר ניט געקענט שטערען, דאָס האָסטו גוט געוואוסט. דו ביזט אָבער געוועזן גאַנץ עהרליך

איך וויים אויך, וויפיל דו האָסט דורך די צייט ביי מיר פערדינט — ניט מעהר ווי אַן ערך פון פיער טויזענט רובעל. אַן אַנדערער אויף דיין אָרט וואָלט אַלעס צוגענומען און מיר אויף'ן גאַס אַרויסגעוואָרפען!" יאַ, אַזוי האָט זי גערעדט... עס איז דאָך געווען אַ ליעבע פרוי... מיר האָבען זיך צוקושט ביי'ן געזעגנען זיך, און מיט אַכטונג פאַר איהר אין האַרצען און פינף טויזענד רובעל אין קעשענע — ווארום זי האָט אַ טעות געמאַכט אין טויזענד רובעל — בין איך געקומען נאָך פעטערסבורג.

איך האָב געפיהרט אַ פריצישען לעבען, האָב געמאַכט בעקאַנט־שאַפטען, געשפּילט אַמאל טהעאַטער, מעהר פון אַלעס אָבער קאָרטען דאָס קאָרטען שפילען איז אַ שעהנע עבודה. מען זיצט ביי'ן טיש און דורך די נאַכט איז מען צעהן מאָל געשטאָרבען און ווידער צוריק לע־בעדיג געוואָרען. שרעקליך איז צו פיהלען. דאָס כהרף עין ווערט דיין לעצטער רובעל זאָגען ודוי און דו קענסט זיך אַלס בעטלער געהען אויף'ן גאַס — ווער אַ גנב אָדער הייננ זיך אויף! עס איז אַ חיות צו זעהען. ווי דיין שכן ציטערענדיג איבער'ן לעצטען רובעל האָט דאָס צעהן־יאָהריגע קדחות, ווי מען האָט עס אַליין פריהער געפיהלט! ווען מען בעטראַכט אָט די אַלע רויטע און בלייכע פנים'ער. ווי זיי ציטערען פאַר'ן פערלירען אָדער ווי זיי וויכען אַלעס פערשלינגען. ווען מען קוקט זיי אָן די חברה און ווען מען טרומפּירט יעדען קאַרט אַריבער איינעם נאָך'ן אַנדערען — דאָס מאַכט פיין דאָס בלוט אין דיא נערווען האָבען!... מיט יעדען איבערטרומפען קאָרט רייסט מען מיט פון'ם מענשען אַ שטיק הייסע פלייש מיט נער־ווען אין בלוט פון'ם האַרצען... דאָס איז זאַפטיג!...

אָט די דאָזיגע קדחת־רביעית־ריזיקע. אַלע רגע צו ווערען אוים בעל הבית דאָס האָט דעם זיבענטען חן... יאַ. אין דאָס ליגט אַ טעם גן ערן· איבערהויפּט פיהלט מען זיך גוט, יוען מען זעצט עפּעס אין קאָן. וואָס גרעסער די ריזיקע. דאָס מעהר זזן איז אין לעבען... האָט איהר ווען פרובירט צו הונגערען? איך קען צייטען. ווען איך האָב צוויי מעת לעת לאנג ניט געהאַט וואָס צו עסען... ווען דער מאָגעז הייבט אָן זיך אַליין צו פרעסען,ווען מען פיהלט ווי די געדערים 'שטאַרבען אָב און טריקע־נען אוים פון הונגער — אין אַזאַ צייט איז מען בכח, אַ מענשען אָדער אַ קינד פאַר אַ שטיק ברויט צו מאָרדען... מען איז צו אַלעס פעהיג.. און אַזאַ מעמד, וואָס מען איז נייט אַ פערברעכען צו בעגעהן. האָט זיך זיינע אייגענע פּאָעזי — דאָס איז אַ טהייערער צושטאַנד. און ווען מען איז דאָס אַריבערגעקומען. ווערט מען ביי זיך אַליין פיל גרעסער.

אָבער לאָמער אַקאָרשט אונזער מעשה ווייטער דערצעהלען: זי

זין ציהט זיך שוין אָהן דעם לאַנג גענוג ווי אַ לויה׳ וואו איך שפּיל די ראָלע פון׳ם מת—פע, וואָס פאַר אַ מיאוס׳ער משל איז מיר דאָ איינ-געפאַלען—ער איז אָבער ריכטיג, כאָטשי ניט זעהר קלוג... באַלזאַק זאָגט וואו עס איז אַן אמת ווערטעל: „עס איז דום וויא אַ טהאַטזאַך.“ דום? עס קען אויך זיין! אָבער וואָס איז מיר די נפקא מינה צווישען קלוג און דום?

לעב איך מיר הייסט עס אין פעטערסבורג, זעהר אַ שעהנע שטאָט, זי וואָלט אָבער אסך שעהנער געווען, ווען האַלב פון איהרע איינוואָהנער וואָלטען דערטרונקען געוואָרען אין זומפּ׳ וואו זיי פּליסקענען זיך אַרום... לעב איך מיר בהרחבה און טהו אָב שפּיצליך און ברעקלעך, ווי עס פאַסט פאַר אַ בכבוד׳ען מענשען. אין מיטען דרינגען, ווער איך גאָר געפעלען אַ געוויסער דאַמע, און זי נעהמט מיר צו זיך׳ איהר האָט שוין אַמאָל פער-זוכט צו ווערען אויסגעהאַלטען פון אַ פרוי? עס איז גאַנץ אינטערעסאַנט —אין איין צייט זייט איהר אַ שטיק איינגענטהום און אַ בעל הבית איהר ווערט געקויפט פאַר אַ שפּילבעל, אָבער איהר שפּילט אויך אַליין מיט׳ן קונה. דער קונה ליגט אין אייערע הענד אין אַ לעכערליכע פּאָזיציאָן; איהר דאַרפט דאַכט זיך פאַר איהם שפּילען די ראָלע פון אַ שטיוועל׳ וועלכער וויל זיין אַ היטעל און וויל מען זאָל איהם נאָר טראָגען אויף׳ן קאָפּ אַזוי האָב איך מיר אָוועקגעלעבט אין חדוה איינס, צוויי, דריי יאָהר — אַלעס איז געגאַנגען גוט, דאָס הייסט מיט פערגעניגען.

דאַרף פּאַסירען אַזאַ מעשה: איין פריהמאָרגען קומט צו מיר איינער — אַ גרייליכער מענש, ער האָט אָבער אַ מיאוס׳ע טבע מיט שלעכטע פּאָליטיק, זיך צו פעהרנעהמען — פיר וועלכען ער איז אויך אין די הייסע מינוט געפאַקט געוואָרען — און זאָגט צו מיר כהי לישנא: „פער-שאַף מיר אַ פּאַס!“ - „וואָס פאַר איינעם?„ „פאַר אַ ברונעטע מיידעל, צוואַנציג יאָהר אַלט. מיטעל גרויס, אָט, אַ מיידעל ווי אַלע מיידלעך.„ „למאי?“ — „פערשטעהט, עס איז דאָ מיידלעך, זי דאַרף אָבער ניט זיין און מיט די הילפע פון אַ פרעמדען פּאַס וויל איך איהר חתונה מאַכען.“ אַ גאַנץ לוסטיגע מעשה׳לע און מיין דאַמע האָט גראָד אַ דינסט-מיידעל, ווי פון איין איי געגאָסען, האָב איך גענומען איהר פּאַס און איבערגע-געבען יענעם שווינדלער. מילה גוט. עס איז אַוועק אַ רעכט ביסעל צייט...

פּלוצלינג וואַקסען אויס צוויי זשאַנדאַרמען און זאָגען, „זייט זיך מטריח קומט מיט אונז!“ געה איך, אַ ברירה האָב איך? אַ געוויסער בעזער הדרת פנים פרעגט מיר: „האָט איהר דער פריילייין אַזוי און אַזוי צוגעשטעלט אַ פּאַס?“— „אמת, וואַשע בלאַגאָראָדיע, איך ווייס אָבער ניט אויב עס איז גראָד געוועזען יענעם פריילען.“ — „ווי אַזוי?“ -- מיין

פֿריינד האָט אין דער אמת'ען מיט דעם נאָמען צו זאָגען. דער בעזער מאַן האָט מיר ניט געגלויבט. ווי הייסט, איהר האט דאָס פֿריילייִן ניט געקענט און האָט איהר געגעבען איין פּאַס?" — "ניט איך האָב געגע-בען." „ווער דען?" — „דער און דער!" „אַהאַ!" האָט ער אַרויסגעפּלאַצט, „יעצט האָבען מיר איהם! אַ דאַנק פֿאַר'ן אויסזאָגען!" און ער האָט גלייך אַ בעפֿעהל געגעבען, מיין פֿריינד צו אַרעסטירען, איך אָבער בין דערווייִלע נאָך גוטער-זיכער פֿערפּאַקט געוואָרען, אין אַ צוויי טעג אַרום זיינען מיר, איך און מיין פריינד. געשטעלט געוואָרען אויג אויף אויג. ער האָט צוגע-געבען מיין מודה זיין, ראַן האָט מען מיר געפֿרעגט. וואַהין איך וויל מיך פֿון פעטערבורג אָבטראָגען. איך האָב געפֿרעגט, עפּשר נאָך צאַרסקייע סעלאָ? ניין, האָט מען געזאָגט, ווייטער. נאָך רוססאַ! נאָך ווייטער! אָט האָבען מיר זיך פֿערגלייכט אויף טולאַ. לית ברירה, ווען עס מוז זיין טולאַ. לאָז זיך זיין טולאַ, מען האָט מיר אַן עצה געגעבען, אויב איך האָב חשק קען איך ווייטער געהען, אָבער אין משך פֿון דריי יאָהר טאָר איך ניט צוריקקומען. מיינע פּאַפּירען בעהאַלטען זיי דערווייִלע צום אַנדענקען, דערפֿאַר אָבער גיט מען מיר ערלויבנים-שיין ביז טולאַ. „נעמט אייך פֿעטעריל די טירחה אין פֿיער און צוואַנציג שטונדען צייט עוקר צו זיין..." נו, ווי זאָגט איהר, נאַצאַלסטוואָ מוז מען פֿאָלגען — ווי קען דען אַנדערש זיין?

אָט אַזוי איז געווען די מעשה... איך פֿערקויף מיין גאַנצע האָב און גוטס פֿאַר אַ שמעק טאַבאַק צו מיין בעל הבית'טע און געה צו מיין דאַמע... די מרשעת לאָזט מיר אָבער אויף'ן שוועל ניט אַרויף. איך געה צו דעם איך געה צו יענעם בעקאַנטען — מען נעמט מיר אויף ווי אַ קרעטציגען. איך האָב אַלעמען אין דער אדמה און געה אין אַ קלייזעל מיינע לעצטע שטונדען אין פעטערבורג צו פֿערברייגנען. זעכס אַ זייגער פֿריה בין איך פֿון דאָרטען אַרויסגעקומען, מיט איבערגעקעהרטע קעשענעס. אלעס האָב איך פֿערשפּילט! אַ טשינאָווניק האָט מיר אַזוי אַרומגעשעהרען דאָס איך האָב בעוואונדערט זיין טאַלאַנט — האָט גאָר קיין רחמנות געהאַט — טיאַ — וואַהין געהט מען? ניט זעהענדיג ווי אַזוי האָב איך מיר איינגעפֿונען אויף'ן מאָסקווער וואַקזאַל, האָב מיר דאָרט אַרומגעדרעהט. ביז איך בין פֿערקראָכען אין אַ וואַגאָן. אָבפֿאָהרענדיג גאַנצע צוויי שטונדען, האָט מען מיר אַרונטערגעזעצט. מען האָט געוואָלט אַ פּראָ-טאָקאָל אויפֿנעהמען, געפֿרעגט ווער איך בין. איך האָב בעוויזען מיין שיין און זיי האָבען מיר געלאָזען לויפֿען: נאָך אַ מאַרש פֿון צעהן ווערסט בין איך מיעד און הונגעריג געוואָרען. באַלד האָב איך דערזעהן אַ וואַכט-

הייזעל און דערביי דעם באַהן-וועכטער. איך קעהר זיך צו איהם: גיב ברודער, אַ שטיקעל ברויט!" ער קוקט מיר אָן און גיט ניט נאָר ברויט, אויך מילך נענוג. איך האָב אויך דאָרט גענעכטיגט, דאָס ערשטע מאָל אַלס בראָדיאגאַ אונטערען פֿרייען הימעל אויף'ן היי לעבען וואַכט-הייזעל. ווען איך האָב זיך פֿריה אויפֿגעכאַפּט, איז די זון אויפֿגעגאנגען, די לופֿט שמעקט שאַמפּאַניער, אַלעס איז גרין, די פֿייגעל שווימשערען... איך לאָז מיך נאָך ברויט געבען און געה ווייטער.

איהר מוזט פֿערשטעהן: דאָס בראָדיאַגאַ-לעבען איז גרויסאַרטיג, גע-וואַלטיג! עס איז אַזוי שעהן, זיך אין גאַנצען פֿריי צו פֿיהלען פֿון אַלע התחייבות, פֿון אַלע קליינע קייטעלעך, מיט וואָס דעם מענשען'ס עק-זיסטענץ איז געבונדען פֿון אַלע קליינינקייטען, וואָס קלעפּען אַזוי געדיכט צום לעבען, וואָס עס איז גאָר ניט לטובה, נאָר אַ לאַנגווייליגע שווערע משה — אַ שווערער קאָסטען פֿול מיט פֿליכטען — ווי די פֿליכט צו טראָגען שעהנע מלבושים, אַנשטענדיג ריידען און אַלעס מאַכען ווי דער מנהג איז און ניט ווי מען האָט אַליין חשק. ביים בעגעגנען זיך מיט אַ בעקאַנטען מוז מען ווי דער מנהג איז זאָגען: אַ גוטען טאָג — ניט ;דער רוח זאָל דיר כאַפּען! ווי דאָס הארץ דיקטירט. איבערהויפּט — נאָר דעם אמת זאָגען־יג — זיינען אַלע דיזע אויסגעפּוצטע, אַרומגעפּיילטע, דומע מנהגים, וועלכע מען זעהט זיי ביי די פֿיינע גרויס-שטעטיגע, אַ לאַנג-ווייליגע קאָמעדיע! און אַ געמיינע קאָמעדיע דערפֿאַר, ווייל קיינער רופֿט נים דעם אַנדערען אין פּנים עזעל אָדער גנב — און ווען ראָס טרעפֿט יאָ אַמאָל, איז עס ניט מעהר ווי אַן אנפֿאַל פֿון אָפֿענהערציגקייט, וואָס דאָס רופֿט זיך כעס.

אַלס בראָדיאַגאַ לעבט מען ווייט פֿון אַזאַ שאַכער-מאַכער... דער פֿאַקט אָבער אליין, דאָס גאָר ניט פֿערדריסענדיג איז מען מוחל אַסך ווינאָרעס אין לעבען און מען קען גאָר אָהן זיי אויך מאַכען שבת, אָט דאָס לאָסצעט ביי דער נשמה און מען ווערט ביי זיך אַליין גרעסער. מען ווערט ווייך געשטימט, פּשוט אַ בן-יחוד'ל ביי זיך — כאָטש אין דעם ענין בין איך קיין מאָל ניט האַרב געוועזן, קיין מוילקאָרב זיך ניט אויפֿגעלעגט און די ציינער פֿון מיין סאָוועסט האָבען מיר קיינע רעכטע ווייטאָגען פֿערשאַפֿט... כ'האָב מיין הערץ קיינמאָל מיט די נעגעל פֿון מיין שכל צוקראַצט. איך האָב מיר, ווייסט איהר, נאָך פֿון קליינערהייט, כמעט אַליין נים ווייסענדיג, אַ פֿעסטע און פּראָסטע איבער-ציינונג געוואונען: ווי דו זאָלסט נים לעבען, שטאַרבען מוזטו דאָך: וואָצו זאָל מען מיט זיך אַליין מלחמה האַלטען. וואָצו זאָל מען זיך שלעפּען ביי

די פּיאות נאָך רעכטס, ווען די נאַטור שטופּט דווקא לינקס? ! און מענשען, וועלכע צוררייסען זיך אין צוויי חלקים, קען איך ניט ליידען . וואָס זוכען אַט דיזע מענשען? איך האָב געהאַט אַ געלעגענהייט, מיט אַזעלכע האַלב-מענשען צו ריידען. מען פֿרעגט זיי: וואָס זיגנסטו מיר דאָ פֿאַר אַ לידעל, וואָס קאָכסטו זיך אַזוי? איך זוך, זאָגט ער, פֿאָלקאָמען צו ווערען. צו וואָס? ווי אַזוי צו וואָס אין׳ם פֿאָלקאָמען ווערען ליגט דער תכלית הבריאה. זעהט, איך פֿערשטעה דאָס ניט. עס איז למשל אַ תכלית דער בוים זאָל פֿאָלקאָמען ווערען — ער ווערט קולטיווירט, ביז ער ברייגגט עפּעס נוצען, מען מאַכט וועגען, טרונעס, אָדער אַנדערע ניצליכע זאַכען. גוט, איך וועל שוין נאָכגעבען -- דו ווילסט פֿאָלקאָמען ווערען — דאָס איז דיין זאַך: אָבער וואָס ווילט זיך דיר מיר צו דיין גלויבען בעקעהרען? דערפֿאַר, זאָגט ער, ווייל דו ביסט אַ חיה, דו זוכסט ניט דעם תכלית פֿון לעבען, אָבער געוואַלד, ווי באַלדעאַז אַיך בין אַ חיה און אַזאַ לעבען געפֿעלט מיר, האָב איך דאָך געפֿונען דעם תכלית. דאָס איז פֿאַלש, זאָגט ער, אַז דו האָסט נור דערקענט דיין צושטאַנד, מוזטו זיך שוין בעסערען. איך לעב דאָך בשלום מיט מיר אַליין, מיין שכל און געפֿיהל זיינען נוטע ברידער, ווערטער און טהאַטען האַרמאָנירען. דאָס, זאָגט ער, איז געמיין און ציניש! און אַזוי ריידען זיי אַלע. איך פֿיהל, דאָס איך מוז זיי פֿעראַכטען — ווייל איך קען זיי! ווען אַלצדינג איז היינט געמיין, שמוציג. און שלעכט ווערט עס גאָר מאָרגען עהרענפֿאָל, ריין און גוט. דערפֿאַר זיינען אויף מאָרגען אויך אַלע שמוציגע ארבים גאָר אָהן מאַטערנים עהרענפֿאָל, ריין און גוט. זיי דאַרפֿען נאָר כח האָבען די מאַסקעס פֿון זיך אַרונטערצורייסען... אָט אַזוי איז דאָס...

דאָס איז צו שאַרף, מיינט איהר? עס קען זיך שאַרף זיין, דערפֿאַר איז עס אָבער ריכטיג. מיין מיינונג איז: דינען גאָט אָדער דעם טייפֿעל, אָבער ניט גאָט און דעם טייפֿעל, אַן עכטער שופֿט איז בעסער, פֿון אַ שלעכטען עהרען-מאַן. עס איז דאָ שוואַרץ און ווייס — מישט אָבער אויס ביידע אין איינעם, ווערט גאָר שמוץ. איך האָב׳ געגוג בעגעגענט פֿיינע מענשעלעך אין לעבען, אַזעלכע, ווייסט איהר, וואָס זייער פֿיינקייט איז פֿון פֿיינע פּיצלעך צוזאַמען געשטעלט. ווי זיי וואָלטען עס ווי בעטלער ביי די טהירען געשנאָרט אַן אויסגעמישטע שלעכט צוזאַמענגעלאַטעטע פֿיינ-קייט פֿון ביכער אַרויסגענומען, אָנגעלייענט זיך און מען טראָגט עס ווי אַפּאָר פֿיינע הויזען — נאָר אום יום טוב צו טראָגען. און אַזוי איז גאָר די גוטסקייט ביי אַ גרויסע צאָהל מענשען — געמאַכט און געפּוצט; זיי האָבען עס ניט אין זיך, נאר אויף זיך, אַלס אַ שולד, כדי פֿאַר אַנדערע

זיך גרעסער צו מאַכען, איך האָב אויך גוטע געטראָפען, אָבער זעלטען און דאָס אונטער פראָסטע מענשען, אונטערן שטאָט דערקענט איהר זיי גלייך און איהר זעהט, דאָס זיי זיינען פון דער היים אויס גוט — יאַ! מילאָ כאַפט זיי דער רוח אַלעמען — די גוטע, ווי די שלעכטע — וואָס נעהט מיר אָן העקובא...*)

איך זעה איין, דאָס איך דערצעהל מיין מעשה, געשטשאָבעט און געלאַטעטי און דער עיקר המעשה איז גע,מלאכה,עט... גאָר נישקשה, דער תכלית ליגט נים אין דער מעשה גופה, נאָר אין די כונה, מעשיות אַליין זיינען גאָר נים — ווינט! איך קען אסך מעשיות בעשאַפען, ווען איך וויל — נעהמען אַ מעסער און אייך דעם קאָפּ אָבשניידען — דאָס וועט הייסען א קרימינאַל-מעשה! אָדער דעם מעסער מיר אַליין אַריינשטעכען אין בויך — וועט אויך זיין אַ מעשה — אויף אַזאַ אופן קען מען אַסך מעשיות בעשאַפען, ווען די כונה איז נאָר דאָ. דער עיקר איז די כונה: זי בעשאַפט מעשיות, ברייננט צו מחשבות... און אידעאַלען... ווייסט איהר וואָס אידעאַלען זיינען? דאָס זיינען נים מעהר ווי שטאָלצען, אויס-געטראַכט געוואָרען אין דער צייט, ווען דער מענש איז פון אַ חיה, אַ פערדאָרבענע חיה, געוואָרען און האָט אָנגעהויבען. אַליין צו געהן אויף די הינטערסטע פים. ווען ער האָט זיין קאָפּ פון דער ערד אויפגעהויבען, האָט ער דערזעהען דעם בלויען הימעל, איז געבלענדעט געוואָרען פון'ם ליכט. האָט ער זיך געטראַכט: איך וויל דעם הימעל דערלאַנגען! זייט דאַמאָלסט געהט ער מיט שטאָלצען אַרום אויף דער ערד און מיט זייער הילף האַלט ער זיך ביז היינט אויף די הינטערסטע פים.

גלויבט נים, דאָס איך שטרעב אויך צום הימעל —· אַזאַ פערלאַנג האָב איך קיינמאָל נים געהאַט — איך האָב עס נור אַזוי געזאָגט, צום פוץ...

מיין מעשה האָט זיך אָבער ווידער פערפלאָנטערט. — דאָס מאַכט פון דעסטוועגען נים אויס — נור אין ראָמאַנען ציהעט זיך אַלעס ווי אויף אַ שנירעלע... אונזער לעבען איז אַ פערפלאָנטערטער קנויל. אַחוץ דעם ווערען ראָמאַנען בעצאָהלט מיט געלט, איך אָבער כאַטער זיך אומזיסט אומנישט — דער רוח ווייסט וואָרום!

בקיצור, דאָס אַרומטרייבען איז מיר שטארק געפעלען, נאָך מעהר, ווען חיונה האָב איך געהאַט מיט'ן פולען מויל. אויף איינע פון מיינע

*) העקובא: קעניגין פון טרויא, פרוי פון פריאמוס, האט פופציג זין געבארען, וועלכע זיינען אין טרויאנישען קריג געפאלען. העקובא איז דער בעגריף פון גוט און שלעכט, ווייל זי האט גוטע און שלעכטע קינדער געבראכט אויף דער וועלט.

רייזען האָב איך דערזעהן פֿון דער ווייטענס אַן אימעניע און מיר אַנט-קעגען זיינען געקומען איבער פֿעלדער דריי אנשטענדיגע פערזענליכקיי-טען — איין הערר און צוויי דאַמען. דער הערר האָט געהאַט אַ בעזיל-בערטען באָרד. ברילען אויף דער נאָז און מורא׳דיג אַנשטענדיג אויסגעזעהען. די דאַמען זיינען געוועזן אַביסעל אָבגעלעבט. אָבער דאָך זעהר עדעל.

איך האָב אַרויפֿגעצווינגען אַ חן־דעל פֿון אַ מערטירער און האָב געבעטען אום אַ נאַכטלאַגער. מען האָט עס מיר גרויסמוטהיג בעווי-ליגט און דערוויילע זיך איבערוואונקען איינער מיט׳ן אַנדערען. איך האָב מיר פֿיין בעדראַנקט און פאַמעלעך בין איך ווייטער געגאַנגען. זיי האָבען זיך אָבער אומגעקעהרט און זיינען מיר נאָכגעגאַנגען, האָבען אָנגעהויבען אַ ראַזגאַוואָר: ווער בין איך, פֿון וואַנען קום איך, וואָהין געה איך? זיי זיינען געוועזן הומאַן, די לייט, ליבעראל און האָבען מיר די תשובות אויף זייערע שאלות אַליין פֿאָרגעזאָגט, דאָס איך האָב — ביז מיר זיינען אַהיים געקומען — ווייס גאָט וואָס פֿאַר אַ ליגענס אָנגעבלאָפֿט: מיין כונה איז דאָס פֿאָלק צו פֿאָרשען און צו בעלעהרנען. מיין נשמה איז דורכגעדרונ-גען פֿון געוויסע אידעען און נאָך אַזעלכע שעהנע זאַכען... און איין השם יתברך ווייס, דאָס איז גאָר דערפֿאַר געקומען, ווייל זיי האָבען דאָס אַליין געוואָלט. ווען איך האָב זיך איבערלעגט, וואָס פֿאַר שווערע ראָלע איך שפיל דאָ, איז מיר עפּעס קאָלאָמוטנע געוואָרען אויף׳ן האַרצען. נאָך וועטשערע אָבער האָב איך איינגעזעהן, דאָס עס איז געוועזן פֿון גרויסע נוצען, אַזאַ ראָלע, אַזוי פֿיין, דעליקאַט האָבען זיי געגעסען! ווי געביל-דעטע לייט עסען! דאַן האָט מען מיר אַ חדר אָנגעוויזען דער הערר האָט מיר געגעבען אַ פּאָר הויזען און אַנדערע מלבושים — דער עיקר מען האָט מיר פֿיין בעהאַנדעלט, הומאַן. דעריבער האב איך אויפֿגעמאַכט מיין פֿאַנטאַזיע-קעסטעלע! הייליגע מאַמע, האָב איך אָנגעפלוישט ליגענס! וואָס איז פּאַני קוכאַנקאַ *) אַנטקעגען דעם? פּשוט אַנאַר! איך האָב ליגענס

---

*) פאני קוכאנקא: רער פוילישער קניאז ראדזיוויל האט אלעמען בעטיטעלט פאני קוכאנקא אין איז בעריהמט געוועזן אין זיינע ליגענס דערצעהלען. ער האט דערצעהלט למשל: אמאל איז ער געגאנגען אויף געיעג, האָט ער געטראָפֿען א שעהנעם הירש און דא זיינען איהם די קוילען גראדע אויסגעגאנגען. גאט האט איהם אבער צוגעשיקט א קירשען-בוים, וואו ער האט מיט קירשען-ביינדעלעך זיין ביקס געלאדען און האט דעם הירש געטראָפֿען אין א הינטער פֿיסעל. דער הירש איז אנטלאָפֿען געוואָרען. אויף איבער א יאהר, האט ער אין׳ם זעלבען וואלד געטראָפֿען א הירש, וואס א שעהנער קירשען-בוים איז איהם געוואקסען אויף׳ן שטערען.

געזאָגט, בעוואוסטערהייט, כאָטש איך האָב זיך אַליין איבער זיי געפֿרייט, איך האָב אַזוינע ליגענס דערצעהלט. דאָס דער שווארצער ים וואָלט רויט געוואָרען, ווען ער וואָלט זיי געהערט. די גוטע לייט האָבען מיר געקעכעלט און געקעכעלט, יוי זייער בן יחיד — דערפֿאַר האָב איך געפּאַנטאַזירט. דאָ זיינען מיר ערשט צו נוץ געקומען, די ביכער, וואָס איך האָב אַמאָל געלייענט, און די וכוחים פֿון די משכלים ביי מיין פֿרוי, ליגען זאָגען מיט טאַלאַנט איז אַ ערקוויקונג פֿאַר די נשמה, זאָג איך אייך. ווען איהר דערצעהלט אַ ליגען און מען גלויבט אייך—פֿיהלט איהר זיך העכער איבער אַלע ברואים, ניט אָפּט אבער האָט מען דעם נחת, אייך אויסצוהערען מיט אַלע חושים און שטילענקערהייט טראַכט איהר ביי זיך — בהמות! יענעם דעם קאָפּ צו פֿערדרעהען, איז אַלע מאָל אַ גענוס. איהם איז אייך אנגענעהם אַ ליגען אויסצוהערען, אַ מחיה'דיגען ליגען, וועלכער גלעט איהם איבער'ן בעקעלע. און אפֿשר איז יעדער ליגען גוט, אָדער פֿערקעהרט, אַלעס גוטס איז ליגען! עס איז ניטאָ איין זאַך אויף דער וועלט, וואָס דאַרף אַזוי בעטראַכט ווערען, ווי די מאָדנע מענשליכע פֿאַנטאַזיע: חלומות, ירידים אין הימעל אין דאָס גלייכען, למשל די ליבע: איך האָב דהיינו ביי די ווייבער נור דאָס ליב געהאַט. וואָס זיי האָבען אין זייער לעבען ניט געהאַט און מיט וואָס איך האָב זיי גאָר אַליין אויסגעפוצט. מען דערזעהט אַ פֿרישע מיידעל און מען טראַכט גלייך ביי זיך — אַרומנעהמען וועט זי. אַזוי קושען — אַזוי נאַקעט איז זי — אַזוי, אין טרערען — אַזוי אין שמחה — אַזוי. גאָר ניט פֿיהלענדיג רעדט מען זיך גאָר אַליין איין, דאָס ביי איהר איז אַלעס, ווי עס האָט זיך אַליין געוואָלט, אין דער אמת'ען אָבער, ווען זי גיט זיך, איבער קריגט מען אַ פֿייג אונטער'ן דעבעלע!... דאָס איז אָבער נאָך ניט וויכטיג — ווערט ניט אַ שונא דעם פֿייער, ווייל איהר פֿערברענט זיך אַמאָל אין איהם, איהר מוזט בערעכענען דאָס ער וואַרעמט אייך אימער —ניט אמת? נו דער פֿאַר טאַקע... דאַרף מען דעם ליגען מיט'ן האַנד ניט אַוועק מאַכען, איהם מאַכען אויף אַלערליי אופֿנים צו קליין געלט און דעם אמת אַזוי דערהייבען — קיינער ווייס ניט, וואָס פֿאַר אַ מין זאַך דער אמת איז, עס האָט נאָך קיינער זיינע דאָקומענטען אינטערזוכט... אפֿשר וועט זיך גאָר בעווייזען, דער רוח ווייס וואָס ער איז!...

אָבער איך פֿילאָזאָפֿיר אַלץ ווייטער ווי סאָקראַטעס און קום ניט צום עיקר...

איך האָב יענע גוטע לייט אַזוי לאַנג ליגענס דערצעהלט ביז מיין פֿאַנטאַזיע האָט זיך אויסגעשעפּט. און ווען איך האָב זיך געפֿונען אין אַ

סכנה איבערדריסיג צו ווערען, האָב איך נאָך אַ דרייוואָכיגען צו גאַסט זיין זיך געזעגענט. איך בין געגאַנגען מיט גענוג צידה לדרך, צו אַ סטאַציאָן, מיט די באַהן נאָך מאָסקווא, נאָך טולה בין איך געפאָהרען אומזיסט, אַ דאַנק דעם קורצזיכטיגען קאָנדוקטאָר...

אָנגעקומען אין טולא, שטעה איך פנים על פנים מיט דעם דאָרטי-גען פאָליציי-מייסטער. ער קוקט מיר אָן און פרעגט: מיט וואָס ווילט איהר זיך ביי אונז באַשעפטיגען?" דאָס ווייס איך ניט," זאָג איך. און למאַי," פרעגט ער, האָט מען אייך פון פעטערבורג דערווייטערט?" — „דאָס ווייס איך אויך ניט." — „געווים פאַר'ן זינדיגען געגען קרימינאַל-קאָדעקס?" פערהערט ער מיר ממזריש. איך בין אָבער געבליבען אַ פער-שלאָסענער קרעפּאָסט. איהר זייט אַן אונרוהיגער מענש," האָט ער געזאָגט. „יעדער האָט זיך זיין אייגענעם בערוף, מיין טהייערער האַר!"

ער טראַכט אַהין, אַהער, און גיט מיר אַן עצה; „ווי באַלד," זאָגט ער, „אַז איהר האָט אייך אליין אויסגעקליבען אייער מקום מנוחה קענט איהר דאָך, אויב עס געפעלט אייך ניט ביי אונז; ווייטער געהען. עס איז נאָך פאַראַן אַנדערע שטעט, דהיינו: אַראָל, סמאָלענסק, קורסק... וואָס איז אייך די נפקא מינא וואו איהר וועט וואָהנען. אויב איהר ווילט גיב איך אייך ווידער אַ סווידעטעלסטוואָ... עס וועט אונז זעהער אָנגע-נעהם זיין, ניט צו דאַרפען זאָרגען פאַר אייך. מיר האָבען אהן דעם אויך גענוג טראָבעל.. איהר אָבער — האָט קיין פאַריבעל — זעהט מיר אוים, זייט בעשאַפען דער פאָליציי אָנצומאַכען זאָרג... עס ווייזט מיר נאָך מעהר אוים, דאָס איהר זייט עקסטראַ אויף דער וועלט צוליב דעם געקומען." „אפשר אויך." זאָג איך, „מיר געפעלט אָבער טולאַ גאַנץ גוט."

— „ווען אַזוי‘" זאָגט ער, „גיב איך אייך דריי רובעל אויפ'ן וועג!" איך ענטפער דאָס ער האָלט די טירחה דער פאָליציי זעהר ביליג... ער זאָל מיר שוין בעסער לאָזען אונטער די פליגלען פון טולער געזעץ צו פער-בלייבען. ער וויל אָבער דורכאוים פטור ווערען פון מיר. ער האָט אַ גוטען חוש הריח געהאַט דער מאַן... הכלל, איך האָב ביי איהם אָבגע-נומען פופצעהן רובעל און בין געגאַנגען נאָך סמאָלענסק. זעהט איהר? יעדע רעה בעהאַלט אין זיך אַ תמצית פון אַ טובה, דאָס זאָג איך אייך דורך מיין געזונטע ערפאַהרונג און נאָך'ן רעכענונג פון'ם מענשליכען שכל. שכל איז קראַפט! איהר זייט נאָך יונג, איך זאָג אייך פערלאָזט זיך אויפ'ן שכל און איהר וועט ניט אונטערגעהען! איהר מוזט וויסען זיין, אַז יעדער מענש האָט אין זיך אַ זשוליק — דער לעמעשקע איז דאָס געפיהל, דער זשוליק — דער שכל. דאָס געפיהל איז דער פאַרדום,

ווייל עס איז אָפֿען און אמת און קען זיך נים פֿאַרשטעלען. קען מען אָבער לעבען, זיך נים צו פֿאַרשטעלען? עס איז בכל האופנים נויטיג, זיך צו פֿערשטעלען, אַפילו ווען איהר האָט רחמנות אויף די מענשען איז עס נויטיג... אָבער נאָך מעהר, ווען זיי האָבען אויף אַנדערע רחמנות...

מיט די הילף פֿון גוטע לייט אויף איין זייט און די אונטערשטיצונג פֿון דער פּאָליציי אויף דער אַנדערער זייט, בין איך מיר געגאַנגען אויף אַ פֿעסטען וועג, גלייך נאָך סמאָלענסק. די ערשטע דאַרפֿען מיר, פֿאַר אַ זאַך, אום זייער רחמנות אויסצוניצען, די לעצטע דאַרפֿען מיר אויף כפרות, דערפֿאַר מוזען מיר ביידע אָבלאָזען אַ חלק... אַזוי איז דאָס...

איך געה אין פֿרעה זיך איבער מיינע אייגענע חכמות. מיינע מלבושים זיינען מיט לייטען גלייך. קומט מיר אַ פֿויערעל אין וועג, דער קוקט מיר אָן און פֿרעגט: „איהר זייט דאָס דער פּאָדריאַטשיק?" וואָס קען דאָס זיין, טראַכט איך ביי מיר, ענטפֿער אָבער: „יאַ דאָס בין איך!" „דיזער וועג געהט דאָך נאָך טרעפּאָווקע?" פֿרעגט דער פֿויערעל. „געווים. אַהין." — „וועלען די מוזשיקעס באַלד גערופֿען ווערען צו דער אַרבייט?" — „געווים באַלד." „עס הייסט מען מוז זאָלאָג איינלייגען?" — „ווי דען, דאָס מוז מען טהאָן!" — וויפֿיל פֿער מאַן?" — „צוואַנציג קאָפּיקעס!" — „זעה, נאָר זעה!" זאָגט דער פֿויערעל. איך האָב אָבער שוין פֿערשטאַנען, וואו דער געבראָטענס שמעקט אין האָב איהם אויסגעפֿרעגט, פֿון וואַנען ער איז? וויפֿיל איינוואָהנער זיין דאָרף האָט. אויב אסך פֿון זיי קענען געהן צו דער אַרבייט. וויפֿיל זיינען זיי פֿוס-געהער און וויפֿיל מיט פֿערד? ער האָט מיר פֿערשטאַנען און געזאָגט: „לאָזט אונזערע מוזשיקעס אַרביי-טען." מיר איז געווים נים קיין אונטערשייד, פֿון וועלכען דאָרף מען וועט אַרבייטען! אזוי האָב איך אָבגענומען פֿון זיי פֿינף און צוואַנציג רובעל. איך זאָל קיין אַנדער דאָרף נים נעהמען צו דער אַרבייט און וויטערע צוואַנציג קאָפּיקעס פער מאַן פֿוס-געהער און דרייסיג קאָפּ. מיט פֿערד, אַלס אַ זיכערהייט, זיך צו שטעלען צום ריכטיגען טערמין צו דער אַרבייט. איך האָב בעקומען אין האַנד אַריין אַן ערך הונדערט רובעל, האָב זיי איינגעשטעלט קוויטאַנציעס, האָב פֿערשפּראָכען הרים הגבעות און זיך אָבגעזעגענט...

איך בין דאַן געקומען נאָך סמאָלענסק. און ווייל עס איז שוין קאַלט געווען, האָב איך בעשלאָסען דאָרט איבערצוווינטערען. איך האָב באַלד געפֿונען גוטע מענשען און האָב זיך ביי זיי היימיש געמאַכט. איך קען נים גראָמבלען — איך האָב אַ גאַנץ פֿיינעם ווינטער פֿערבראַכט. דאָ איז אָבער געקומען דער פֿריהלינג — און, איהר וועט מיר גלויבען?

עס האָט מיר ווי מיט צוואַנגען אַרויסגעצוינגען פֿון שטאָט! איך האָב חשק געהאַט, ארומצוקריכען — ווער האָט מיר געזאָלט שטערען? בין איך מיר געגאַנגען, דעם גאַנצען זומער א לוסט-רייזע געמאַכט און אויף'ן ווינטער נאָך עליסאַוועטגראַד געקומען. דאָרטען האָט זיך ניט געלאָזט עפּעס רעכטס געפינען. איך בין געוואָרען רעפּאָרטער ביי אַ דאָרטיגער צייטונג... דאָס איז אַ מאָגערער ביסען, אָבער מען איז פֿריי און מען קען דאָך ניט שטאַרבען פֿון הונגער. דאַן האַב איך געמאַכט בעקאַנטשאַפֿט מיט יונקערס — עס איז דאָרטען דאָ אַ יונקערסקע שול — און מיר האָבען קאָרטען געשפּילט. איך האָב אויך געהאַט גליק און האָב מיר איבער ווינטער אַ טויזענט קערבלעך אָבגעשפּאָרט. ביז דער פֿריהלינג איז ווידער געקומען— איך האָב איהם בעגעגענט מיט טויזענט רובעל אין קעשענע. און אין א פֿיינעם אַנצוג...

וואו זאָל איך יעצט געהן? נאָך שלאַוויאַנסק, אין באַדע-אַנשטאַלט. דאָרטען האָב איך געשפּילט מיט גליק, ביז חדש אלול, דאַן האָב איך זיך גע-מוזט אָבטראָגען. איך האָב איבערגעווינטערט אין זשיטאָמיר מיט אַ ווייבעל — אַ ביטערע נקבה, אָבער אַ מכורעת ניט איהר גלייכען.

אָט אַזוי האָב איך פֿערבראַכט די צייט אַלס אויסגעוויזענער פֿון פּעטערסבורג און בין ווידער אַהין געפֿאָהרען. שרים ווייסין וואַרום, אָבער די שטאָט האָט מיר געצויגען ווי אַ מאַגנעט.

אַהין בין איך אָנגעקומען אַ גאַנצער פּריץ. האָב אויפֿגעזוכט מיינע בעקאַנטע וואָס האָט זיך אָבער דערוויזען? אַלע מיינע שטיקלעך זיינען בעקאַנט געוואָרען! אַלץ ווייס מען: ווי איך האָב ביי די ליבעראַלע הער-שאַפֿט אין מאָסקאָווער גובערניע דריי וואָכען צוגעלעבט און ווי איך האָב זייערע הונגעריגע נשמות אָנגעשטאָפּט מיט מיינע חלומות: ווי איך בין זיך בעגאַנגען מיט מ. און ווי איך האָב מאַדאַם צ. בעליידיגט. וואָס האָב איך געקענט מאַכען — אַפּנים עס איז אַזוי בעשערט געוועזן. און ווען טירען האַקען זיך פֿאַר דיין נאָז, דאַן פּרוביר אַנדערע צעהן צו עפֿנען... אָבער איך האָב קיין גליק געהאַט. האָב מיר עהרליך די מיה געגעבען, אַ ככבוד'ן נאָמען אין דער געזעלשאַפֿט זיך צו ערווערבען, אָבער לאו דווקא, כאָטש צוריים זיך! זאָל עס זיין דערפֿון, דאָס אין די דריי יאָהר צייט האָב איך פֿערלאָרען מיין השלמה, ווי אַזוי מיט מענשען אומצוגעהען, אָדער זיינען אפֿשר די מענשען ביטרע געוואָרען... ווען דאָס וואָס האָט שוין מיין האַלז דערגרייכט, האָט מיר אַ רוח איינגעגעבען, איך זאָל זיך פֿערקויפֿען דער געהיים פּאָליציי. איך האָב זיך אָנגעבאָטען אַלס אן אַגענט צו שפּיאָנירען די שפּיל הייזער. מען האָט מיר אויפֿגענומען — אונטער

נשקשה׳דיגע קאָנדיציאָנען. צו די געהיימע שטעלע האָב איך נאָך צוגע-
לעגט אַן עפּענטליכע — בין ווידער געוואָרען רעפּאָרטער פֿון אַ ציימונג.
האָב בעזאָרגט שטראָסען-נאָטיצען און האָב אויך געשריבען פּעליטאָנען...
און האָב ווידער געשפּילט... דאָס שפּילען האָט מיר אַזוי מיטגעריסען,
דאָס איך האָב גאָר פֿערגעסען, מיינע רעפּאָרטס אין דער פּאָליציי אָב-
צוגעבען. האָב פּשוט פֿערגעסען אַז איך בין מחויב דאָס צו טהאָן...נאָר
נעלט פֿערלירען, האָב איך זיך דערמאָנט: סטייטש מע מיז דאָך ראַפּאָרט
אַבגעבען, האָב אָבער דאָך געוואַרט דאָס פֿערלאָרענע ווידער צו געווינען
דערנאָך וועל איך שוין מעלדען. און אַזוי האָב איך טאָג-טעגליך געזינ-
דיגט נעגען מיין סלוושבע, ביז די פּאָליציי האָט מיר נעכאַפּט פֿאַר׳ן
האַנד׳ זיי האָבען מיר אָנגעטהאָן חרפּות בזיונות פֿאַר׳ן גאַנצען עולם,
מיר דערקענענדיג פֿאַר זייער חבר. אויף מאָרגען האָט מען מיר געשיקט
רופֿען פֿון הויכען אָרט. מען האָט אַוועקגעלעגט אַ שטיק מוסר, דאָס
איך האָב איבערהויפּט קיין געוויסען נים, און מען האָט מיר אָנגעזאָגט
מיט׳ן האַרבען וואָרט, אַז מיין פּוס און מיין גליד זאָל זיך נים מעהר
איינגעפֿינען אין פּעטערבורג... ווידער אויסגעוויזען! און דעם מאָל טאַקע
גאַנצע צעהן יאָהר.

זעקס לאַנגע יאָהר וואַנדער איך שוין אַרום און עס געהט — איך
קען אויף מיין מזל נים קלאָגען. דיזע צייט היפּער איך איבער, עס איז
צו לאַנג — און אַ צו גרויסער פּלאָנטער...

אין אַלעמען איז דאָס אַ לעבען פֿון אַ וואַלד-פֿייגעלע נאָר עס
פֿעלט אַמאָל קערנער... מען דאַרף אָבער נים זיין אַזוי ערדל און בעט-
ראַכטען, דאָס אַפּילו די, וואָס זיצען אויף טהראָנען, האָבען אויך נים
כשורה. אָבער אין אַזאַ מין הפקר-לעבען, איז ניטאָ קיין פּליכטען —
דאָס איז אַ גוטע זאַך, און קיין געזעץ, אַחוץ דעם נאַטור-געזעץ — דאָס
איז דאָס צווייטע. די דאָרף-פּאָליציי יאָגט נאָך אַ מאָל — אָבער אין די
בעסטע הייזער איז אויך דאָ פּלעה... דערפֿאַר קען מען אָבער וואַנדער-
רען -- נאָך מזרח, נאָך מערב, נאָך דרום נאָך צפֿון, אין דער גאַנצער
וועלט, וואו איינער וויל און ווען עס ציהט אייך וואו עס איז, בעזאָרגט
מען זיך מיט ברויט — דער פֿויער איז גוט און גיט אַלע מאָל — מען
פֿערזאָגט זיך און מען ליגט אַזוי לאַנג, ביז עס מאַניעט אייך ווידער
אַרום אויף דער וויימער וועלט.

וואו בין איך שוין נים געוועזן? אין די טאָלסטאָי׳עשע קאָלאָניעס און
האָב אין די קיכען פֿון מאָסקאָיווער קופּציכעס געגעסען. האָב אין אַ
קיעווער קלויסטער געוואָהנט און ביים נייעם אַטהאָס. בין געוועזן אין

טשענסטאָכאָוו און אין מוראָם. ווי מיר שיינט, איז ניטאָ אַיין .שטעטעלע אין רוסלאנד, וואָס מיין פּוס האָט ניט בעטראָטען. ווי שנעל איך וועל מיר אַביסעל בעניינען, געה איך נאָך אויסלאַנד! פריהער נאָך רומעניען און פון דאָרטען שטעהן אַלע וועגען אָפען, אין רוסלאַנד איז מיר שוין צו-ווידער, איך האָב שוין אַלע קונסט-שטיקלעך אָבגעאַרבייט.

איך דיינק, אַז אין דיזע זעקס יאָהר האָב איך אַ היבש ביסעל אויפ-געטהאָן וויפיל שעהנע ווערטער האָב איך גערעט, וואָס'ערע נסים האָב איך אָנדערצעהלט! מען קומט, ווייסט איהר, אין אַ דאָרף און ווען מען האָט זיך אויסגעבעטען אַ נאַכט־לאַגער, נאָך וועטשערע — דאַמאלסט ציהט מען אָן דאָס פאַנטאַזי-קעסטעלע! עס קען זיין דאָס איך האָב נייע סעקטען געגרינדעט, ווארום איך האָב גרעדט פון די שריפט און דער פויער גלויבט אייזען-שטאַרק אין געשריבענעם, פון צוויי ווערטער מאַכט ער זיך אַ נייע רעליגיאָן, דאָס עס קען אייך ניט גיט ווערען! און וויפיל נייע זאַקאָנעס איבער לאַנד-פערטהיילונג און מתנות האָב איך אויסגעטראַכט... יאָ, איך האָב דעם לעבען אַסך רייכע פאַנטאַזיעס איינגענעבען...

אָט אַזוי פערברייננ איך מיין לעבען... איך לעב און בין געווים: ווען איך זאָל וועלען זיך אירגענד וואו זיך בעזעצען — וועל איך אייך געפינען. וואָרום איך האָב שכל, פערשטעהט איהר מיר, און די ווייבער נעהמען פאַר מיר קיין זאַק ציבעלעס ניט. קום איך נאָך ניקאָלאַיעוו, געה איך אין פאָרשטאָדט, וואו עס וואָהנט אַ סאָלדאַטסקע טאָכטער, אַן אַלמנא, שעהן און רייך. איך וועל איהר זאָגען: טייבעלע, הייץ די באָד, וואַש מיר און קלייד מיר, איך וועל ביי דיר בלייבען אַ גאַנצען חודש! זי וועט קיין וואָרט ניט ריידען. און ווען זי האָט זיך אין דער צייט אָנגעשאַפּט אַן אַנדער ליובאָווניק, וועט זי איהם אויך געבען אַ פאַסיר-צעטעל! איך וועל ביי איהר בלייבען אַ חודש און מעהר — ווי לאַנג עס וועט מיר געפעלען! פאַר דריי יאָהרען ווינטער, האָב איך ביי איהר אויסגעהאלטען צוויי חדשים, פאַר אַ יאָהרען ווינטער — זאָגאַר דריי... וואָלט אויך דעם גאַנצען ווינטער פערבליבען, ווען זי וואָלט געוועזען אַביסעל קליגער, אַזוי אַבער ווערט מיר לאַנגווייליג ביי איהר, אַחוץ איהר גאָרטען, וואָס זי נעהמט פון איהם אַרויס אַ צוויי-טויזענט קערבלעך אַ יאָהר, וויל זי פון קיין זאַך ניט וויסען.

אַזוי קום איך אויך אין דעם קובאַן, אין לאַבינסקים בעזיצונג. דאָרט וואָהנט אַ קאָזאַק, פּיאָטער דער שוואַרצער איז זיין נאָמען, ער האַלט מיר פאַר אַ הייליגען — פילע האַלטען מיר פאַר אַ נזיר. אַסאַך נאַרען און גלויביגע זאָגען צו מיר: נעהם פאָטערעל, אַ מתנה און צינד אָן אַ ליכטעל

ביים הײלינגען בילד פֿון׳ם מערטירער... איך נעהם... איך וויל די גלוי־בינגע ניט ווערע טהאָן חלילה מיט׳ן נאַקעטען אמת, דאָס פֿון זייער כּהנה, ווערט ניט קיין ליכטעל, נאָר טאַבאַק פֿאַר מיר צום רויכערען.

עס איז גאַנץ מחיה׳דיג צו וויסען, דעם אונטערשייד פֿון מיר אַנג זיי, דאָס אָהן מיה האָב איך אויפֿגעבויט אַזאַ הויכע וואַנד צווישען אונז. עס איז גאַנץ זיס צו לעבען אין עביגער סכנות נפֿשות ענטדעקט צו ווערען. דאָס לעבען איז אַ גליק־שפּיל! איך שטעל אַוועק אַלעס אויף איין קאָרט — דאָס הייסט גאָר ניט, און געווין אימער, איך האָב קיין אַנדער זאַך צו ריזיקירען, ווי מיין זעקעל ביינער. איך בין אויך זיכער גענוג מיין הער־טאַפּט מיר אין מיין געשטאַלט, געה איך ניט קיין לעבעדיגערהייט אַרויס פֿון זייערע הענד. אָבער וואָס טויג מיר אונציייטיגער עגמת נפֿש, אַ נאַרעשקייט מורא צו האָבען.

נו, מיין ליבער יונגערמאַן, איך האָב אייך מיין מעשה דערצעהלט, אביסעל צוגעווירצט מיט פֿילאָזאָפֿיע... און איהר ווייסט, אַז מיין ערצעהלען געפֿעלט מיר אַליין אויך, איך רעכן, אַז איך האָב גוט דערצעהלט, איך גיב צו, דאָס איך האָב אַסאַך אויגענעם צוגעליגט, אָבער מיין פֿאַטערעל, ווען איך האָב דערצעהלט ליגענס, איז עס מעהר ניט ווי אין דער מעשה, לאָז אייך ניט פֿערדריסען איהר דערמאָנט זיך אָבער ווי אַזוי איך האָב אייך דערצעהלט — דאָס איז גלויבט מיר מיט׳ן אָריגינאַל פֿון מיין נשמה שטאַרק פֿערקניפּט. איך האָב אייך אָבגעקאָכט אַ פֿאַנטאַזיע יאַייכעל פֿון לויטער אמת.

מחשבות׳ן וואַרום זאָג איך דאָס? ווייל איך זעה איין... מיין טהייערער, דאָס איהר גלויבט מיר נישט שטאַרק, דאָס פֿרייט מיך גראָד פֿאַר אייך — אָט אַזוי! גלויבט קיין מענשען! וואָרים אימער ווען ער דערצעהלט אייך פֿון זיך עפּעס, זאָגט ער ניט דעם ריינעם אמת, דער מענש זאָגט ליגען אין אומגליק, כּדי מעהר רחמנות צו דערוועקען, אין גליק — מען זאָל איהם מעהר מקנא זיין — אין אַנדערע אופֿנים — מען זאָל איהם מעהר אַנערקענען..."

ערעלשטאדט'ס שריפטען

דיא לאָנדאָנער אויסגאַבע פֿון ערעלשטאַדטס ריה ענדרע סקיצען איז יעצט פֿיהל שעהנער ווי דיא פֿריהערדיגע אויך איז יעצט צוגעגעבען א נייע סקיצע „מיוזיק” פריז בלויז 5 פענס. אין אמעריקא 10 סענט.

א פינפפֿאַכער מארד

דער פֿינפֿפֿאַכער מארד איז קיין שונד ראמאן נאר א העכסט בעלעהרענדע שילדערונג פֿון דער ארבייטער בעוועגונג, געשריבען פֿון אַ בעוואוסטען ארבייטער פֿיהרער. פרייז 4 פענס. אין אַמעריקאַ 10 סענט.

באוושאוועדס, בילדער און געדאנקען

איז יעצט פֿאַרגרעסערט געוואָרען אויף 64 זייטען און איז העכסט אַרטיסטיש געדרוקט אויף גוטען פאפיר. עס איז די שענסטע ווערק אין דער אידישער ליטעראטור. פרייז 5 פענס. אין אַמעריקאַ 10 סענט.

זאָלען זיך קבצנים מעהרען?

פֿערהייראַטע מענער וואָס ווילען ניט ליידען קיין צרות דעם גאַנצען לעבען. פֿרויען וואָס ווילען ניט קראַנק זיין דעם גאַנצען לעבען זאָלען קויפֿען דעם ביכעל, עס וועט זיי אויסהיטען פֿון אָרעמקייט פֿון קראַנקהייט און פֿון אלעס בייז. פרייז אין ענגלאַנד 1 פעני.

די מענשליכע ענטוויקלונג

א זעהר בעלעהרענדע בראָשורע איבער רעליגיאָן פֿון דר. מאַקס נאָרדוי, פרייז 1 פעני. אין אַמעריקאַ 3 סענט.

על נהרות בבל

א רייזע בעשרייבונג אין דעם אריענט פֿון גראַף דע וואָלניי, פרייז 5 פענס. אין אַמעריקאַ 10 סענט.

סימבאלישע פאסט קארדס

יעדער פֿריינד פֿון אויפֿקלעהרונג דאַרף פֿערברייטען דיזע פֿראַכטפֿאָלע פאָסט קאַרדס, ווייל זיי זיינען דער בעסטער מיטעל פֿיר דער פראָפּאַגאַנדאַ. די בעסטע רעדע ווירקט ניט אַזוי גוט ווי איינע פֿון דיזע קארטלעך. ביז יעצט זיינען ערשינען פֿאָלגענדע:—

„ויברא אלהים את האדם בצלמו” „הקב”ה מזווג זיווגים”. „רוסישע טיראַניי און דער קאַמפף פֿיר פֿרייהייט”. „ניקאָליי—דער מלאך השלום”. „הונגער און לוקסוס„ „חמשה הרוגי מלכות.” „די מענשהייט צווישען 2 גנבים.” און „דער איד אין דעם צוואַנציגסטען יאַהר הונדערט.” זיי זיינען פֿראַכטפֿאָל געדרוקט און קאָסטען ביליג, 1 פעני יעדע.

צו בעקומען ביי אַלע קלוגע בוכהענדלער אָדער ביי דעם הערויסגעבער

ב. רודערמאַן, 71 הענבירי סטריט, לאנדאן איסט.

קנוט האמסון.

פֿון
פֿרעמדע
לשונות,
נומער 2.

שקלאַפֿעו פֿון ליעבע

און אנדערע ערצעהלונגען.

פערלאג „ארבייטער פריינד"
לאָנדאָן, יאנואר, 1906.

איבערזעצט פֿון
א. פרומקין.

שקלאַפען פון ליעבע.

געשריבען פון מיר, געשריבען היינט, כדי אַראָבצוואַרפען דעם שטיין פון מיין האַרצען. איך האָב מיין שטעלע אין קאַפעהויז פערלאָרען און מיינע פרעהליכע טעג.

אַ יונגער מאַן אין אַ גראָען אַנצוג פלעגט קומען נאַכט פאַר נאַכט מיט צוויי פריינד און פלעגט זיך אַנידערזעצען ביי איינעם פון מיינע טישלאַך. עס פלעגען קומען אַזוי פיעל העררען און אַלע האָבען געהאַט אַ פריינדליך וואָרט פאַר מיר, נאָר ער ניט. ער איז געוועזן הויך און שלאַנק, האָט געהאַט ווייבע, שוואַרצע האָר און בלויע אויגען, מיט וועלכע ער פלעגט מיך צייטענווייז דורכנעהמען, און אַ פאָר קליינע וואָנציעס.

נו, תחילת האָט ער אפשר געהאַט וואָס עס איז געגען מיר. ער איז געקומען אַ גאַנצע וואָך בסדר, אָוועגד פאַר אָוועגד. איך האָב זיך צו איהם צוגעוועהנט, און אַז ער איז איינמאָל אויסגעבליבען, האָט ער מיר פשוט געפעהלט. כ'בין דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע קאַפע און זיך אומגעקוקט נאָך איהם; ענדליך האָב איך איהם געפונען ביי איינעם פון די גרויסע פענסטער, אויף דער אַנדער זייט; ער איז געזעסען אינאיינעם מיט אַ דאַמע פון ציררק. זי האָט געטראָגען אַ געלע קלייד און לאַנגע האַנד־שוה, וועלכע האָבען דערגרייכט ביז איבער די עלענבויגען. זי איז געווען יונג און האָט געהאַט שעהנע, דונקעלע אויגען,—און מיינע אויגען זיינען געווען בלוי.

אַ רגע בין איך געבליבען שטעהן לעבען זיי און האָב זיך צוגעהערט, מכח וואָס זיי ריידען; זי האָט איהם געמאַכט פאָרווירפע, ער איז איהר נמאס געוואָרען, און זי האָט איהם געהייסען געהן. כ'האָב זיך געטראַכט ביי מיר אין האַרצען: הייליגע מאַריאַ, פאַרוואָס געהט ער ניט צו מיר? אויף מאָרגען איז ער געקומען מיט זיינעביידע פריינד און האָט זיך

ווידער אַנידערגעזעצט ביי מיין טישעל. כ'בין ניט צוגעגאַנגען צו זיי, ווי מיין שטייגער איז געווען צו טהאָן, נאָר איך האָב זיך געשטעלט אָן אַ זייט, אָקוראַט ווי איך וואָלט זיי גאָר ניט בעמערקט. אַז ער האָט מיר אַ וואונק געטהאָן, בין איך צוגעגאַנגען צום טיש און האָב זיך אָבגערופֿען: „איהר זייט נעכטען ניט געוועזן דאָ."

„ווי גרויסאַרטיג אונזער קעלנערין איז דאָס אַביסעל איינגעוואַקסען," האָט ער צו זיינע חברים געזאָגט.

„ביער?" האָב איך אַ פֿרעג געטהאָן.

„יאָ," האָט ער געענטפֿערט. און מיט שנעלע טריט האָב איך גע־בראַכט דריי גלאָז ביער.

אַ פּאָר טעג זיינען אַריבער.

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ קאַרטע און געזאָגט: „טראָגט אַוועק אָט די קאַרטע צו..."

כ'האָב צוגענומען די קאַרטע, נאָך איידער ער האָט געענדיגט ריידען, און האָב זי צוגעטראָגען דער געלער דאַמע. אויף'ן וועג האָב איך איי־בערגעלייענט זיין נאָמען: וואַלדימירין פּ.

אַז איך בין צוריקגעקומען, האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט אַ פֿראַגע.

„יאָ, כ'האָב זי איבערגעגעבען," האָב איך געזאָגט.

„און איהר האָט קיין ענטפֿער ניט געקראָגען?"

„ניין".

ער האָט מיר דערלאַנגט אַ מאַרק און געזאָגט מיט אַ שמייכעל:

„קיין ענטפֿער איז אויך אַן ענטפֿער."

דעם גאַנצען אָוונד איז ער געבליבען זיצען און האָט אַריבערגעקוקט צו דער דאַמע און איהרע קאַוואַליערן. אַרום עלף אַזייגער איז ער אויפֿ־געשטאַנען און צוגעגאַנגען צו איהר טיש. זי האָט איהם אויפֿגענומען קאַלט, איהרעביידע קאַוואַליערן אָבער האָבען זיך אַריינגעלאָזט מיט איהם אין אַ שמועס און עס האָט אויסגעזעהן, אַז זיי נעהמען איהם אויף זיכער. ער איז דאָרט געבליבען עטליכע מינוט, און אַז ער איז צוריקגעקומען, האָב איך איהם געזאָגט, אַז אין איין קעשענע פֿון זיין זומערדיגען אויבער־ראָק האָט מען איהם אַריינגעגאָסען ביער. ער האָט איהם אויסגעטהאָן, האָט זיך האַסטיג אומגעדרעהט און אַריבערגעקוקט אַ ווײַלע צום טישעל, וואו די צירק־דאַמע איז געזעסען. איך האָב איהם אויסגעטריקענט דעם אויבער־ראָק און ער האָט מיר מיט אַ שמייכעל געזאָגט: „אַ דאַנק, שקלאַפֿין!"

בשעת ער האָט איהם ווידער אָנגעטהאָן, האָב איך איהם צוגעהאָל־פֿען און איהם בגנבה אַ גלעט געטהאָן איבער'ן רוקען.

ער האָט זיך אַנידערגעזעצט, אַ צוטומעלטער. איינער פֿון זיינע פֿריינד האָט בעשטעלט נאָך ביער, כ'האָב גענומען דאָס גלאָז און געוואָלט נעה־

מען פּ.'ם גלאָז אויך. האָט ער אָבער געזאָגט: „ניין", און דערביי האָט ער אַרויפֿגעלייגט זיין האַנד אויף מיינער. פֿון דיזער בעריהרונג האָט זיך מיין אָרם פּלוצלינג אַראָבגעלאָזט, ער האָט עס בעמערקט און האָט תיכף צוגענומען זיין האַנד צוריק.

ביינאַכט, לעבען מיין בעט, האָב איך צוויי מאָל געבעטען גאָט פֿאַר איהם אויף די קניע. און אויסער זיך פֿאַר גליק האָב איך געקושט מיין רעכטע האַנד, וועלכע ער האָט אָנגעריהרט.

— — — — — — — — — — — — — —

איינמאָל האָט ער מיר געשיינקט בלומען, אַסך בלומען. ער האָט זיי געקויפֿט ביי דעם בלומען־מיידעל, בשעת ער איז אַריינגעקומען; זיי זייי־נען געוועזען פֿריש און רויט און כמעט אין גאַנצען וואָס זי האָט געהאַט. ער האָט זיי געלאָזט ליגען ביי זיך אויף'ן טיש. פֿון זיינע פֿריינד איז קיינער ניט געוועזען מיט איהם. איך בין געשטאַנען, אַז איך האָב נור צייט געהאַט, הינטער אַ זייל און האָב געקוקט אויף איהם און זיך געטראַכט: וולאַדימיערץ פּ. הייסט ער.

אַ גאַנצע שעה איז פֿילייכט אַריבער. ער האָט געהאַלטען אין איין קוקען אויף'ן זייגער. כ'האָב איהם געפֿרעגט:

„איהר וואַרט אויף אימיצען?"

ער האָט מיך אָנגעקוקט ווי אַ דולער און פּלוצלינג געזאָגט:

„ניין, כ'וואַרט אויף קיינעם ניט. פֿאַרוואָס פֿרעגט איהר עפּעס?"

„כ'האָב געמיינט, אַז איהר וואַרט אויף אימיצען."

„קומט אַהער," האָט ער געענטפֿערט. „דאָס איז פֿאַר אייך."

און ער האָט מיר דערלאַנגט די בלומען.

כ'האָב איהם געדאַנקט, אָבער איך האָב גלייך אויף'ן אָרט ניט גע־קענט אויסריידען קיין רעכט וואָרט, געשעפּטשעט האָב איך נור. אַ בלוט־רויטע פֿרייד איז איבער מיר געקומען; אָהן אַן אָטהעם בין איך געשטאַ־נען ביים בופֿעט, וואו איך האָב עפּעס געדראַפּט נעהמען.

„וואָס פֿערלאַנגט איהר?" פֿרעגט די מאַמזעל.

„יאָ, איהר ווייסט אפשר וואָס?" האָב איך געענטפֿערט. כ'האָב עס אַליין נישט געוואוסט.

„צי איך וויים וואָס?" מאַכט די מאַמזעל. „איהר זייט משוגע?"

„פּרואווט אַקאָרשט טרעפֿען, פֿון וועמען איך האָב אָט די בלומען גע־קראָגען."

דער אויבער־קעלנער איז פֿערביינעגאַנגען. „איהר פֿערגעסט דאָס ביער פֿאַר דעם העררן מיט'ן הילצערנעם פֿוס," האָב איך איהם געהערט זאָגען.

„כ'האָב זיי פֿון וולאַדימיערץ געקראָגען," האָב איך אַ זאָג געטהאָן און בין שנעל אוועק מיט'ן ביער.

פּ. איז נאָך ניט געהאַט אוועק. כ'האָב איהם נאָך אַמאָל געדאַנקט,

בשעת ער האָט זיך אויפגעהויבען צו געהן, ער האָט זיך אַ נייג געטהאָן און געזאָגט:

„כ'האָב זיי אייגענטליך געקויפט פאַר אַן אַנדערער."

נו יאָ, ער האָט זיי אפשר געקויפט פאַר אַן אַנדערער. אָבער געקראָגען האָב איך זיי. איך האָב זיי געקראָגען, ניט די, פאַר וועמען ער האָט זיי געקויפט, און אַזוי האָב איך איהם דערפאַר אויך געדאַרפט דאַנקען. גוטע נאַכט, וולאַדימיערץ.

אויף מאָרגען האָט שטאַרק גערעגענט.

„זאָל איך היינט אָנטהאָן מיין שוואַרצע אָדער מיין גרינע קלייד?" האָב איך זיך געטראַכט. „די גרינע, מחמת ס'איז די נייעסטע, די טהו איך אָן." כ'בין געוועזען זעהר פרעהליך.

אַז איך בין צוגעקומען צו דער סטאַנציאָן, איז געשטאַנען אַ דאַמע אין רעגען און האָט געוואַרט אויף'ן טראַמוויי. זי האָט ניט געהאַט קיין רעגען־שירם. כ'האָב איהר אָנגעבאָטען צו שטעהן מיט מיר אונטער מיינעם, אָבער זי האָט זיך מיט דאַנק אָבגעזאָגט דערפון. האָב איך אויך מיין רעגענשירם פערמאַכט, בשעת איך האָב געוואַרט. דאַן וועט כאָטש די דאַמע ניט אַליין נאַס ווערן, האָב איך געטראַכט ביי מיר.

אָוועגד־צייט איז וולאַדימיערץ געקומען אין קאַפע־הויז.

„כ'דאַנק אייך פאַר די בלומען," האָב איך שטאָלץ געזאָגט.

„וואָסערע בלומען?" האָט ער געפרעגט. „אַך יאָ: שווייגט בעסער וועגען די בלומען."

„כ'האָב אייך געוואָלט אָבדאַנקען דערפאַר," האָב איך געזאָגט.

ער האָט אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען און געענטפערט:

„אייך ליעב איך ניט, שקלאַפין."

ער ליעבט מיך ניט, ניין. כ'האָב עס, דעם אמת זאָגענדיג, גאָרנישט ערוואַרטעט און בין דעריבער ניט געוועזען ענטטוישט. אָבער איך האָב איהם יעדען אָוועגד געזעהן; ער האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי מיין טישעל און איך האָב איהם געבראַכט ביער. צום ווידערזעהן, וולאַדימיערץ!

אויף מאָרגען ביינאַכט איז ער געקומען זעהר שפעט. ער האָט געפרעגט:

„איהר האָט עפעס אַסך געלד, שקלאַפין?"

„ניין, ליידער ניט," האָב איך געענטפערט. „איך בין אַן אָרים מיידעל."

קוקט ער מיך אָן און זאָגט מיט אַ שמייכעל:

„איהר פערשטעהט מיך ניט. כ'דאַרף האָבען אַביסעל געלד ביז מאָרגען."

„כ'האָב אַביסעל געלד," האָב איך געענטפערט. „איך האָב פיעל געלד, כ'האָב הונדערט און דרייסיג מאַרק ביי מיר אין דערהיים."

„אין דערהיים? ניט דאָ?"

איך האָב געענטפערט: „וואַרט אויס אַ פערטעל שעה און קומט מיט מיר, ווען דאָס קאַפע־הויז מאַכט זיך צו."

ער האָט אויסגעוואַרט די פֿערטעל שעה און איז געגאַנגען מיט מיר
„נור הונדערט מאַרק," האָט ער געזאָגט. ער האָט זיך די גאַנצע צייט
געהאַלטען לעבען מיר און האָט מיך ניט געלאָזט געהן ניט פֿאָראויס און
ניט הינטער איהם.

„כ'האָב נור אַ קליינעם צימער," האָב איך זיך אָבגערופֿען, בשעת מיר
זיינען שטעהן געבליבען ביי דער טהיר פֿון מיין הויז.

„כ'געה ניט אַרויף מיט אייך," האָט ער געענטפֿערט. „כ'וועל וואַרטען דאָ."
ער האָט געוואַרט.

אַז איך בין צוריק אַרונטערגעקומען, האָט ער איבערגעצעהלט דאָס
געלד און געזאָגט:

„דאָס איז מעהר ווי הונדערט מאַרק. כ'גיב אייך צעהן מאַרק טרינק־געלד.
— יאָ, יאָ, הערט איהר, כ'וויל אייך געבען צעהן מאַרק אַלס טרינק־געלד."

און ער האָט מיר דערלאַנגט דאָס געלד, געזאָגט אַ גוטע נאַכט און
איז זיך אַוועק. ביים עק גאַס האָט ער זיך אָבגעשטעלט, און איך האָב
געזעהן ווי ער דערלאַנגט דער אַלטער, הינקעדיגער בעטלערין אַ מאַרק.

דעם נעכסטען אָווענד האָט ער בעדויערט, וואָס ער קען מיר דאָס געלד
ניט צוריקצאָהלען. כ'האָב איהם געזאָגט אַ דאַנק דערפֿאַר, וואָס ער קען
עס ניט. ער האָט זיך פּראָסט־פּשוט מודה געווען, אַז ער האָט דאָס געלד
פֿערשווענדעט.

„וואָס זאָגט איהר פֿאָרט דערצו, שקלאַפֿין," האָט ער מיט אַ שמייכעל
געזאָגט. „איהר ווייסט דאָך: די געלע דאַמע!"

„פֿאַרוואָס רופֿסט דו עפּעס אונזער קעלנערין שקלאַפֿין?" מאַכט איינער
פֿון זיינע פֿריינד. „דו ביסט דאָך מעהר שקלאַף איידער זי."

„ביער?" האָב איך אַ פֿרעג געטהאָן און זיי איבער געשלאָגען די רייד.

גלייך נאָכדעם איז אַריינגעקומען די געלע דאַמע. פֿ. האָט זיך אויפֿ־
געהויבען און זיך פֿערנייגט פֿאַר איהר. זי איז איהם פֿערביינעגאַנגען און
האָט זיך אַנידערגעזעצט ביי איינעם פֿון די ליידיגע טישלאַך, דערביי האָט
זי אָבער אָנגעשפּאַרט אָן טישעל צוויי שטוהלען אַלס צייכען, אַז די פּלעצ־
צער זיינען פֿערנומען. פֿ. איז גלייך צוגעגאַנגען צו איהר, האָט גענומען
איין שטוהל און זיך אַנידערגעזעצט. אין צוויי מינוטען אַרום האָט ער זיך
צוריק אויפֿגעהויבען און זעהר הויך געזאָגט: „גוט, איך געה. און איך
וועל קיינמאָל ניט צוריקקומען."

„אַ דאַנק," האָט זי געענטפֿערט.

פֿון לויטער פֿרייד זיינען מיר די פֿיס אַזוי ווי אָבגענומען געוואָרען,
כ'בין צוגעלאָפֿען צום בופֿעט און האָב עפּעס אַ זאָג געטהאָן. כ'האָב
דערצעהלט, אַז ער וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אומקעהרען צו איהר. דער
אויבער־קעלנער איז פֿערביינעגאַנגען; ער האָט מיר געמאַכט אַ שאַרפֿען
אויסרייד, אָבער ס'האָט מיך גאָרנישט געאַרט.

אַז דאָס קאַפּע־הויז האָט זיך אַרום עלף אַזייגער צוגעמאַכט, האָט מיך פּ. בעגלייט ביז צו דער טהיר פֿון מיין הויז.

„פֿינף פֿון די צעהן מאַרק, וואָס איך האָט אייך נעכטען געגעבען,“ האָט ער געזאָגט.

כ'האָב איהם אָנגעבאָטען אַלע צעהן און ער האָב זיי אָנגענומען, ער האָט מיר אָבער געגעבען מיין ווילען צוריקגעגעבען פֿינף אַלס טרינק־געלד.

„כ'בין היינט אַזוי גוט אויפֿגעלייגט,“ רוף איך זיך אָב. „מעג איך בעטען איהר זאָלט אַרויפֿגעהן צו מיר!... אָבער איך האָב נור אַ קליינעם צימער.“

„כ'געה ניט אַרויף,“ האָט ער געענטפֿערט. „גוטע נאַכט!“

ער איז אַוועק. ער איז ווידער דורכגעגאַנגען פֿערביי דער אַלטער בעט־לערין, האָט אָבער פֿערגעסען איהר עפּעס צו געבען, כאָטש זי האָט זיך פֿאַר איהם אַ נייג געטהאָן. איך בין צוגעלאָפֿען צו איהר, איהר דער־לאַנגט עטליכע גראָשען און געזאָגט: „דאָס איז פֿון דעם הערר, וואָס איז נאָר וואָס פֿערבייגעגאַנגען, פֿון דעם הערר מיט'ן גראָען אַנצוג.“

„פֿון דעם הערר מיט'ן גראָען אַנצוג?“ האָט די פֿרוי איבערגעפֿרעגט.

„פֿון דעם מיט די שוואַרצע האָר, וולאַדימיערין.“

„איהר זייט זיין פֿרוי?“

כ'האָב געענטפֿערט: „ניין, איך בין זיין שקלאַפֿין.“

עטליכע אָווענדען נאָכאַנאַנד האָט ער זיך אַלין בעקלאָגט, וואָס ער קען מיר ניט אָבגעבען מיין געלד. כ'האָב איהם געבעטען, ער זאָל מיר ניט פֿערשאַפֿען אַזוי פֿיעל שמערצען. ער האָט עס געזאָגט אַזוי הויך, אַז אַלע האָבען עס געהערט, און עטליכע פֿון די אָנוועזענדע האָבען איינפֿאַך געלאַכט פֿון איהם.

„כ'בין אַ לומפּ און אַ גנב,“ האָט ער געזאָגט. „כ'האָב אַנטליהען פֿון אייך געלד און קען עס אייך ניט אָבגעבען. איך וואָלט זיך געלאָזט אָב־האַקען די רעכטע האַנד פֿאַר אַ פֿופֿציג מאַרק־שטיק.“

ס'האָט מיר וועה געטהאָן, איהם צו הערען אַזוי ריידען, און איך האָב געטראַכט דערפֿון, ווי אַזוי איך וואָלט איהם געקענט קריגען ערגעץ געלד. נאָר איך האָב עס ניט געקענט.

דערנאָך רופֿט ער זיך אָב צו מיר: „אַז איהר זאָלט מיך אַשטייגער פֿרעגען, ווי ס'געהט מיר, איז... די געלע דאַמע מיט'ן צירק ווינען אַוועק־געפֿאָהרען. כ'האָב זיך אָן איהר פֿערגעסען. כ'דיינק גאָר מעהר ניט פֿון איהר.“

„און פֿונדעסטוועגען האָסט דו איהר היינט נאָך אַ בריעף געשריבען,“ רופֿט זיך אָב איינער פֿון זיינע פֿריינד.

„דאָס איז געוועזען דער לעצטער,“ האָט וולאַדימיערין געענטפֿערט.

כ'האָב געקויפֿט אַ רויז ביים בלומען־מיידעל און זי איהם אָנגעשפּילעט

אין קנאָפּ־לאָך אויף דער לינקער זייט. כ'האָב געפּיהלט זיין אָטהעם אויף מיינע הענד, בשעת איך האָב עס געטהאָן, און עס איז מיר כמעט אונ־מעגליך געווען די שפּילקע דורך'ן ראָק דורכצוּנעהמען.

„אַ דאַנק!" האָט ער געזאָגט.

כ'האָב פערלאַנגט דריי מאַרק, וואָס מיר האָט נאָך אַרויסגעקומט פון דער קאַסע, און האָב זיי איהם געגעבען. דאָס איז געווען אַ קלייניגקייט.

„אַ דאַנק!" האָט ער ווידער אַמאָל געזאָגט.

דעם גאַנצען אָווענד בין איך גליקליך געווען. מיט אַמאָל רופּט זיך וולאַדימיערץ אָב:

„מיט די דריי מאַרק פאָהר איך אַוועק אויף אַ וואָך צייט. אַז איך וועל צוריקקומען, וועט איהר אָבקריגען אייער געלד." אַז ער האָט דער־זעהן וואָס פאַר אַ רושם זיינע רייד האָבען אויף מיר געמאַכט, האָט ער צוגעלייגט: „אייך אַליין האָב איך ליעב!" און ער האָט מיך אָנגענומען פאַר'ן האַנד.

איך בין געווען שטאַרק דערשלאָגען, וואָס ער פאָהרט אַוועק און וויל ניט זאָגען וואוהין, כאָטש איך האָב איהם געפּרעגט. אַלעס, דאָס גאַנצע גאַנצע קאַפּע און די געסט, אַלצדינג האָט אַרומגעטאַנצט אַרום מיר; כ'האָב עס שוין מעהר ניט געקענט אויסהאַלטען און מיט אַ בליק פול מיט געבעט האָב איך איהם אָנגענומען פאַר ביידע הענד.

„אין אַ וואָך אַרום קום איך צוריק צו אייך," האָט ער געזאָגט און איז אויפגעשטאַנען פון אָרט.

כ'האָב געהערט, ווי דער אויבער־קעלנער האָט מיר געזאָגט: „איהר פערלאָזט אונז אַלזאָ אין פערצעהן טעג!"

פון מיינעטוועגען, האָב איך זיך געטראַכט ביי זיך; וואָס מאַכט עס אויס? אין אַ וואָך אַרום וועט וולאַדימיערץ ווידער זיין ביי מיר! און איך האָב איהם געוואָלט דאַנקען דערפאַר, כ'האָב זיך אומגעדרעהט,—איז ער שוין מעהר ניט געווען לעבען מיר.

— — — — — — — — — — — — —

אין אַ וואָך אַרום, איינמאָל בשעת איך בין אַהיים געקומען, האָב איך געפונען אַ בריעף פון איהם. ער האָט געשריבען אַזוי ביטער, אַזוי אונ־מעטיג, ער האָט דערצעהלט, אַז ער איז נאָכגעפאָהרען דער געלער דאַמע, אַז ער קען מיר דאָס געלד ניט בעצאָהלען, קיינמאָל ניט, ער איז אין גאַנצען צובראָכען דורך די נויטה. דאַן האָט ער זיך פון דאָס ניי אָנגערופען אַ נידערטרעכטיגע זעעלע און אונטער'ן בריעף האָט ער גע'חתמ'עט: „דער שקלאַף פון דער געלער דאַמע."

איך האָב געטרויערט טאָג און נאַכט און האָב גאָרנישט געקענט טהאָן. אין אַ וואָך אַרום האָב איך פערלאָרען מיין שטעלע און געמוזט זוכען אַ נייע. ביי טאָג בין איך אַרומגעגאַנגען איבער אַנדערע קאַפּע־הייזער און

האָטעלען; כ'האָב אויך געקלאַפּט אין די טהירען ביי פּריוואַט־פּערזאָנען און זיי אָנגעבאָטען מיין דיענסט. ס'האָט מיר אָבער ניט געגליקט. שפּעט ביינאַכט האָב איך דאַן אויפגעקויפט גאַנץ ביליג אַלע צייטונגען און קור־מענדיג אַ היים, האָב איך גוט דורכגעקוקט די אַנאָנסען. כ'האָב זיך געטראַכט: אפשר וועל איך קענען ראַטעווען וולאַדימיערץ'ן און מיך...

נעכטען אָוועגד האָב איך געפונען זיין נאָמען אין אַ בלאַט און האָב געלייענט וועגען איהם. גלייך נאָכדעם בין איך אַרויס פון שטוב, אַרומ־געגאַנגען אין פיעלע גאַסען און ערשט היינט אין דער פריה געקומען צוריק אַהיים. אפשר בין איך ערגעץ־וואו געשלאָפען אָדער גאָר אָבגע־זעסען די גאַנצע נאַכט אויף אַ טרעפּ, ניט קענענדיג געהן ווייטער; אָבער דאָס וויים איך אַצונד ניט.

כ'האָב עס היינט ווידער אַמאָל געלייענט; אָבער נעכטען אָוועגד, אַז איך בין געקומען אַ היים, האָב איך עס צוערשט איבער געלייענט. כ'האָב פערבראָכען מיט די הענד; דאַן האָב איך זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ שטוהל. אין אַ ווײלע אַרום האָב איך זיך געזעצט אויף דער ערד און זיך אָנגעשפּאַרט אָן שטוהל. איך האָב געקלאַפּט מיט די פלאַכע הענד אויף דער פּאָדלאָגע, בשעת איך האָב עפּעס געטראַכט. פיליכט האָב איך גאָר־נישט געטראַכט; אָבער ס'האָט מיר געטומעלט אין קאָפּ און איך האָב ניט געוואוסט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך בין. דאַן בין איך אַפנים אויפגעשטאַנען און אַרויסגעגאַנגען. אונטען ביים עק גאַס, דאָס געדיינק איך גוט, האָב איך דער אַלטער בעטלערין געגעבען אַ גראָשען און גע־זאָגט: „דאָס איז פון דעם הערר מיט דעם גראָען אַנצוג. איהר ווייסט דאָך!"

„איהר זייט פיליכט זיין כלה?" האָט זי געפרעגט.

כ'האָב געענטפערט: „ניין, — איך בין זיין אלמנה."

און איך האָב זיך ביז היינט אין דער פריה אַרומגעשלייעט אין די גאַ־סען. און איצט האָב איך עס נאָך אַמאָל איבערגעלייענט. וולאַדימיערץ פ. האָט ער געהייסען.

דער רינג.

אין אַ געזעלשאַפֿט האָב איך אַמאָל געזעהן אַ יונג פֿערליעבט מיידעל.

איהרע אויגען זיינען געוועזן טיעף בלוי; געשטראַהלט האָבען זיי. און זי האָט ניט געקענט פֿערבאָרגען איהרע געפֿיהלען.

וועמען זי האָט דאָס ליעב געהאַט?

דעם יונגען מאַנטשיק, וואָס איז געזעסען דאָרט ביים פֿענסטער, דעם בעל הבית זוהן, אַ מאַן אין אוניפֿאָרם און מיט אַ געזונדע לייבען־שטימע. אַך, ווי זי נעהמט דאָס די אויגען ניט אַראָב פֿון דעם יונגען מאַן, און ווי אונרוהיג זי זיצט דאָס אויף איהר שטוהל!

אַז מיר זיינען שפּעט ביינאַכט צוזאַמען אַהיים געגאַנגען, מחמת מיר זיינען אַזוי גוט בעקאַנט געוועזן, רוף איך זיך אָן:

„וואָס פֿאַר אַ שעהן און הערליך וועטער דאָס איז; האָסט דו זיך היינט ביינאַכט גוט אַמוזירט?"

און כדי איהר וואונש צו ערפֿילען, נאָך איידער זי פֿערלאַנגט עס, האָב איך אַראָבגענומען מיין רינג פֿון פֿינגער, מיין פֿערלאָבונגס־רינג, און האָב געזאָגט:

„זעה, דיין רינג איז אויף מיר צו ענג געוואָרען; ער דריקט מיר. אַשטייגער, ווען דו וואָלסט איהם געלאָזט אַביסעל ברייטער מאַכען?"...

זי האָט אויסגעשטרעקט די האַנד און שטילערהייט געזאָגט:

„גיב איהם נור אַקאָרשט מיר, וועט ער שוין גרעסער ווערן."

און איך האָב איהר דערלאַנגט דעם רינג.

* * *

אין אַ מאָנאַט אַרום האָב איך איהר ווידער געטראָפֿען.

כ'האָב איהר געוואָלט פֿרעגען אויף'ן רינג, נאָר איך האָב איהר צורוה געלאָזט.

וואָס איז די איילעניש? האָב איך זיך געטראַכט. ס'האָט נאָך צייט.

אָבער זי הויבט אויף די אויגען, קוקט אַרויס ווייט אין גאַס און זאָגט:

„יאָ, כ'האָב גאָר פֿערגעסען... דער רינג. כ'האָב געהאַט אַן אונגליק מיט איהם. איך האָב איהם ערגעץ פֿערוואָרפֿען, אָדער בעסער געזאָגט, פֿערלאָרען."

און זי וואַרט אויף מיין ענטפֿער.

„ביסט דו ניט בייז אויף מיר דערפֿאַר?" פֿרעגט זי אומרוהיג.

„ניין," ענטפֿער איך.

אַך, ווי אַ שטיין איז איהר אַראָב פֿון האַרצען!... און מיט אַ לייכטען געמיטה איז זי אַוועק אַהיים, צופֿריעדען דערפֿון וואָס איך בין ניט בייז אויף איהר דערפֿאַר.

***

דאַן איז אַריבער אַ גאַנץ יאָהר.

ווידער אַמאָל בין איך געקומען אין דער געגענד. און איינמאָל אָוועגד־צייט בין איך געגאַנגען אויף אַ בעקאַנטען, זעהר בעקאַנטען וועג.

מיט אַמאָל קומט זי מיר אַנטקעגען. און דרייפֿאַך בלוי זיינען געווען איהרע אויגען, און דרייפֿאַך שטראַהלענד זיינען זיי געווען. נאָר דער מויל איהרער איז געוואָרען אַזוי גרויס און אַזוי בלאַס.

„אָט האָסט דו דיין רינג," זאָגט זי מיט פֿרייד, „דיין פֿערלאָבונגס־רינג. איך האָב איהם ווידער געפֿונען, געליעבטער מיינער, און האָב איהם געלאָזט גרעסער, ברייטער מאַכען. נו, איצט וועט ער דיר שוין מעהר ניט דריקען."

איך האָב אָנגעקוקט די פֿערלאָזענע פֿרוי און איהר גרויסען בלאַסען מויל. און איך האָב אויך בעטראַכט דעם רינג.

„אַך," האָב איך זיך אָבגערופֿען און זיך דערביי טיעף פֿערנייגט, „מיט דעם רינג האָבען מיר קיין מזל ניט! איצט איז ער שוין צו ברייט!..."

אויף דער גאַס.

ב'געה אַרום ביי מיר אין שטוב אַרויף און אַראָב און די מעשה מיט'ן צייטונגס־יונגעל וויל מיר גאָר פֿון זינען ניט אַרויס. אין פֿלוג געהט ער מיר גאָרנישט אָן, כ'האָב זיך אַנטקעגען איהם גאָרנישט אַזוי שלעכט אויפֿגעפֿיהרט, אדרבה, אַז מען וויל זאָגען, איז ער גאָר געווען צופֿריעדען מיט'ן גאַנצען עסק. נאָר דאָך האָב איך איהם אַרומגעזוכט צוויי שעה נאָכאַנאַנד, כדי זיך איבערצובעטען מיט איהם.

אָט ווי ס'איז צוגעגאַנגען. איך געה מיר אַזוי אַרויף מיט דער קאַרל יאָהאַן־גאַס. ס'איז געווען קאַלט און פֿינסטער, נאָר דער עיקר איז געווען פֿינסטער, און דער זייגער האָט שוין געמוזט זיין אַרום זיבען. מילא, געה איך אַזוי מיט אָפֿענע אויגען און בעטראַכט די גאַס.

מיט אַמאָל דערזעה איך דעם צייטונגס־אינגעל ווי ער שטעהט אויף'ן עק גאַס לעבען גינטהערס קאָנדיטאָריי און רופֿט אויס דעם „וויקינג". ער האָט איין נוסח און זאָגט כסדר נור אָט די ווערטער:

„קויפֿט פֿאָרט דעם וויקינג!"

כ'האָב עס ניט בעמערקט גלייך אויף'ן שטעל, ערשט אַז איך בין פֿערבייגעגאַנגען אַ פּאָר טריט, זיינען מיר די ווערטער זיינע אַריין אין מוח. כ'האָב זיך אומגעקוקט צו איהם און געטראַכט: דו וואָלסט איהם כ'לעבען געמעגט געבען אַ צעהנער, נישקשה, וועסט ניט אָרעמער ווערן דערפֿון. און תוך כדי דבור לייג איך טאַקי אַריין די האַנד אין קעשענע אַרויסצונעהמען די מטבע. איך בעמערק, אַז דער ערשטער איינפֿאַל מיי־נער איז טאַקי געווען, דעם אינגעל צו געבען אַ צעהנער. אָבער ווי איך האָב נאָר געהאַלטען די האַנד אין טאַש, דערלאַנגט מיר מיט אַמאָל אַ שטורכע די אַלטע לעבענס־קלוגקייט, און כ'מאַך צו זיך אַליין: עט, ס'האָט קיין זינן ניט שיינקען אַ מענשען צעהן ערע*), ער וועט דערמיט נישט געהאָלפֿען ווערן; ניט אַמאָל צעהן קראָנען קענען דאָ העלפֿען, דאָס מאַכט די זאַך נאָך ערגער ווי עס איז, עס פֿיהרט איהם איבער און אַזוי ווייטער.

כ'בין אַרויף צו דער אוניווערזיטעט און דערנאָך דעם זעלבען וועג צוריק. ביי די פֿענסטער פֿון קאַמערמייער'ס בוכהאַנדלונג בלייב איך שטעהן

---

*) אַן „ערע" איז אַ הונדערטעל פֿון אַ קראָנע, וועלכע האָט דעם ווערטה פֿון אַן ענגלישען שילינג אָדער אַ האַלבען רובל.

און קוק זיך צו צו די ביכער, און ווי איך שטעה אַזוי מיט'ן רוקען צום גאַס דערהער איך ווידער דעם צייטונגס־אינגעל'ס קול. ער איז געווען נאָהענט הינטער מיר. ער האָט זיך געקריגט מיט אַ פּאָר שכור'ע מאַטראָזען איבער אַ נומער „וויקינג", וואָס זיי האָבען איהם צוריסען, און די מאַטראָזען האָבען בשום אופן ניט געוואָלט בעצאָהלען פאַר דער צוריסענער נומער. האָט דאָס אינגעל אָנגעהויבען וויינען.

געה איך אַלזאָ צו צו זיי געוואָהר ווערן, ווי דאָס איז געשעהן. אויסגעהערט די מעשה, זאָג איך די מאַטראָזען גאָר פּשוט, אַז זיי מוזען, פערשטעהט זיך, בעצאָהלען. אָבער ס'האָט גאָרנישט געהאָלפען, זיי האָבען זיך פון מיר אויסגעלאַכט און געזאָגט:

„קוקט נאָר אָן דעם דאָ!"

דאָס האָט מיך שטאַרק פערדראָסען און איך האָב צונויפגעביסען די צייהן פאַר כעס.

נו, האָב איך אַמאָל געקראָגען ערגעץ אַ גרויסע, קיילעכדיגע קראַוואַטשפּילקע, וואָס זעהט אויס ווי איהר ווילט אַליין; זי איז אַזוי גרויס, אַז מען קען זי אפילו אָננעהמען פאַר אַ פּאָליציי־שילד אָדער וואָס פאַר עס איז געהיימען צייכען, און די דאָזיגע שפּילקע טראָג איך שטענדיג אויף דער לינקער זייט ברוסט אונטער'ן ראָק. און אַזוי ווי אָט דיביידע שכור'ע מאַטראָזען שטעהען אַזוי און מאַכען זיך לוסטיג מיט דער צוריסענער נומער „וויקינג" און ווילען בשום אופן ניט בעצאָהלען פאַר איהר, פאַלט מיר פּלוצלינג איין צו ווערן דרייסט; כ'דרעה זיך אום צו די טויגעניכטסען, עפען פונאַנדער דעם ראָק און וויוז אָן אויף מיין מאָדנער קראַוואַטשפּילקע, ניט אויסריידענדיג בעת מעשה קיין איין וואָרט. אַ רגע קוקען מיר זיך אָן איינע די אַנדערע, דערנאָך רוף איך זיך אָב מיט אַ קאַלטען און בעשטימטען טאָן:

„איהר ווילט אַלזאָ בעצאָהלען אָדער איהר ווילט געהן מיט מיר?"

דאָס האָט געהאָלפען. דער „וויקינג" איז בעצאָהלט געוואָרען, און מיר פיער מענשען־קינדער, וועלכע האָבען זיך אַרומגעריסען צוליעב'ן בלאַט, זיינען זיך פונאַנדערגעגאַנגען יעדער זיין וועג. דאָס אינגעל האָט זיך אויסגעווישט די אויגען און איז אַוועק מיט דער גאַס אַרויף, בעת ווען איך האָב זיך געלאָזט געהן אַראָב מיט דער קאַרל יאָהאַן־גאַס. די מאַטראָזען האָבען זיך אַוועקגעשלעפּט אין דער געגענד פון טיוואָלי.

ביי דער פּאָסט קעהר איך זיך ווידער אום און געה נאָך אַמאָל אַרויף מיט דערזעלבער גאַס. מיין מוח איז נאָך אַלץ פערנומען געווען מיט דעם צייטונגס־אינגעל. איך האָב זיך געטראַכט: דו האָסט דעם קליינעם בחור'ל געהאָלפען אָבקריגען זיין געלד, ער איז דיר, פערשטעהט זיך, דאַנקבאַר דערפאַר און ער וועט דיך שוין מעהר ניט דערקוטשען, אַז דו וועסט פערבייגעהן; ער מוז אַוודאי האָבען אַ געפיהל פון טאַקט, אפשר האָט ער גאָר געהאַט אַ גוטע ערציהונג.

אויבען ביים גראַנד האָטעל דערזעה איך איהם ווידער אַמאָל, ער שטעהט גאַנץ נאָהענט לעבען דער לאַמטערנע, אַזוי אַז איך קען איהם דייטליך אַרויסזעהן, און איך זאָג צו זיך אַליין, בעת איך געה צו נעהנטער, ווי ער וועט מיך נור דערזעהן, וועט ער אַנשווינגען ווערן, ביז איך וועל פֿערבייגעהן. און געהן געה איך פֿערביי אַזוי נאָהענט לעבען דער לאַמטערנע ווי נור מעגליך, כדי איהם צו געבען אַ געלעגענהייט מיך צו דערקענען.

כ'האָב אַ טעות געהאַט. ער האָט קיין שום חילוק ניט געמאַכט צווישען מיר און וואָס פֿאַר עס איז אנדערן, ער האָט מיר אויסגעשטרעקט די צייטונג און געזאָגט, איך זאָל קויפֿען ביי איהם דעם „וויקינג".

שטום און געקרענקט ביז'ן ביין בין איך דורכגעגאַנגען פֿערביי איהם. כ'האָב געהאַט אַ ביטערן טעות אין איהם; ער איז פֿערשטעהט זיך, ניט מעהר ווי אַ „וויקאַ"*)-אינגעל, אַ ריכטיגער, צולאָזענער יונגאַטש, וואָס מוז שוין אַודאי רויכערן טאַבאַק און טהאָן נאָך אַנדערע שעהנע זאַכען. הקיצור, ס'איז אַ ריכטיגער קליינער זשוליק, מיט וועמען איך האָב עס דאָ צו טהאָן. איך בין געוועזן שטאַרק ברוגז אויף איהם, געהענדיג אַזוי ווייטער, און שטיל ביי זיך אין האַרצען האָב איך געפֿיהלט, אַז איך האָב איהם בעהאַנדעלט אָקוראַט ווי ער האָט עס פֿערדיענט, דערמיט וואָס איך האָב איהם דעם צעהנער ניט געגעבען.

מילא, מעהר האָט ניט געפֿעהלט, ער זאָל מיר נאָך אַ דריטען מאָל אַריינשפרינגען אין פנים אַריין מיט זיין צייטונג. אויף איהם איז אַלעס צו גלויבען, מחמת איך האָב דאָ געהאַט צו טהאָן מיט אַן עזות מחוצף'דיגען, קליינעם לויפֿער. מעהר האָט מיר טאַקי ניט געפֿעהלט!

ביי דער אוניווערזיטעט האָב איך זיך פֿערקירעוועט צוריק. נו, האָב איך אָנגעהויבען בערעכנען, וואו איך קען זיך אַ שטייגער ווידער צונויפֿטרעפֿען מיט דעם אינגעל. כ'האָב עס געוואָלט אַזוי איינשטעלען, אַז איך זאָל איהם בעגעגענען אויף אַ שטאַרק בעלייכטעטען אָרט פֿון דער גאַס, כדי ער זאָל מיך גלייך דערקענען, ווי נאָר ער וועט מיך דערזעהן. כ'בין זיך אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט מישב מיט זיך אַליין מכח דער דאָזיגער פֿראַגע, אַז איך ווער, ס'זאָל מיר צו קיין חרפה ניט זיין, שטאַרק נערוועז און איך לאָז זיך אַריין אין די נאַרישסטע השערות. ווי איז דער דין, טראַכט איך, אַז דאָס אינגעל איז גאָר פשוט אַוועק אַהיים? האָב איך, הייסט עס, זיך אומזיסט און אומנישט געבראָכען דעם קאָפּ מיט די אַלע פלענער. גאָט ווייסט, צו האָט ער זיך גאָר ניט אומגעקעהרט און איז אפשר אַוועק פֿאָראויס פֿאַר מיר די גאַנצע גאַס, אָנשטאָט מיר אַנטקעגען צו קומען.

און ווער וועט זיך דאָס גאָר גלויבען, אַז איך אַלטער מענש האָב אָנ־

*) אַן אויסגעלאַסענער קוואַרטאַל אין קריסטיאַניאַ.

געהויבען שטעלען לאַנגע טריט, איינפֿאַך לויפֿען מיט אימפּעט, בלויז דערפֿאַר, כדי אַן אָרימער צייטונגס-אינגעל זאָל האָבען אַ געלעגענהייט, מיר אָנבאָטען נאָך אַמאָל דעם „וויקינג״,—פֿערשטעהט זיך, אויב ער וועט זיך דאָס אונטערשטעהן צו טהאָן?

אָבער ביי בלאַמקוויסט טרעף איך איהם שטעהן גאַנץ רוהיג לעבען טהיר אויף דער גראַטקע ביים פֿענסטער. ער שטעהט און פֿריערט, מיט אַרויפֿגעצויגענע שולטערן און מיט די הענד און די הויזען-קעשענעס. ווען ניט ווען דערמאָנט ער די פֿערבייגעהער מכח דעם „וויקינג״.

ער נעהמט שוין מעהר די הענד ניט אַרויס און שטרעקט אויך ניט אויס די צייטונגען, ווי זיין שטייגער איז צו טהאָן.

נו, קום איך אַלזאָ. כ׳געה דורך אַזוי נאָהענט ווי נור מעגליך פֿערביי איהם, עס זענען אסור פֿאַרהאַן צוויי איילען צווישען מיר און איהם, און ער זעהט מיך גאַנץ דייטליך אין שיין פֿון דיאָראַמאַס לאַמטערנע. און ווי ער דערזעהט מיך נור, אַז ער גיט זיך דאָס אַ הויב, קוקט מיר אַריין, גלייך אין פנים אַריין, הויבט אויף זיין פעקעל מיט צייטונגען אין דער הויך, און עפעס אַזוי ווי צווישען אונז וואָלט גאָרנישט, אָבער טאַקי גאָרנישט פֿאָרגעקומען, טהוט ער אַ זאָג:

„קויפֿט פֿאָרט דעם „וויקינג״!״

איך בין געבליבען שטעהן. דער רעזולטאַט פֿון דער דאָזיגער פּראָבע האָט מיך אַזוי איבערראַשט, אַז דאָס האַרץ האָט מיר אָנגעהויבען שטאַרק קלאַפּען, בשעת ער האָט אַרויסגערעדט די ווערטער.

נו, איז מיר אַריין אין קאָפּ גאָר אַ נאַרישע המצאה און איך האָב זי דורכגעפֿיהרט. דער בחור האָט מיך מיט אַ קאַלטען לונג און לעבער צום נאַר געמאַכט און דריי מאָל נאָכאַנאַנד האָט ער מיר אָנגעבאָטען דעם „וויקינג״. איך בין געוועזן צורודערט און אויסער זיך פֿאַר כעס, און איך האָב איהם גענומען אויסריידען מיט די האַרבסטע ווערטער, וואָס איך האָב נאָר געקענט געפֿינען, דערפֿאַר וואָס ער לאָזט קיינעם ניט דורכגעהן רוהיג אין גאַס. ער האָט קיין וואָרט ניט געענטפֿערט, נאָר אָנגעקוקט האָט ער מיך אַזוי ווי פֿריהער; דאָס איז שוין געוועזן אַביסעל צו העזה׳דיג. אָט דאָ איז זי מיר אַרויף אויף׳ן זינען, די המצאה׳לע מיינע; כ׳האָב אַרויסגענומען אַ פּופֿציגער פֿון קעשענע, איהם געהאַלטען אַ ווײַלע גאַנץ נאָהענט אונטער דעם אינגעל׳ס נאָז און איהם אַרונטערגעלאָזען צווישען די אייזענס פֿון דער גראַטע, אויף וועלכער ער איז געשטאַנען. דערנאָך האָב איך טאַקי גלייך אויף׳ן שטעל אַרויסגענומען אַ צווייטען פּופֿציגער פֿון טאַש, איהם געוויזען דעם צייטונגס-יונג און איהם אַראָבגעלאָזט אין דעם זעלבען אָרט.

„אַצונד זיי מוחל,״ האָב איך זיך אָבגערופֿען מיט אַ שמייכעל, „און נעהם זיי דיר אַרויס פֿון אונטען, דו קליינער שד דו, און לאָז מיך צו רוה!״

די גראַטע איז געווען שטאַרק אָנגעפּראָרען, און עס האָט מיר פּער־שאַפּט אַ געוויסע בעפרידיגונג צו זעהן, ווי מיין פלאָג־גייסט מוז קראַצען מיט די פינגער אין די שפּאַלטען און זיך מוטשען, כדי צו צוקומען צו די צוויי זילבער־שטיקלאַך. זיינע פינגער זיינען אַלע ווייִלע געבליבען הייִנגען אויף די קאַלטע אייזענס. כ'האָב אויך געזעהן, אַז אויף איין האַנד האָט זיך איהם געמאַכט אַ וואונד; אָבער ער האָט געאַרבייט ווייטער מיט חשק, אום צו דערגרייכען די צוויי פּופּציגער. ער לאָזט ניט נאָך, ער פּערקאַטשעט איינעם פון זיינע אַרבעל ביז אַרויף און שפּאַרט אַראָב די האַנד צווישען דער גראַטע און דער וואַנד. דער אָרים זיינער האָט אויסגעזעהן שרעקליך דין.

ענדליך גיט זיך איהם איין אָנצונעהמען איין זילבער־שטיקעל אונטען.

„נו, האָב איך איינעם!“ זאָגט ער גאַנץ גליקליך.

אַרויפציהענדיג די האַנד צוריק, רייסט ער זיך אָב אַ שטיק הויט אָן דער וואַנד. ער קוקט מיך אָן, צו מיין איך עס טאַקי ערנסט, אַז ער קען צונעהמען דאָס דאָזיגע געלד פאַר זיך, אָט דאָס גאַנצע געלד! און אַזוי ווי איך זאָג גאָרנישט, בעהאַלט ער עס און איז זיך מכין צו דער צווייטער הקפה, דאָס הייסט אַרויסצוקריגען אויך דעם צווייטען פּופּצי־גער. ער שפּאַרט ווידער אַמאָל אַראָב די האַנד אין שפּאַלט און הויבט אָן אויסציהען די פינגער זיינע נאָך'ן קליינעם אוצר. זיין אָנשטריינגונג איז גאָר ניט צו בעשרייבען, ער אַרבייט מיט אַלע כלים, אין זיין הילפ־לאָזיגקייט שטעקט ער זאָגאַר די צונג אַרויס, אָקוראַט ווי דאָס וואָלט עפּעס געקענט העלפען.

„ווען איך וואָלט נור געהאַט אַ שפּענדעל,“ מאַכט ער, „וואָלט איך איהם געקענט צורוקען צו מיר!“ און ער הויבט בעת משה אויף אַביסעל דעם קאָפּ און קוקט מיך אָן.

צי האָט ער ערוואַרטעט הילף פון מיר? וואָס זשע, האָט דער קליי־נער דורכגעטריבענער לויפער געמיינט, איך זאָל זיך מטריח זיין און איהם נאָך צוטראָגען אַ שפּענדעל!

„יאָ, כ'וועל דיר שאַפען אַ שפּענדעל!“ מאַך איך. „אָבער ניט דיר צו העלפען, ס'הויבט זיך גאָר ניט אָן! כ'וועל דיר ברייִנגען אַ צו קורץ שפּענדעל, מיט וואָס דו וועסט גאָרנישט קענען מאַכען. וואַרט אַ ווייִלע, כ'ברייִנג עס גלייך!“

„נע, דאָס לוינט זיך דאָך ניט!“ האָב ער מיט אַמאָל געענטפערט.

ער לייגט אַריין די האַנד אין טאַש און נעהמט אַרויס אַ פּערזשאַוועט מעסערל, מיט וועלכען ער הויבט אָן צו שאַרען. ער האַלט עס צווישען צוויי פינגער און שטרעקט עס אויס נאָך'ן פּופּציגער. לאַנגזאַם און פאָר־זיכטיג פיהרט ער די מטבע ווייטער און ווייטער צו דער וואַנד און דער־נאָך אַרויף צום שפּאַלט צו.

ער איז זיכער אים שטאַנד געוועזן אויף אַזאַ אופן דעם פּופּציגער אַרויס־צוקריגען פֿון אונטען, דער קליינער חברה־מאַן איז געוועזן פֿעסט ענט־שלאָסען דערויף. פֿול מיט פֿערדרוס האָב איך געזעהן, אַז עס גיט זיך איהם ווירקליך איין, אַרויפֿצובריינגען די מטבע ביז אויבען, און איך האָב געהערט ווי ער זאָגט:

„אַצונד וועט עס שוין ניט נעהמען לאַנג!"

כ'האָב זיך אומגעקוקט. אַ גאַנצער עולם איז געשטאַנען אַרום אונז און האָט זיך צוגעקוקט צו דעם אינגעל און צו מיר. האָב איך זיך מיט כעס אַ דרעה געטהאָן אויף'ן קנאַפּעל און בין מיר אַוועק מיין וועג.

אָבער אין אַ שעה אַרום בין איך ווידער אַרויף מיט דער קאַרל יאָהאַן־גאַס און האָב געזוכט דעם זעלבען אינגעל. ער איז אין ערגעץ ניט געוועזן צו זעהן. אין דער האַנד האָב איך געהאַלטען אַ צוויי קראָנען־שטיק און איהם אַרומגעזוכט אַ היבשע ווייל, כ'האָב זיך געוואָלט מיט איהם פֿערגלייכען און איהם צוגעבען נאָך אַ פּאָר שילינג אויף אַ פּאָר האַנד־שוה. נאַ—ער וואָלט זיך אפשר גאָר פֿאַר דאָס געלט טאַבאַק געקויפֿט אָדער, אויב ער איז פֿון דעם רעכטען סאָרט, וואָלט ער עס פֿילייכט גאָר פֿער'שכור'ט; ס'איז אַן עבירה איהם עפּעס צו געבען.

מיט די דאָזיגע געדאַנקען בין איך אַוועק אַהיים.

נאָר היינט האָב איך ווידער געמוזט דיינקען וועגען דעם צייטונגס־אינגעל. איך דערמאָן זיך אָן זיין קלעגליכען אָרים און אָן די פּאָר בלוטס־טראָפּען אויף די דאַרע ביינדלאַך פֿון זיין האַנד. און פֿאַר די אויגען שטעהט זי מיר, זיין גאַנצע קליינע גנב'ישע געשטאַלט, בשעת ער איז געלעגען אויף'ן בויך אויף דער אייזערנער גראַטע און האָט אויסגע־שטרעקט די צונג און די פֿינגער נאָך די צוויי זילבער־שטיקלאַך.

אַ גאַנץ געוועהנליכע פֿליעג פֿון מיטלער גרויס.

אונזער בעקאַנטשאַפֿט האָט זיך אָנגעהויבען דערמיט, וואָס איינמאָל, בשעת איך בין געזעסען און געשריבען, איז זי אַריינגעפֿלויגען דורך מיין אָפֿענעם פֿענסטער צו מיר אין שטוב אַריין און האָט גענומען אַרומטאַנצען אַרום מיין קאָפּ. אָט אָפּנים דער שטאַרקער ריח פֿון ספירט, מיט וואָס מיינע האָר זיינען געוועזן בענעצט, האָט איהר צוגעצויגען. איינמאָל נאָך'ן אַנדערן האָב איך אויף איהר די האַנד אויפֿגעהויבען, אָבער ס'זאָל איהר גאָר אָנהייבען אַרען. נו, האָב איך געכאַפּט די פּאַפּיר־שערעל צו איהר.

איך האָב, פֿערשטעהט איהר מיך, אַ שער, איז זי גרויס און שעהן. וואָס טהו איך ניט מיט איהר! דאַרף איך רייניגען מיין פּיפּקע, איז די שער, דאָס פֿייער צושאַרען—די שער, און פֿאַר נויטה שלאָג איך מיט איהר אויך אָן די טשוועקעס אָן וואַנד. אין מיין געשיקטער האַנד איז די שער געוואָרען אַ מורא'דיגע שטיק געוועהר. איך האָב זי אַ וואָרף געטהאָן עטליכע מאָל אין דער לופֿטען, און די פֿליעג איז אַוועקגעפֿלויגען.

אָבער אין אַ ווײלע אַרום איז זי צוריקגעקומען און האָט זיך פֿון דאָס ניי גענומען צו איהר טאַנץ. ווער איך מן הסתם אין כעס, כאַפּ זיך אויף און רוק אָב דעם טיש ווייטער, צו דער טהיר צו. די פֿליעג איז ניט פֿויל און געהט מיר נאָך. טראַכט איך זיך: נו, כ'וועל דיר שוין אָבטהאָן אַ שפּיצעל. און איך בין שטילערהייט אַוועק און אויסגעשווײנקט דעם ספירט פֿון מיינע האָר. האָט עס טאַקי געהאָלפֿען. מיט אַ פֿערטרויערטע מיענע האָט זיך די פֿליעג אַוועקגעזעצט אויף מיין לאָמפּ און זיך פֿון אָרט ניט גערירט.

אַזוי איז אַריבער אַ היבשע ווײלע. כ'האָב ווייטער געשריבען און פֿאַר־טיג געמאַכט אַ היבש ביסעל פֿון מיין אַרבייט. אָבער לאַנג האָט עס אַזוי ניט געקענט געהן. ס'איז מיר געוואָרען אַביסעל מאָנאָטאָן, זיך שטענדיג צו בעגעגענען מיט דער פֿליעג, יעדעס מאָל ווען איך הויב נאָר די אויגען אויף. איך האָב זיך איינגעקוקט אין איהר; זי איז געוועזן אַ גאַנץ געוועהנליכע פֿליעג פֿון מיטעלער גרויס, פֿעסט געבויט מיט גרויע פֿלי־געל. „גיב זיך אַ ריהר אַביסעל!" האָב איך געזאָגט. זי האָט זיך אָבער ניט גערירט. „אַוועק פֿון דאַנעט!" מאַך איך צו איהר, אַ פֿאָך געבענ־דיג מיט דער האַנד. האָט זי זיך אויפֿגעהויבען אין דער לופֿטען, איז אַ

זויילע אַרומגעפּלויגען איבער'ן צימער און האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט אויף'ן לאָמפּ.

פון דער רגע הויבט זיך אייגענטליך אָן אונזער ריכטיגע בעקאַנטשאַפט. פאַר איהר שטאַנדהאַפטיגקייט, פאַר איהר עקשנות האָב איך געקראָגען דרך ארץ; וואָס זי וויל, דאָס וויל זי. זי האָט מיך אויך געריהרט מיט איהר אויסדרוק; דעם קאָפּ האָט זי געהאַלטען אָנגעבויגען אָן אַ זייט און האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ טרויעריגען בליק. אונזערע געפיהלען זיינען געוואָרען געגענזייטיג; זי האָט פערשטאַנען, אַז איך אינטערעסיר מיך אין איהר און האָט עס גוט אויסגענוצט; וואָס וויטער האָט זי זיך אַלין גענומען מעהר רעכט און מעהר פרייהייט איבער מיר. שוין אַרום נאָכמיטאָג, בשעת איך האָב געוואָלט אַרויסגעהן אין גאַס, איז זי אַ בעלן געווען צופליהען צום טהיר און זיך סטאַרען מיר פערשטעלען דעם וועג.

אויף מאָרגען בין איך אויפגעשטאַנען צו דער געוועהנליכער צייט. אַז איך האָב געענדיגט מיין אָנבייסען און געוואָלט אַריינגעהן אין צימער, זיך אַנידערזעצען אַרבייטען, טרעף איך מיין פליעג ביי דער טהיר. האָב איך איהר אָבגעגעבען איהר „גוט־מאָרגען". עטליכע מאָל האָט זי אַרומגעזומט איבער'ן שטוב און האָט זיך אַנידערגעזעצט אויף מיין שטוהל. דאָס איז כלל ניט געווען מיין רצון און איך האָב דעם שטיהל געדאַרפט האָבען פאַר זיך. „אַוועק פון דאַנעט!" מאַך איך צו איהר. הויבט זי זיך אויף אויף עטליכע צאָל און לאָזט זיך ווידער אַראָב אויף'ן שטוהל. זאָג איך צו איהר: „נו, זעץ איך זיך אַנידער!"—און איך האָב זיך טאַקי אַנידערגעזעצט. איז די פליעג אַוועקגעפלויגען און האָט זיך געזעצט ביי מיר אויף'ן פּאַפּיר.—„אַוועק!" זאָג איך. קיין ענטפער. בלאָז איך אויף איהר, אָבער זי וויל זיך פון אָרט ניט ריהרען. „ניין", מאַך איך צו איהר, „אַז איינער וועט קיין שום איינזעהעניש ניט האָבען מיט'ן צווייטענס פערלאַנג, קען עס לאַנג ניט אָנגעהן!" זי האָט זיך צוגעהערט צו מיינע רייד, האָט זיך פערטראַכט אַ וויילע, אָבער זי האָט דאָך בעשלאָסען, צו בלייבען זיצען. נו, האָב איך ווידער געכאַפּט די פּאַפּיער־שערעל און זי אַ וואָרף געטהאָן אין דער לופטען. גראָד איז דאָס פענסטער אָפען געווען—דאָס איז מיר גאָר פון זינען אַרויס—און די פליעג איז אַרויסגעפלויגען.

אַ פּאָר שעה נאָכאַנאַנד איז זי געבליבען אויף דרויסען. איך בין די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער און האָב חרטה געהאַט, וואָס איך האָב זי אַליין, מיט מיינע אייגענע הענד, אַרויסגעלאָזט. וואו קען זי ערגעץ זיין? ווער ווייסט וואָס מיט איהר האָט זיך געקענט מאַכען?! ענדליך האָב איך זיך אַנידערגעזעצט אויף מיין פּלאַץ און געהאַט בדעה ווידער אָנהויבען אַרבייטען; אָבער פערשידענע פינסטערע געדאַנקען האָבען מיך געמוטשעט.

מיט אַמאָל איז די פֿליעג צוריקגעקומען. זי האָט מיטגעבראַכט עפּעס שמוציגעס מיט זיך אויף איינעם פֿון איהרע הינטערשטע פֿיסלאַך. „אָט אַפֿנים דו ביסט אין מיסט־קאַסטען געווען, חיה'לע מיינס", רוף איך זיך אָב צו איהר, „פֿע!" אָבער איך האָב זיך פֿונדעסטוועגען געפֿרייט, וואָס זי איז צוריקגעקומען, און איך האָב ווידער פֿערמאַכט דאָס פֿענסטער. ווי לאָזט דו זיך דאָס אַרויס אויף אַזעלכע ווייטע נסיעות!" מאַך איך ווייטער צו איהר. קוקט זי מיך אָן, און ס'דוכט זיך מיר אויס, אַזוי ווי זי וואָלט זיך אַמוזירט און געענטפֿערט: „מילא בע!" אויף מיין פֿראַגע. אין מיין לעבענס־טאָג האָב איך נאָך ניט געזעהן אַ פֿליעג זאָל זיין אַזוי לוסטיג. דאָס איז מיר גראָד שטאַרק געפֿעלען; כ'האָב אויך געזאָגט „מילא בע!" און זיך צולאַכט פֿון גאַנצען האַרצען. „האַ—האַ, האָט מען נאָך ווען געזעהן אַזאַ פֿליעג?!" האָב איך געזאָגט. „קום אַקאָרשט אַהער, לאָמיך אויך דיך אַביסעל אַ קראַין טהאָן אונטער דער מאָרדעטשקע, דו גנב'טע דו!"

פֿאַרנאַכט האָט זי ווידער אַמאָל פּרובירט איהר אַלטען שפּאַס און האָט מיר געוואָלט די טהיר פֿערשפּאַרען, כ'זאָל ניט קענען אַרויסגעהן. איך האָב אָנגעגורט מיינע מאַנסבילישע לענדען און איהר געוויזען, אַז איך בין בעל הבית. ס'איז טאַקי גאַנץ שעהן, אַז זי האָט מיך ליעב; אָבער מיך האַלטען יעדען אָווענד פֿערשפּאַרט אין שטוב, דאָס קען זי פֿונדעסטוועגען ניט. און איך האָב זיך מיט געוואַלד דורכגעשפּאַרט פֿערביי איהר. כ'האָב געהערט, ווי בייז זי איז געווען, ווי זי האָט דאָרט אינעווייניג אָנגעגעבען מעשים, און איך האָב אַריינגעשריען צו איהר פֿון דרויסען: „נו יאָ, אַצונד ווייסט דו שוין זעהן, ווי ביטער עס איז צו זיין אַליין, זיי געזונד, איצט קענסט דו דאָ בלייבען זיצען!"

שפּעטער, אין די ווייטערדיגע טעג, האָט מיר די קליינע מיסט־פֿליעג איינפֿאַך געטהאָן צום טויט. זיינען מענשען געקומען צו מיר צו גאַסט, איז זי געוואָרען אייפֿערזיכטיג און האָט זיי אַרויסגעיאָגט דורך איהרע מיאוס'ע שטיק. אַז איך פֿלעג איהר דערנאָך אויסריידען פֿאַר איהר שלעכ־טער אויפֿפֿיהרונג און פֿלעג זי וועלען דערפֿאַר אָננעהמען פֿאַר דער טשאָפּרינע, האָט זי זיך מיט אַזאַ אימפּעט אַ לאָז געטהאָן פֿון דער ערד אַרויף, צו דער סטעליע, אַז איך האָב געמיינט, זי ברעכט האַלז און נאַקען און מיר האָט אָנגעהויבען שווינדלען אין די אויגען דערפֿון. „העי, דו פֿאַלסט אַרונטער!" שריי איך צו איהר מיט אַלע קולות. אָבער מיין וואָרנונג איז געווען אַרויסגעוואָרפֿען. „נו, פֿון מיינעטוועגען קענסט דו בלייבען זיצען אויבען," מאַך איך און קעהר זיך אום מיט'ן רוקען צו איהר. דאָ איז זי אַראָבגעקומען. יאָ, אָבער דערמיט האָט זיך דער עסק ניט געענדיגט. אַז איך האָב זיך אויף איהר ניט געוואָלט אומקוקען, איז זי מיר דוקא אונטערגעפֿלויגען סאַמע אונטער דער נאָז און איז דערנאָך

אַראָבגעפֿאַלען מיט אַ קראַך גראָד אויף מיין מאַנוסקריפּט. דאָ האָט זי, אָנגעהויבען אַרומשפּאַצירען אַזוי פֿריי און אַזוי ברייט, אָקוראַט ווי ביי מיר אין שטוט וואָלט גאָר קיין זכר אפילו פֿון קיין פּאַפּיר־שערעל ניט געווען. מען מוז פּרובירען מיט איהר מיט גוטען, טראַכט איך זיך. און איך רוף זיך אָב צו איהר פֿריינדליך: „געה נישט אַרום דאָ, דו שמירסט זיך דאָך אויס מיט טינט; כ'מיין דאָך נור דיין טובה!" אָבער זי איז געבליבען טויב צו מיינע ווערטער. „כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, זאָלסט ניט געהן אויף'ן פּאַפּיר!" האָב איך ווידערהאָלט; „ס'איז גראָב פּאַפּיר, קאָפּיע־פּאַפּיר, דו קענסט זיך נאָך איינטרעטען דינע שטיקלאַך אין די פֿיס." אָבער ניין, זי האָט ווינציג וואָס מורא דערפֿאַר. „האָט מען שוין אַמאָל געזעהן אַזאַ'ן איינגעשפּאַרטע בריאה!" האָב איך זיך צושריען מיט כעס; „וואָס זשע! דאָס פּאַפּיר איז אפשר ניט שפּליטערדיג?" ניין, זי הויבט ניט אָן טראַכטען אפילו, אַז ס'איז שפּליטערדיג. „נו, ווי דו ווילסט זיך," מאַך איך; „כ'נעהם מיר אַן אַנדער בויגען." אָבער ווי איך האָב נאָר גענומען אַן אַנדער בויגען, איז זי זיך אַוועק.

ס'זיינען אַריבער טעג און וואָכען. מיר האָבען זיך צוגעוועהנט איינס צום צווייטען; מיר האָבען געאַרבייט אינאיינעם אויף פֿערשיעדענע בויגען פּאַפּיר און זיך געטהיילט מיט פֿרייד און לייד. זי האָט געהאַט אַסך מורא'דיגע קאַפּריזען, אָבער איך האָב זיי דערטראָגען. זי האָט מיר קלאָהר און דייטליך צו פֿערשטעהן געגעבען, אַז זי קען ניט ליידען קיין צוג־ווינד און דעריבער האָב איך געהאַלטען טהיר און פֿענסטער פֿערשלאָסען. אָבער דאָך פֿלעגט איהר אַמאָל איינפֿאַלען אַ משוגעת, זיך אַראָבצולאָזען פֿון דער סאַמע סטעליע גלייך אויף אַ שויב פֿון'ם פֿערשלאָסענעם פֿענ־סטער מיט אַזאַ שטורם, אַזוי ווי זי וואָלט די אָרעמע שויב געוואָלט צושמעטערן אויף פּיצלאַך. „אויב דו האָסט וואָס צו טהאָן אויף דרויסען," מאַך איך צו איהר, „טאָ זיי זשע מוחל און געה דורך דאַנעט". און איך האָב איהר געעפֿענט די טהיר. ניין, דורך דאַנעט, ווייזט אויס, וויל זי בשום אופן ניט אַרויסגעהן, כאָטש גיב איהר אַ קריינק. „ווילסט דו אַרויסגעהן אָדער ווילסט דו ניט אַרויסגעהן?" האָב איך געפֿרעגט, „איינס, צוויי, דריי!" קיין ענטפֿער. האָב איך צוריקפֿערקלאַפּט די טהיר מיט אַ קראַך.

אָבער איך האָב באַלד געמוזט הרטה האָבען אויף מיין צאָרן.

איינמאָל איז די פֿליעג אַוועק. זי האָט אָבגעטשאַטשעוועט אין אַ אין־דער־פֿריה, אַז דאָס דיענסט־מיידעל איז אַריין אין שטוב, און האָט זיך אַרויסגעמאַכט דורך דער טהיר. איך האָב פֿערשטאַנען, אַז זי האָט זיך דאָס נוקם געווען אָן מיר, און איך האָב אַ לאַנגע צייט געטראַכט און געטראַכט, וואָס מען הויבט דאָ אָן צו טהאָן. דערנאָך בין איך אַרויס אין הויף און האָב אין דער הויך אויסגעשריען, אַז פֿון מיינעטוועגען קען

זי זיך געהן וואו זי וויל, געזונטערהייט, איך דאַרף זי מעהר ניט האָבען. ס'האָט גאָר נישט געהאָלפֿען, כ'האָב זי ניט געקענט צו ציהען, און מיר האָט זיך שטאַרק געביינקט נאָך דער פֿליעג. כ'האָב אויפֿגעפֿענט אַלץ, וואָס האָט נור געקענט געעפֿענט ווערן ביי מיר אין הויז, און מיין מאַנוסקריפּט האָב איך אַרויסגעלייגט אין פֿענסטער, וואו עס איז געוועזן אין סכנה פֿעררעגענט און צוריסען צו ווערען פֿון ווינד; זאָל זי זעהן, אַז פֿאַר איהר איז קיין זאַך ניט צו טהייער, און אַז זי קען אויף אַלצדינג שפּאַצירען וויפֿיעל איהר האַרץ גלוסט. כ'האָב זיך נאָכגעפֿראַגט ביי מיין בעל הבית'טע אויף דער פֿליעג, כ'האָב ווידער אָנגעגאָסען אַ גאַנצע מאַסע מיט ספּירט אויף מיינע האָר, און גערופֿען האָב איך איהר, און מיט אַלע שעהנע נעמען האָב איך איהר בעטיטעלט: מיין בעסטע פֿריינדין, מיין הויף-פֿליעג, כדי איהר צו געפֿעלען — אָבער אומזיסט.

ענדליך, אויף מאָרגען פֿאַרמיטאָג איז זי צוריקגעקומען. אָבער ניט אַליין איז געקומען, זי האָט זי זיך מיטגעבראַכט אַ ליעבהאָבער פֿון גאַס. פֿון גרויס שמחה, וואָס איך זעה זי ווידער אַמאָל ביי מיר, האָב איך איהר אַלצדינג מוחל געוועזן און אַ צייט לאַנג בין איך אויך צו איהר ליובאָווניק אפילו געוועזן גוט און פֿריינדליך. אָבער וואָס צופֿיעל, איז צופֿיעל. אַלצדינג האָט אַ גרענעץ. מילא, האָבען זיי זיך ראשית כל אַני־דערגעזעצט און גענומען איבערוואַרפֿען זיך מיט בליקען און זיך רייבען איין קערפּער אָן צווייטען. אָבער פּלוצלינג האָט זיך דער געליעבטער אויף איהר אַ וואָרף געטהאָן אויף אַזאַ אופן, אַז איך בין רויט געוואָרען פֿאַר חרפּה. „וואָס טהוט איהר דאָ פֿאַר מענשען אין די אויגען?!" האָב איך זיך אָבגערופֿען און זי גוט אויסגעזידעלט: „ניטאָ זיך וואָס איבער־צונעהמען מיט אַזאַ אויפֿפֿיהרונג!"

דערויף האָט זי שטאַרק פֿעראיבעל געהאַט. זי האָט פֿערוואָרפֿען דעם קאָפּ אַהינטער און מיר געגעבען צו פֿערשטעהן, אַז איך רייד נאָר אַזוי, מהמת איך בין אייפֿערזיכטיג. „איך אייפֿערזיכטיג!" האָב איך אַ פֿייף געטהאָן; „אייפֿערזיכטיג אויף דעם דאָ! ניין, הערסט דו?" אָבער זי האָט דעם קאָפּ נאָך מעהר פֿערוואָרפֿען אויף הינטען און נאָך אַמאָל איבער־גע'חזר'ט דאָס זעלביגע. דאָ אָבער האָב איך זיך אויפֿגעהויבען פֿון מיין פּלאַץ און געזאָגט: „מיט דיר וועל איך זיך ניט שלאָגען. דאָס שטעהט פּשוט ניט אָן מיין ריטער-געפֿיהל; אָבער שיק מיר נור אַרויס דעם געמיינעם ליובאָווניק דיינעם. מיט איהם וועל איך זיך שוין יאַקאָש אויס־פּראַווען!" און איך האָב אַ כאַפּ געטהאָן די פּאַפּיר-שערעל אין דער האַנד.

נו, האָבען זיי אָנגעהויבען חוזק מאַכען פֿון מיר. זיי זיינען זיך געזעסען דאָרט, ביים ברעג טיש, און שיער ניט צושפּרונגען געוואָרען פֿון געלעכטער. אַזוי ווי זיי וואָלטען זאָגען: „האַ, האַ, קיין גרעסערער פּאַפּיר־

שערעל האָסט דו שוין ניט, נאָך אַ גרעסערע פּאַפּיר־שערעל איידער די ?!"

— „כ'וועל אייך ווייזען, אַז דאָס געוועהר שפּיעלט דאָ קיין גרויסע ראָליע ניט," האָב איך געענטפערט. „מיט אַ פּראָסטע, אויסגעדאַרטע ליניקע וועל איך מיט דעם בחור לערנען דרך ארץ." און איך האָב אַ פּאָך געטהאָן מיט דער ליניקע. האָבען זיי זיך נאָך שטאַרקער צולאַכט און האָבען אַרויסגעוויזען גאַנץ אָפען זייער פעראַכטונג צו מיר. „וואָס ווילט איהר שוין ווייטער טהאָן?" האָב איך זיך צובייזערט אויף זיי. אָבער זיי האָבען זיך גאָרניט אומגעקוקט אויף מיר. מיט עזות'דיגע מיענעס האָבען זיי זיך אַ לאָז געטהאָן איינע אַנטקעגען די אַנדערע און האָבען שוין געהאַט בדעה זיך אַריינוואַרפען איינער אין צווייטענס אָרעמס. „איהר וועט עס ניט טהאָן!" האָב איך אַ געשריי געטהאָן אויף זיי. אָבער זיי האָבען עס פּאָרט געטהאָן, גראָד מיר אין די אויגען. דאָ האָט שוין מיין געדולד געפּלאַצט. כ'האָב אויפגעהויבען די ליניקע און זי געלאָזט אַראָבפּאַלען, ווי אַ בלייַ. עפּעס איז צוקוועטשט געוואָרען; עפּעס האָט געפּלאָסען פון דער ליניקע. מיין גוט געציעלטער קלאַפּ האָט זיי ביידען דער'הרג'עט.

אַזוי האָט זיך געענדיגט די דאָזיגע בעקאַנטשאַפט...

ס'איז נור געווען אַ קליינע, געוועהנליכע פליעג מיט גראָע פליגלען. און ס'איז גאָרנישט בעזאָנדערעס געווען אין איהר. אָבער זי האָט מיר פערשאַפט מעהר ווי איין לוסטיגען מאָמענט, כל זמן זי האָט געלעבט.

צאבעאוס.

I.

טיעפּסטער פֿריעדען איז אויסגעגאָסען איבער דער סטעפּע.

גאַנצע מיילען־ווייט זעהט מען ניט קיין בוימער און קיין הייזער, נור ווייץ און גרינע גראָז, אַזוי ווייט ווי דאָס אויג קען דערגרייכען. ווייט, העט ווייט זעהט מען פֿערד און מענשען ביי דער אַרבייט, אַזוי ניט־קענטיג און אַזוי קליין, אַז זיי ווייזען אויס ווי פֿליעגען; דאָס זיינען די שניטער, וועלכע זיצען אויף זייערע מאַשינען און שניידען אָב דאָס גראָז קופּות־וויין. דער איינציגער גערויש, וואָס מען הערט, איז דאָס סווישטשען פֿון די היישריקען, נאָר אַמאָל מאַכט זיך, אַז עס קומט אויך אַן אַנדער גערויש צום אויער—דאָס קלאַפּען פֿון די שנייד־מאַשינען אונטען ביים האָריזאָנט. צייטענווייז הערט מען אָט דעם גערויש גאַנץ נאָהענט לעבען זיך.

ס'איז די ביליבאָרי־פֿאַרם. זי ליגט גאַנץ אַליין ווייט אין וועסט־אַמע־ריקאַ, אָהן שכנים, אָהן וואָס פֿאַר עס איז פֿערבינדונג מיט דער וועלט, און ס'איז עטליכע טאָג גאַנג ביז צום נעכסטען שטעדטעל אין דער סטעפּע. די הייזער פֿון דער פֿאַרם זעהען פֿון ווייטען אויס אַזוי ווי קליינע פֿעלזען־שטיינער, וועלכע הויבען זיך אויף פֿון דעם אונגעהייער גרויסען ים מיט זאַנגען.

ווינטער־צייט איז די פֿאַרם ניט בעוואוינט, אָבער פֿון פֿריהלינג ביז שפּעט אין אָקטאָבער זיינען דאָרט פֿאַרהאַן עטליכע און זיבעציג מאַן, וואָס זיינען בעשעפֿטיגט ביי די תבואה.

דריי מענער אַרבייטען אין קיך, דער קעכער און זיינע צוויי העלפּער, און אין שטאַל שטעהען צוואַנציג עזלען אַחוץ די סך פֿערד; אָבער ניטאָ קיין פֿרוי, ניט איין איינציגע פֿרוי אין דער ביליבאָרי־פֿאַרם.

די זונן ברענט מיט 102 גראַד פֿאַהרענהייט. הימעל און ערד ציטערן אין דער דאָזיגער היץ, און דאָס מינדעסטע ווינטעלע קיהלט ניט אָב די לופֿט. ווי אַ בלאַטיגער זומפּ פֿון פֿייער זעהט די זונן אויס.

אויך אַרום די הייזער איז אַלעס שטיל, נאָר פֿון דעם גרויסען, מיט שפּענדלאַך־בעדעקטען שטאַל, וואָס ווערט בענוצט אַלס קיך און עסס־צימער, הערט מען די קולות און די טריט פֿון'ם קאָך מיט זיינעביידע

העלפּער, וועלכע זיינען שטאַרק פּערסמייעט און פּערנומען ביי זייער אַרבייט. זיי הייצען אונטער די גרויסע אויוועננס מיט גראָז, און דער רויך וואָס געהט אַרויס פון קוימען איז אויסגעמישט מיט פונקען און פלאַמען. אַז דאָס עסען איז פאַרטיג, ווערט עס אַרויסגעטראָגען אין צינק־בלעכען און אַרויפגעשטעלט אויף וועגען. דאַן שפּאַנט מען איין די עזלען, און די דריי מענער פאָהרען אַרויס מיט'ן עסען אויף דער סטעפּע.

דער קאָך איז אַ דיקער אירלענדער, פערציג יאָהר אַלט, מיט גראָע האָר און מיט אַ סאָלדאַטסקען אויסזעהן. ער געהט האַלב נאַקעט, זיין העמד איז אָפען, און זיין ברוסט־קאַסטען זעהט אויס ווי אַ מיהל־שטיין. אַלע רופען איהם „פּאָלי", מחמת אויף'ן געזיכט סאַמעוועט ער זיך אין אַ פּאָפּעגאַי.*)

דער קאָך איז געווען אַ סאָלדאַט ערגעץ אין אַ קאַזאַרמע אונטען אין זיעד־אַמעריקאַ; ער האָט אַ ליטעראַרישע נשמה און קען לייענען. דער־פאַר האָט ער מיט זיך אויף דער פאַרם מיטגענומען אַ ליעדער־בוך און אַחוץ דעם אַן אַלטע נומער פון אַ צייטונג. אָט די טהייערע זאַכען אָנצוריהרען, ערלויבט ער קיינעם ניט פון די פעלד־אַרבייטער; זיי ליגען ביי איהם אויף אַ פּאָליצע אין קיך, כדי זיי צו האָבען ביי דער האַנד אין די פרייע מינוטען זיינע. און ער בענוצט זיי מיט גרוים חשק.

אָבער צאַבעאוס, דער אָרעמער לאַנדסמאַן זיינער, וועלכער איז כמעט בלינד און טראָגט ברילען, האָט אַמאָל גאָר פּשוט אַרונטערגענומען די צייטונג פון פּאָליצע, אום דעריין צו לעזען. ס'האָט קיין זינן ניט געהאַט צו געבען צאַבעאוס'ן אַ געוועהנליכעס בוך, די קליינע אותיות פלעגען פערשווימען אַזוי ווי אין אַ טומאַן פאַר זיינע אויגען; דערפאַר אָבער האָט ער זעהר שטאַרק הנאה געהאַט צו האַלטען דעם קאָך'ס צייטונג אין דער האַנד און פערברייינגען אַביסעל די צייט ביי די גרויסע שריפט פון די אַנאָנסען. אָבער דער קאָך האָט תיכף דערזעהן, אַז זיין אוצר איז ניטאָ, האָט ער אויפגעזוכט צאַבעאוס'ן אין זיין בעט און האָט אַ ריס געטהאָן די צייטונג צו זיך. און עס איז געוואָרען אַ מורא'דיגע מחלוקה צווישען די דאָזיגעביידע מענער, אַ שטאַרקער און לעבערליכער וואָרט־שטרייט.

דער קאָך האָט אָנגערופען צאַבעאוס'ן שוואַרץ־האָריגער רויבער און הונד. ער האָט איהם געטייטעלט מיט די פינגער און געפרעגט, צי האָט ער אין זיין לעבענס־טאָג אַ סאָלדאַט געזעהן, און צי ווייסט ער וואָס אין אַ קאַזאַרמע טהוט זיך. ניין, דאָס ווייסט ער ניט! אָבער אויב אַזוי, טאָ זאָל ער בעסער זיך היטען די ביינער, ווייס גאָט, ער זאָל זיך די ביינער

---

*) אין די ענגליש־שפּרעכענדע לענדער רופט מען יעדע פּאָפּעגאַי מיט דעם נאָמען „פּאָלי".

היטען: און ס׳מויל זאָל ער האַלטען! וואָס פֿערדיענט ער אַ חודש? ער האָט אפשר הייזער אין וואַשינגטאָן, צי האָט זיך זיין קוה נעכטען גע־קעלבט?

אויף דאָס אַלעס האָט צאַבעאוס גאָרנישט געענטפֿערט; אָבער ער האָט דעם קאָך בעשולדיגט, אַז ער קאָכט רויהעס עסען און מאַכט ברויט־פּודדינג מיט פֿליעגען. „געה צום טייוועל מיט דיין ציישונג אין איינעם!״ ער, צאַבעאוס, איז אַן עה־ליכער מאַן, ער וואָלט דאָס בלאַט אַוועקגעלעגט צוריק אויף׳ן פּלאַץ, נאָכדעם ווי ער וואָלט אַביסעל שטו־דירט דערין. „וואָס שטעהסט דו דאָ און שפּייסט אויף דער ערד, דו פֿאַרשיוועט הונד!!״

און צאַבעאוס׳ס בלינדע אויגען זיינען געשטאַנען אַזוי ווי צוויי האַרטע שטאָלענע קוילען אין דעם צאָרנדיגען געזיכט.

אָבער זינט יענעם טאָג הערשט אַן אייביגע שנאה צווישען די ביידע לאַנדסלייט. — —

די וועגען מיט׳ן עסען טהיילען זיך פֿונאַנדער איבער׳ן גרויסען פֿעלד און שפּייזען יעדער איינער זיינע פֿינף און צוואַנציג מאַן. די אַרבייטער קומען צולויפֿען פֿון אַלע זייטען, כאַפּען עפּעס עסען און וואַרפֿען זיך אונטער די וועגען און אונטער די עזלען, כדי צו האָבען אַ ברעקעל שאָטען בשעת דער מאָהלצייט. נאָך צעהן מינוטען צייט בלייבט שוין פֿון׳ם עסען מעהר קיין זכר ניט. דער אויפֿזעהער זיצט שוין ווידער אויף׳ן פֿערד און טרייבט דעם עולם ווידע־ צו דער אַרבייט, און די פּראָוויאַנט־וועגען פֿאָהרען צוריק אין דער פֿאַ־ם.

אָבער בשעת דעם קאָך׳ס העלפֿער וואַשען אָב און רייניגען אויס די געפֿעס נאָך דער מאָהלצייט, זיצט זיך פּאָלי אַליין אויף דרויסען אין שאָ־טען הינטער׳ן הויז און לייענט שוין צום טויזענדסטען מאָל זיינע גערינכטע און זעלנערשע ליעדעלאַך אין דעם טייערן בוך, וואָס ער האָט מיטגע־בראַכט מיט זיך פֿון דער קאַזאַרמע. און דאָ איז פּאָלי ווידער סאָלדאַט.

II.

אָבענד־צייט, ווען עס הויבט אָן ווערן פֿינסטערלאַך, שלעפּען זיך זיע־בען היי־וועגען לאַנגזאַם מיט דער אַרבייטער־מחנה צוריק פֿון פֿעלד אַהיים. דאָס רוב פֿון זיי וואַשען זיך אָב די הענד דרויסען אויף׳ן הויף, איידער זיי געהען אַריין עסען זייער נאַכט־מאָהל, עטליכע פֿון זיי קעמען זיך אויך אויס די האָר זייערע. אַלע נאַציאָנען און אַ היבשע ביסעל ראַ־סען זיינען דאָרט פֿערטרעטען, פֿאַרהאַן דאָרט יונגערע און עלטערע מענ־שען, עמיגראַנטען פֿון אייראָפּאַ און געבוירענע אַמעריקאַנישע טרעמפּס, אַלע זיינען זיי מעהר אָדער ווייניגער נע ונד׳ניקעס און פֿעראונגליקטע,

פֿערשפּיעלטע לעבענס. די רייכערע פֿון דער באַנדע טראָגען יעדער איינער־אַ רעוואָלווער אין דער הינטערשטער קעשענע. דאָס עסען ווערט געוועהנ־ליך אָבגעכאַפּט אין גרויס איילעניש, און קיינער רעדט דערביי קיין וואָרט ניט אויס. די עטליכע צעהנדליג מענשען האָבען דורך אַרין פֿאַר דעם אויפֿזעהער, וועלכער נעהמט אַליין אָנטהייל אין דער מאָהלצייט און גיט אַכטונג, אַלעס זאָל צוגעהן אין אָרדנונג. און אַז די מאָהלצייט איז צו ענד, געהט דער גאַנצער עולם תיכף שלאָפֿען. — — — —

היינט אָבער האָט צאַכעאוס געוואָלט אויסוואַשען זיין העמד. ס'איז שוין אַזוי האַרט, אַזוי איינגעדאַרט געוואָרען פֿון שוויים, אַז ס'האָט איהם איינ־פּאַך געשווידערט איבער'ן גאַנצען לייב אין רעכטען מיטען טאָג, ווען די זונן האָט גע'שרפה'ט אויף זיין רוקען.

ס'איז געווען אַ פֿינסטערער אָבענד, אַלע זיינען שוין אַריין שלאָפֿען. פֿון דעם גרויסען שלאָף־שטאַל האָט זיך בלויז געהערט אַ פֿערדריקטעס מורמלען אין דער נאַכט אַרויס.

צאַכעאוס איז צוגעגאַנגען צו דער וואַנד פֿון קיך, וואו עס זיינען גע־שטאַנען עטליכע בלעכען מיט וואַסער. ס'איז געווען דעם קאָך'ס וואַסער, וואָס ער האָט אָנגעקליבען אין פֿערלויף פֿון די רעגען־טעג, מחמת דאָס וואַסער אין ביליבאָרי איז געווען צו געדיכט און האָט געהאַט צופֿיעל קאַלך אין זיך, אַזוי אַז עס האָט ניט געטויגט צום וואַשען.

צאַכעאוס האָט גענומען איינס פֿון די בלעכען, האָט אויסגעטהאָן זיין העמד און עס אָנגעהויבען רייבען דעריין. דער אָבענד איז געווען שטיל און קאַלט, ס'האָט איהם גענומען פֿריערען ווי געהעריג איז, אָבער דאָס העמד האָט געמוזט ריין ווערן, און ער האָט זיך שטילערהייט צוגעפּייפּט, כדי זיך אַביסעל צו דערמונטערן.

מיט אַמאָל האָט דער קאָך אַן עפֿען געטהאָן די טהיר פֿון קיך. ער האָט געהאַלטען אַ לאָמפּ אין דער האַנד, און אַ ברייטער ליכט־שטראַהל איז געפֿאַלען אויף צאַכעאוס'ן.

„אַהאַ!" האָט זיך דער קאָך אָבגערופֿען און איז אַרויס אויף דרויסען.

ער האָט אַנידערגעשטעלט דעם לאָמפּ אויף די טרעפּ, איז גלייך צו־געגאַנגען צו צאַכעאוס'ן און האָט איהם אַ פֿרעג געטהאָן: „ווער האָט דיר געגעבען דאָס וואַסער?"

„כ'האָב עס גענומען," האָט צאַכעאוס געענטפֿערט.

„ס'איז מיין וואַסער!" האָט זיך פּאָלי צושריען אויף'ן קול. „דו, פֿאַר־שיווער שקלאַף, האָסט עס גענומען, דו ליגנער, דו גנב, דו הונד!"

צאַכעאוס האָט אויף דאָס אַלעס גאָרנישט געענטפֿערט, ער האָט נור פֿון דאָס ניי אָנגעהויבען ווידערהאָלען זיינע בעשולדיגונגען מכח די פֿליגען אין פּודינג.

דער ליאַרם, וואָס די ביידע האָבען אָנגעמאַכט, האָט אַרויסגעשלעפּט

דעם עולם פֿון די געלעגערס, זיי זיינען געשטאַנען קופּקעס־ווייז און האָבען געפּ־אָרען און זיך צוגעהערט מיט דעם גרעסטען אינטערעס צו דער מחלוקה.

פּאָלי האָט זיי אַנטקעגען געשריען: „וואָס זאָגט איהר פּאָרט צו דעם שוויין דאָ? מיין אייגענעם וואַסער!"

„נעהם זיך דיר דיין וואַסער," האָט צאַכעאוס געזאָגט און בשעת מעשה אומגעוואָרפֿען דאָס בלעך. „איך האָב עס בענוצט!"

דער קאָך האָט איהם אונטערגעשטעלט דעם קולאַק אונטער די אויגען און געפֿרעגט; „דו זעהסט דאָס?"

„יאָ", האָט צאַכעאוס געענטפֿערט.

„כ'וועל עס דיר געבען צו פֿערזוכען!"

„סמייען זאָלסט דו עס נור!"

פּלוצלינג האָבען זיך געהערט אַ פּאָר שנעלע קלעפּ, וועלכע זיינען געגעבען און טאַקי אין דערזעלבער רגע צוריק געצאָהלט געוואָרען. די צושויער האָבען אַרויסגעלאָזט איין געשריי נאָך'ן אַנדערן, אַלס אויסדרוק פֿון פֿערגניגען.

אָבער צאַכעוס האָט לאַנג ניט געקענט אויסהאַלטען.

דער בלינדער, קורצער אירלענדער איז געווען בייז ווי אַ טיגער, אָבער די אָרעמס זיינע זיינען געווען צו קורץ, עפּעס צו טהאָן געגען דעם קאָך. ענדליך האָט ער זיך איבערגעדרעהט אָן אַ זייט, אַ דריי, פֿיער טריט איבער'ן פּלאַץ און דערנאָך איז ער אַנידערגעפֿאַלען אויף דער ערד.

דער קאָך האָט זיך געווענדעט צום עולם:

„נו יאָ, אַצינד ליגט ער אַלזאָ! לאָזט איהם ליגען! אַ סאָלדאַטְ האָט איהם גע'הרג'עט!"

„כ'מיין, ער איז טויט!" רופֿט זיך אָב אימיצער פֿון די צושויער.

דער קאָך האָט אַ ציה געטהאָן מיט די אַקסלען.

„פֿון מיינעטוועגען!" האָט ער געענטפֿערט מיט שטאָלץ. און ער פֿיהלט זיך ווי אַ גרויסער זיעגער פֿאַר זיינע צושויער, ער פֿערוואַרפֿט דעם קאָפּ אויף הינטען און ווערט ליטעראַריש: „דער טייוועל זאָל איהם כאַפּען", מאַכט ער. „לאָזט איהם נור ליגען! וואָס זשע, ער איז אפשר דער אַמעריקאַנער דניאל וועבסטער? קומט אַהער און וויל מיך לערנען ווי אַזוי פּודינג צו קאָכען, מיך, וואָס איך האָב פֿאַר גענעראַלען געקאָכט! וואָס זשע, ער איז אפשר דער בעל הבית פֿון דער סטעפּע? פֿרעג איך".

און אַלע האָבען בעוואונדערט פּאָלי'ס רעדע.

מיט אַמאָל האָט זיך צאַכעאוס אויפֿגעהויבען פֿון דער ערד און אָקוראַט אַזוי פֿערביסען, אַזוי צו להכעיס'דיג ווי פֿריהער האָט ער געזאָגט: קום אַקאָרשט אַהער, דו טרום דו!"

דער עולם האָט אַרויסגעלאָזט אַ געשריי פֿון ענטציקונג, אָבער דער

קאָך האָט בלויז אַ שמייכעל געטהאָן מיט אַ מיענע פֿון רחמנות און געזאָגט: „דומהייטען! כ'קען זיך דאָך פּונקט אַזוי גוט שלאָגען מיט אָט דעם לאָמפּ דאָ!"

דאָס זאָגענדיג האָט ער גענומען דעם לאָמפּ און איז לאַנגזאַם אַריין צוריק אין קיך.

ס'איז געוואָרען פֿינסטער אויף דעם פּלאַץ, און דער עולם איז אַריין צוריק שלאָפֿען. צאַבעאוס האָט גענומען זיין העמד, עס גוט אויסגעדרעהט און עס אָנגעטהאָן. דערנאָך האָט ער זיך אויך אריינגעשלעפּט אין שלאָפֿשטאַל, אום זיין געלעגער אויפֿצוזוכען און זיך לייגען אָברוהען.

III.

אויף מאָרגען ליגט צאַבאוס אויף די קניע אין דרויסען אויף'ן פֿעלד אין גראָז און שמירט אוים זיין מאַשין מיט עהל. די זונן איז היינט פּונקט אַזוי שאַרף און שרפה'נדיג ווי אימער און די אויגען זיינע פֿערלויפֿען איהם מיט שוויים אונטער זיינע ברילען. מיט אַמאָל מאַכט דאָס פֿערד אַ פּאָר שפּאַן פֿאָרווערטס, ס'האָט זיך אפשר פֿאַר וואָס עס איז דערשראָקען אָדער אַ פֿליגעלע האָט איהם אַ ביס געטהאָן. צאַבעאוס גיט אַ מורא'דיגען געשריי און כאַפּט זיך אויף מיט אַ שפּרונג פֿון דער ערד. אין אַ מינוט ארום הויבט ער אָן וואַרפֿען די לינקע האַנד אַהין און אַהער אין דער לופֿטען און געהט מיט האַסטיגע טריט אַרויף און אַראָב.

אַ מאַן, וועלכער פֿאָהרט ניט ווייט פֿון דאָרט אויף אַ היי־וואָגען, שטעלט אָב זיין פֿערד און פֿרעגט: „וואָס איז אַזוינס געשעהן?"

צאַבעאוס ענטפֿערט: „קום אַהער אַ רגע און העלף מיר".

אַז דער מאַן קומט צו, ווייזט איהם צאַבעאוס אַ בלוטיגע האַנד און זאָגט: „כ'האָב זיך אָבגעשניטען אַ פֿינגער, ס'איז אָקאָרשט געשעהן. זוך מיר אויף דעם פֿינגער, איך זעה אַזוי שלעכט!"

דער מאַן נעהמט זוכען דעם פֿינגער און געפֿינט איהם אין גראָז. עס זיינען געווען צוויי גליעדער פֿון פֿינגער. ער האָט שוין אָנגעהויבען אָבשטאַרבען און האָט אויסגעזעהן ווי אַ קליינער בר־מינן.

צאַבעאוס נעהמט דעם פֿינגער אין דער האַנד, קוקט איהם אָן און זאָגט: „יאָ, דאָס איז ער. וואַרט אַ רגע, האַלט איהם אַקאָרשט צו!

צאַבעאוס ציהט אַרויס זיין העמד און רייסט דערפֿון אָב צוויי פּאַסען; מיט איינעם פֿערבינדט ער זיך די האַנד, אין דעם אַנדערן וויקעלט ער איין דעם אָבגעשניטענעם פֿינגער און לייגט איהם אַריין אין קעשענע. דערנאָך דאַנקט ער דעם קאַמעראַד פֿאַר דער הילף, וואָס ער האָט איהם געגעבען, און זעצט זיך צוריק אַרויף אויף דער מאַשין.—ער האַלט כמעט אוים ביז אָוועגד־צייט. אַז דער אויפֿזעהער האָט געהערט וואָס מיט איהם

האָט געטראָפֿען, האָט ער איהם גוט אויסגעזידעלט און איהם אָבגעשיקט צוריק אויף דער פֿאַרם.

דאָס ערשטע, וואָס צאַכעאוס האָט געטהאָן, איז געװעזען צו בעהאַלטען דעם אָבגעשניטענעם פֿינגער. קיין ספירט האָט ער ניט געהאַט, האָט ער אַריינגעגאָסען מאַשין־עהל אין אַ פֿלאַש, אַריינגעלייגט דאָרט דעם פֿינגער און פֿערשטאָפּט דאָס העלזעל פֿעסט מיט אַ קאָרקע. די פֿלאַש האָט ער אַוועקגעלייגט אונטער'ן מאַטראַץ אין זיין בעטעל.

אַ גאַנצע וואָך איז ער געבליבען אין דערהיים; די האַנד האָט איהם אָנגעהויבען שטאַרק וועה טהאָן און ער האָט זי געמוזט האַלטען טאָג און נאַכט אויף אַן אָרט, ניט אַ ריהר טהאָן מיט איהר; ער האָט זיך גע־קלאַפּט אין קאָפּ פֿאַר פֿערדר־וס, א פֿיבער האָט דורכגענומען דעם גאַנ־צען קערפּער זיינעם און ער איז געלעגען און געליטען און זיך אַליין נעגריזשעט איבער דעם, וואָס האָט איהם געטראָפֿען. אַזאַ מין אונטהע־טיגקייט האָט ער נאָך קיין מאָל ניט געהאַט דורכצומאַכען, ניט אַמאָל מיט עטליכע יאָהר צוריק, בעת די מינע האָט עקספּלאָדירט און זיינע אויגען זיינען קאַליע געוואָרען.

און אַ צוגאָב צו זיינע צרות איז געװעזען דער קאָך פּאָלי. ער פֿלעגט איהם אַליין צוברייננגען דאָס עסען צום בעט און דערביי פֿלעגט ער זיך בענוצען מיט דער געלעגענהייט זיך צו רייצען מיט דעם פֿערוואונדעטען. דיביידע דם־שונאים פֿלעגען זיך בעת מעשה אַריינלאָזען אין אַ מורא'דיגען ווערטע־־שטרייט, און מעהר ווי איינמאָל פֿלעגט צאַכעאוס זיך מוזען אומקעהרען מיט'ן פּנים צו דער וואַנד און שטילערהייט פֿערבייסען מיט די צייהן, ווייל ער האָט גאָרנישט געקענט טהאָן אַנטקעגען דעם ריעז.

ענדליך זיינען זיי געקומען און פֿע־ביינעגאַנגען, די שמערצליכע טעג און נעכט, געקומען און פֿערביינעגאַנגען מיט אַן אונערטרעגליכער לאַנגזאַמקייט. אַזוי גיך ווי ס'איז איהם נאָר מעגליך געװעזען, האָט צאַכע־אוס אָנגעהויבען זיך אויפֿזעצען אַביסעל ביי זיך אויף'ן בעטעל, און ביי־טאָג, בעת ס'איז געװעזען שטאַרק היים, האָט ער געהאַלטען אָפֿען די טהיר, וואָס האָט אַרויסגעפֿיה־ט צו דער סטעפּע און צום הימעל. אָפֿט־מאָל איז ער אַזוי געזעסען מיט אַן אָפֿענעם מויל און זיך צוגעהערט צו דעם טאָן פֿון די שנייד־מאַשינען העט, העט ווייט, און דערנאָך פֿלעגט ער זיך צוריידען אויף'ן קול מיט זיינע פֿערד, אָקוראַט ווי ער וואָלט זיי געהאַט לעבען זיך.

אָבער פּאָלי דער רשע, פּאָלי דער כיטראַק האָט איהם נאָך א־צט אויך ניט צורוה געלאָזט. ער פֿלעגט קומען און איהם צוקלאַפּען די טהיר, מיט אַן אויסרייד, אַז עס ציהט, ס'ציהט געפֿעהרליך, און ער איז ניט מחויב איינצושטעלען זיין געזונד און זיין אין צוג. דאַן פֿלעגט צאַכעאוס זיך אַרויסקייקלען פֿון בעט, אויסער זיך פֿאַר כעס, און איהם נאַכוואַרפֿען אַ שטיוועל אָדער אַ הילצערן ביינקעלע, און ס'איז פֿון תמיד אָן געװעזען

זיין ברענענדער וואונש, איהם צו מאַכען פּאַר אַ קאַליקע אויף'ן לעבען לאַנג. אָבער צאַכעאוס האָט ניט געהאַט קיין גליק, ער איז געווען צו קורצזיכטיג, אום צו קענען ציעלען, און ער האָט קיינמאָל ניט געטראָפען.

אויף'ן זיבעטען טאָג האָט ער ערקלעהרט, אַז ער וויל עסען מיטאָג אין קיך. פאָלי האָט געענטפערט, אַז ער איז איהם מוחל, און ער וויל עס בשום אופן ניט האַבען. דערביי איז עס געבליבען, צאַכעאוס האָט געמוזט היינט אויך אַזוי ווי פריהער עסען אויף זיין געלעגער. אַזוי איז ער געזעסען אַליין, איינזאַם, און האָט זיך געקרימט פאַר לאַנגווייליגקייט. איצט האָט ער געוואוסט, אַז די קיך איז ליידיג, דער קאָך מיט זיינע העלפער זיינען אַרויס מיט'ן מיטאָג אין דער סטעפּע, ער האָט געהערט, ווי זיי זיינען אַרויסגעפאָהרען מיט געזאַנג און קולות, אום חוזק צו מאַכען פון דעם איינגעשפּאַרטען.

צאַכעאוס געהט אַרונטער פון זיין בעטעל און שלעפּט זיך אַריבער אין קיך. ער קוקט זיך אום, דאָס בוך און די צייטונג ליגען אויף זייער פלאַץ; נעהמט ער דאָס בלאַט און קריכט לאַנגזאַם צוריק אַריין אין דעם שלאָף־שטאַל. דערנאָך ווישט ער זיך אוים די ברילען זיינע און הויבט אָן לייענען די לעבעדיגע, גרויסע אותיות אין די אַנאָנסען.

ס'געהט פערביי אַ שעה, ס'געהען אַריבער צוויי, — די שטונדען זיינען איצט געלאָפען אַזוי שנעל! ענדליך האָט צאַכעאוס דערהערט, אַז דער פראָוויאַנט־וואָגען איז צוריקגעקומען, און באַלד האָט זיך געלאָזט הערען פאָלי'ס שטימע, ווי ער קאָמאַנדעוועט מיט די העלפער זיינע, זיי זאָלען צוואוואַשען די שיסלען און די טעלער.

איצט, האָט צאַכעאוס פערשטאַנען, וועט דער קאָך אודאי אויס־געפינען, אַז זיין צייטונג איז נעלם געוואָרען. ס'איז גראָר געווען די מינוט, ווען פאָלי פלעגט זיך נעהמען צו זיין ביבליאָטהעק. ער האָט זיך פערטראַכט אויף אַ רגע און דערנאָך האָט ער אַרונטערגעלייגט די צייטונג אונטער'ן מאַטראַץ פון זיין בעטעל. אין אַ ווײַלע אַרום כאַפּט ער זי אויף גיך ווידער אַרויס און בעהאַלט זי אונטער'ן העמד אויף זיין בלויזען לייב. קיינמאָל אין לעבען וועט ער די צייטונג ניט אָבגעבען צוריק!

ס'געהט פערביי אַ מינוט.

מיט אַמאָל האָבען זיך דערהערט שווערע טריט, וואָס זיינען אַלץ נעהנטער צוגעקומען צום שלאָף־פלאַץ, און צאַכעאוס ליגט און קוקט אַרויף צום דאַך.

פאָלי קומט אַריין.

„ווי איז דאָס, דו האָסט מיין צייטונג?" פרעגט ער און בלייבט שטעהן אין מיטען צימער.

„ניין!" ענטפערט צאַכעאוס.

„יא, דו האָסט זי!“ ליאַ־מט פאָלי און לאָזט זיך צוגעהן נעהנטער צו איהם.

צאַכעאוס כאַפּט זיך אויף.

„כ'האָב ניט דיין צייטונג! געה צום טייוועל!“ זאָגט ער און ווערט אויסער זיך פאַר כעס.

דאָ אָבער וואַרפט דער קאָך אַרונטער דעם קראַנקען מאַן אויף דער ערד און הויבט אָן זוכען אין בעטעל. ער האָט איבערגעקעהרט דעם שטרוי־זאַק, דערנאָך די אָרעמע, קלעגליכע קאָלדרע, ניט געפינענדיג וואָס ער האָט געזוכט.

„דו מוזט זי האָבען!“ דערבײ איז ער געבליבען. און ער האָט זיך געלאָזט אַרויסגעהן, נאָר פון הויף האָט ער זיך אומגעקעהרט צוריק און האָט ווידער געזאָגט: „דו האָסט זי גענומען אָבער וואַרט אַקאָרשט, מיין פריינד!“

דאָ האָט זיך צאַכעאוס פון גאַנצען האַרצען צולאַכט מיט אַ רשעות'־דיגען געלעכטער און האָט זיך אָבגערופען: „נו, אודאי האָב איך זי גע־נומען, כ'האָב זי פערטהאָן אויף עפעס, דו שמוציגער יונג!“

נאָר מיט אַמאָל איז פאָלי'ס פּאַפּאַגייען־געזיכט געוואָרען דונקעל־רויט און אַן אויסדרוק פול מיט רשעות און גיפט האָט זיך געוויזען אין זיין קאַנאַליען־בליק. ער האָט זיך אומגעקוקט אויף צאַכעאוס'עס זייט און א מורמעל געטהאָן: „יאָ, וואַרט אַקאָרשט!“

IV.

אויף מאָרגען איז געווען אַ מיאוס'ער וועטער. גאַנצע שטראָמען־ווײַ האָט דער רעגען געגאָסען און שוין אין דער פריה זיינען דעם קאָך'ס וואַסער־בלעכען אָנגעפילט געוואָרען. אַלע אַרבייטער זיינען געבליבען אין דערהיים; אַ טהייל פון זיי האָבען פערלאַטעט זעק אויף ווייץ, אַנדערע האָבען פערריכט זייערע געצייג און אָנגעשאַרפט די מעסערס און די שנייד־מאַשינען.

אַז מען האָט געקלונגען צו מיטאָג, האָט זיך צאַכעאוס אויפגעהויבען פון בעטעל, וואו ער איז געזעסען, און האָט געוואָלט אַריינגעהן צו די אַנדערע אין עסס־צימער. אָבער אויף דרויסען איז איהם אַנטקעגען געקומען פאָלי, וועלכער האָט איהם געבראַכט זיין עסען. צאַכעאוס האָט גע'טענה'ט, אַז ער האָט בעשלאָסען, פון איצט און ווייטער צו עסען אינאיינעם מיט די אַנדערע; זיין האַנד איז בעסער, ער האָט שוין מעהר קיין פיבער ניט. פאָלי האָט געענטפערט, אַז אויב איהם געפעלט ניט דאָס עסען, וואָס ער ברייננט איהם, וועט ער גאָר נישט קריגען. ער האָט

אַ וואָרף געטהאָן די בלעכענע שאָל אויף צאַבעאוס׳עס בעטעל און גע־פֿרעגט: „וואָס זשע, דאָס איז אפשר ניט גוט גענוג פֿאַר דיר?“

צאַבעאוס האָט זיך אומגעקעהרט צום בעטעל און זיך אונטערוואָר־פֿען זיין שיקזאַל. ס׳איז געווען דאָס גלייכסטע, וואָס ער האָט געקענט טהאָן, צו נעהמען דאָס עסען, וואָס מען גיט איהם.

„וואָס פֿאַר אַ שוויינערייַ האָסט דו שוין היינט ווידער געקאָכט?“ האָט ער אַ בורטשע געטהאָן און זיך גענומען צו דער שיסעל.

„הינדעל!“ האָט דער קאָך געענטפֿערט. און אַ מאָדנער בליץ האָט איהם אַ שאָס געטהאָן פֿון די אויגען, בעת ער האָט זיך אומגעדרעהט און איז זיך אַוועק.

„הינדעל?“ האָט צאַבעאוס פֿאַר זיך געמורמעלט און דורכגעזוכט דאָס עסען מיט זיינע בלינדע אויגען. „לעבען זאָלסטו אַזוי, צי דאָס איז הינדעל, דו ליגנער איינער.“ נאָר ס׳איז געווען ראָסעל־פֿלייש.

און ער האָט גענומען עסען דאָס פֿלייש.

פלוצלונג האָט ער אריינגענומען אין מויל אַ שטיק, פֿון וואָס ער האָט בשום אופן ניט געקענט קלוג ווערן. ס׳לאָזט זיך ניט צושניירען, ס׳איז אָ ביין מיט דינע פֿלייש דערויף, און האָבענדיג אָבגענאָגט איין זייט דערפֿון, נעהמט ער אַרויס דאָס שטיק פֿון מויל און בעטראַכט עס. „ער קען זיך האַלטען מיט זיין ביין, דער הונד!“ מורמעלט ער און געהט צו דער טהיר, כדי עס בעסער צו בעקוקען. ער דרעהט עס און קעהרט עס עטליכע מאָל אום אויף אַלע זייטען. פלוצלינג לויפֿט ער צו צום בע־טעל און זוכט די פֿלאַש מיט דעם אָבגעשניטענעם פֿינגער — די פלאַש איז נעלם געוואָרען.

צאַבעאוס געהט אַריבער אין עסס־צימער. בלאַס ווי דער טויט מיט אַ פֿערמאָרעטען פנים בלייבט ער שטעהן ביי דער טהיר, און הויך אויף׳ קול, אַזוי אַז אַלע הערען עס, רופֿט ער זיך אָב צום קאָך: „זאָג אַקאָרשט, פאָלי, איז דאָס ניט מיין פֿינגער?“

דערביי הויבט ער עפּעס אויף אין דער הויך.

פאָלי ענטפֿערט ניט, ער הויבט אָבער אָן ביי זיין טיש אין זיך צו לאַכען.

צאַבעאוס הויבט אויף עפּעס אַן אַנדער זאַך אין דער הויך און זאָגט: „און, פאָלי, איז דאָס ניט מיין נאָגעל, וואָס איז געווען אויף מיין פֿינ־גער? וואָס זשע, מיינסט אַפּנים איך דערקען איהם ניט?“

איצט זיינען אַלע מענער ביי די טישען געוואָרען אויפֿמערקזאַם אויף צאַבעאוס׳עס מאָרנע פֿראַגען און האָבען גענומען קוקען אויף איהם מיט פֿערוואונדערונג.

„וואָס איז דיר אַזוינס געשעהן?“ האָט איינער אַ פֿרעג געטהאָן.

„כ׳האָב געפֿונען מיין פֿינגער, דעם אָבגעשניטענעם פֿינגער מיינעם אין עסען,“ האָט צאַבעאוס ערקלעהרט. „ער האָט איהם אָבגעקאָכט, ע־

האָט איהם מיר מיט מיין עסען געבראַכט. אָט האָט איהר אייך דעם נאָגעל."

דאָ האָט פּלוֹצלינג אויסגעבראָכען אַ ליאַרעמדיגער געלעכטער ביי אַלע ט־שע, און דער עולם האָט גענומען שרייען און ריידען אויף'ן קול.

„וואָס זשע, ער האָט דיין אייגענעם פינגער אָבגעקאָכט און דיר איהם גענעבען צו עסען?" האָט איינער פון זיי געזאָגט. „ווי איך זעה, האָבט דו אָבגעביסען אַ שטיקעל דערפון, דו האָסט אָבגענאָגט איין זייט!"

„איך זעה ניט גוט," האָט צאַכעאוס געענטפערט, „כ'האָב ניט גע־וואוסט, -- — כ'האָב זיך ניט געריכט — —"

אָבער מיט אַמאָל האַקט ער אָב, קעהרט זיך אום צו דער טהיר און געהט אַרויס.

דער אייפזעהער האָט געמווזט זעהן, ס'זאָל ווערן רוהיג אין עסס־צימער. ער איז אויפגעשטאַנען האָט זיך געווענדט צום קאָך און גע־זאָגט: „דו האָסט דעם פינגער געקאָכט אינאיינעם מיט די אַנדערע פלייש, פאָלי?"

„ניין," האָט פאָלי געענטפערט. „גאָט מיינער, ווי האָב איך עס דען געקענט טהאָן? פאַר וואָס האַלט איהר מיך פאָרט? איך האָב איהם אָבגעקאָכט פאַר זיך, אין אַ בעזונדערן קעסעל."

אָבער די געשיכטע מיט דעם געקאָכטען פינגער איז שוין דעם נאָכמיטאָג געווען אַ טהעמאַ פאַר דער באַנדע זיך צו אַמוזירען. מען האָט זיך אַרומגעריסען און געלאַכט דעריבער אַזוי ווי די פערריקטע, און פאָלי האָט נאָך קיינמאָל אַזאַ זיעג ניט געהאַט.

אָבער צאַכעאוס איז פערשוואונדען געוואָרען.

צאַכעאוס איז אַרויס אין דער סטעפּע. דאָס שלעכטע וועטער האָט נאָך אַלץ ניט נאָכגעלאָזען און ס'איז אין ערגעץ ניט געווען וואו זיך צו בעהאַלטען. צאַכעאוס אָבער האָט געוואַנדערט ווייטער און ווייטער איבער דער סטעפּע. ער האָט געטראָגען זיין קראַנקע האַנד אין דעם באַנד און האָט זי בעשיצט פון רעגען אַזוי גוט ווי ער האָט נאָר געקענט; ווייטער איז ער געווען דורכגענעצט פון אויבען ביז אַראָב.

און ער געהט אַלץ ווייטער און ווייטער.

אַז עס הויבט אָן ווערן פינסטער, בלייבט ער שטעהן. ביים שיין פון אַ בליץ זעהט ער וויפיעל דער זייגער איז און דערנאָך קעהרט ער זיך אים אויף דעם זעלבען וועג וואָס ער איז געקומען. מיט שווערע, אויסגעריע־בענטע טריט געהט ער צווישען די זאַנגען, אָקוראַט ווי ער וואָלט די צייט און דעם וועג גענוי בערעכענט. אַרום אַכט אַזייגער איז ער צוריק אויף דער פאַרם.

איצט איז שוין שטאָק פינסטער. ער הערט, אַז דער עולם איז אַצונד פערזאַמעלט אין עסס־צימער ביים נאַכטמאָהל, און אַז ער קוקט אַריין

דורך'ן פֿענסטער, מיינט ער, אַז ער זעהט דאָרט פּאָלי'ן, און ס'דוכט זיך איהם אויס, אַז ער איז זעהר שטאַרק אויפֿגעלייגט.

ער געהט אַוועק פֿון הויז אין די שטאַלען, וואו ער שטעלט זיך אַוועק ערגעץ אונטער אַ דעכעל און קוקט אַריין אין דעם חושך. די היישריקען שווייגען, אַלעס איז שטיל, נאָר דער רעגען הערט ניט אויף געהן און פֿון צייט צו צייט שניידט דורך אַ שוועבעל־פֿאַרביגער בליץ דעם סאַמע מיטען פֿון הימעל און פֿאַלט אַרונטער ערגעץ ווייט, העט ווייט אין דער סטעפּע.

ענדליך הערט ער, אַז די לייט געהען שוין אַרויס פֿון'ם נאַכטמאָהל און לויפֿען אַריבער מיט אימפעט אין די שלאָף־פּלעצער, זיך סטאַרענדיג מיט אַלע מיטלען ניט נאַס צו ווערן. געדולדיג און איינגעֶ'עקשן'ט וואַרט צאַכעאוס אָב נאָך אַ שעה, דערנאָך געהט ער צו צו דער קיך.

ס איז נאָך ליכטיג אינעווייניג, ער זעהט אַ מאַן ביים אויווען, און ער געהט גאַנץ רוהיג אַריין.

„גוטען אָווענד!" זאָגט ער.

פּאָלי קוקט איהם אַ ווײַלע אָן ערשטוינט און ענדליך רופֿט ער זיך אָב:

„היינט ביינאַכט קענסט דו שוין מעהר קיין עסען ניט קריגען."

צאַכעאוס ענטפֿערט:

„זאָל זיין אַזוי! אָבער טאָ גיב מיר כאָטש אַ שטיקעל זייף, פּאָלי. מיין העמד איז נעכטען ביינאַכט אומריין געוואָרען, כ'מוז עס נאָך אַמאָל אויסוואַשען."

„ניט אין מיין וואַסער!" האָט דער קאָך געזאָגט.

„יאָ, נראָד אין דיין וואַסער. אָט שטעהט עס דאָ אין ווינקעל!"

„כ'ראָט דיר אָב דערפֿון."

„קריג איך זייף, צי ניט?" פֿרעגט צאַכעאוס.

„כ'וועל דיר באַלד געבען זייף!" שרייט פּאָלי. „אַרויס פֿון דאַנעט!"

און צאַכעאוס געהט אַרויס.

ער נעהמט איינעם פֿון די וואַסער־בעקענס, טראָגט איהם צו צום ווינקעל, אָקוראַט אונטער'ן פֿענסטער פֿון קיך און הויבט אָן אַרומצוּ־פּליושקען מיט דער האַנד אין וואַסער. פּאָלי דערהערט עס און קומט אַרויס.

ער איז היינט גרויס און שטייף ביי זיך ווי קיינמאָל ניט פֿאַר דעם, און ער לאָזט זיך געהן מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס ענטשלאָסען און צאָרנדיג גלייך אויף צאַכעאוס'ן.

„וואָס טהוסט דו דאָ?" פֿרעגט ער.

צאַכעאוס ענטפֿערט: „גאָרנישט. כ'וואַש מיין העמד."

„אין מיין וואַסער?"

„פֿערשטעהסט זיך!"

דער קאָך געהט צו נעהנטער, בויגט זיך אָן איבער'ן וואַסער־בע־קען, כדי זיך צו איבערצייגען, צי איז דאָס טאַקי ויינער, און ער זוכט דאָס העמד אין וואַסער.

אין דער רגע ציהט צאַבעאוס אַרויס זיין רעוואָלווער פֿון אינטער דעם באַנד, וואָס ער טראָגט אַרום זיין פֿערוואונדעטער האַנד, שטעלט איהם אָן פונקט אַנטקעגען פּאָלי'ס אויער און טהוט אַ דריק.

אַ שוואַכער שאָס האָט אָבגעקלונגען אין דער נאַסער נאַכט.

V.

אַז צאַבעאוס איז שפּעט ביינאַכט אַריינגעקומען אין דעם שלאָף־שטאַל, האָבען זיך אַ פּאָר פֿון זיינע קאַמעראַדען אויפֿגעכאַפּט און איהם געפֿרעגט, וואָס ער האָט אַזוינס געטהאָן אויף דרויסען.

צאַבעאוס האָט געענטפֿערט: „גאָרנישט. כ'האָב דערשאָסען פּאָלי'ן."

די קאַמעראַדען האָבען זיך אויפֿגעזעצט אויף די עלענבויגען, כדי בעסער צו הערען.

„דו האָסט איהם דערשאָסען?"

„יאָ!"

„דאָס הייסט אַביסעל אַ טייוועל! וואו האָסט דו איהם געטראָפֿען?"

„אין קאָפּ. כ'האָב איהם געשאָסען דורך'ן אויער, די קויל איז אַרויף אויבען."

„נאַ, צום טייוועל! וואו זשע האָסט דו איהם בעגראָבען?"

„אין דער סטעפּע, צו מערב־זייט צו. כ'האָב איהם מיטגעגעבען די צייטונג אין די הענד."

„האָסט עס ווירקליך געטהאָן?"

דאָס זאָגענדיג האָבען זיך די קאַמעראַדען צוריקגעלייגט, אום ווייטער צו שלאָפֿען.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט נאָך איינער פֿון זיי אַ פֿרעג געטהאָן: „וואָס זשע, ער איז גלייך געשטאָרבען?"

„יאָ," האָט געענטפֿערט צאַבעאוס, „כמעט גלייך אויף'ן שטעל. די קויל איז איהם דורכגעלאָפֿען דורך'ן מוח."

„יאָ, דאָס איז דער בעסטער שאָס," זאָגט דער קאַמעראַד. „געהט זי דורך דורך'ן מוח, איז דאָס דער טויט."

און דאַן ווערט רוהיג אין שטאַל, און אַלע שלאָפֿען — — —.

דער אויפֿזעהער האָט בעשטימט אַן אַנדער קאָך, איינעם פֿון די העלפֿער, וועלכער איז זינט דעם פֿריהלינג געוועזען אויף דער לעהרע ביי פּאָלי'ן; דער דאָזיגער איז איצט דערהויבען געוואָרען און ס'האָט איהם

שטאַרק הנאה געטהאָן, וואָס זיין אויבער־האַר איז ערמאָרדעט געוואָרען.

און אַלעס איז זיך געגאַנגען זיין געװעהנליכען ריהרעװדיגען גאַנג ביז ענדע זומער. מען האָט שוין מעהר ניט גערעדט מכח פאָלי'ס סוף, דער אָרעמער טייוועל איז געװען טויט, ער איז געלעגען בעגראָבען ער־געץ־װאו אין דעם װייצענפעלד, וואו די זאַנגען זיינען געװען אויסגעריי־סען; ס'איז געװען אַ פערפאַלענע זאַך.

אַז דער אָקטאָבער איז אָנגעקומען, זיינען די אַרבייטער פון בילי־באָרי אַװעק אין דער נעכסטער שטאָדט, כדי דאָרט זיך אָבצוגעזעגענען ביי אַ גלעזעל משקה און דערנאָך אַװעקגעהן יעדער אין אַן אַנדער ריכטונג. אין דעם מאָמענט זיינען זיי זיך אַלע געװען בעסערע פריינד איידער װען עס איז פריהער, און זיי האָבען זיך אַרומגענומען און גע־דאַנקט איינע די אַנדערע, און זיי האָבען געמיינט עהרליך דאָס וואָס זיי האָבען זיך איינע די אַנדערע געזאָגט.

„וואוהין געהסט דו, צאַכעאוס?"

„כ'געה אַבּיסעל װייטער צו מערב צו," האָט צאַכעאוס געענטפערט. „פיליכט קיין װייאָמינג. אָבער אויף װינטער געה איך װידער אין װאַלד אַריין האָלץ האַקען."

„דאַן װעלען מיר זיך דאָרט טרעפען. צום װידערזעהן, צאַכעאוס! גליקליכע רייזע!"

און די קאַמעראַדען לאָזען זיך אַװעק איי אַלע ריכטונגען אין דעם גרויסען יענקי־לאַנד. צאַכעאוס געהט קיין װייאָמינג.

און די סטעפּע ליגט אַזוי װי אַן אונענדליכער ים, אויף װעלכען די אָקטאָבער־זונן װאַרפט איהרע לאַנגע שטראַהלען, וואָס זעהען אויס װי בליצענדע שפּיזלען.

אויף'ן ים ביי ניו־פאונדלאנד.

מאָנאַט איין מאָנאַט אויס זיינען מיר געלעגען אויף'ן ים און האָבען געכאַפּט פיש. דער זומער און דער ווינטער זיינען געקומען און אַוועקגעגאַנגען, און מיר זיינען נאָך אַלץ גע־לעגען אויף'ן זעלבינגען אָרט, אין מיטען ים, ביים גרענעץ פון די צוויי ערד־טהיילען: אייראָפּאַ און אַמעריקאַ. פיער ביז פינף מאָל אַ יאָהר פלעגען מיר צופאָהרען צו מיקעלאָן, כדי דאָרט צו פערקויפען אונזערע פיש און אָננעהמען פּראָוויאַנט. דערנאָך פלעגען מיר ווידער אַרויספאָהרען אויף'ן מיטען ים, זיך פעראַנקערן אויף'ן זעל־בינגען אָרט און כאַפּען פיש — און צופאָהרען קיין מיקעלאָן, כדי פון דאָס ניי אויסלאָדען אונזער סחורה. איך בין קיינמאָל ניט אַראָב אין שטאָדט, אויף דער יבשה. צו וואָס האָט עס מיר דען געטויגט? מען האָט געזעהן זעהר ווייניג מענשען דאָרט אויף יענעם וועלט־טהייל, וועל־כער איז געווען בעוואוינט בלויז פון עטליכע פישער און שיפּס־הענדלער.

אונזער שיף איז געווען א רוס, וואָס האט געטראָגען דעם נאָמען „קאָנגאָ", אַן אמת'ער רוס, אַן אַלטע באַרקע, וועלכע האָט נאָך אויף די זייטען געהאַט האַלב־פערדעקטע טהירען פון איהרע אַמאָליגע יונגע יאָהרען. אַכט מאַן זיינען מיר געווען אויף'ן שיף: צוויי האָלענדער און איין פראַנצויז, צוויי רוסען און איך; די איבעריגע זיינען געווען נעגער.

דער „קאָנגאָ" האָט געהאַט פיער קליינע שיפלאַך. אויף זיי פלעגען מיר אַרויספאָהרען אין דער פריה און אַריינציהען אונזערע נעצען, זומער־צייט אַרום דריי אַזייגער, ווינטער בעגינען צו טאָג; און אין אָווענד פלע־גען מיר זיי ווידער אויסלייגען, שטענדיג אויף'ן זעלבען אָרט, ניט ווייט פון דעם פלאַץ, וואו דער „קאָנגאָ" איז געשטאַנען.

איין טאָג איז אַריבער ווי דער אַנדערער, מיר זיינען תמיד געווען אויף איין אָרט. אונזער לעבען האָט ניט געהאַט קיין שום אָבוועקסלונג; מיר האָבען אפילו ניט געוואוסט, צי ס'איז זונטאָג צי מאָנטאָג. די איינ־ציגע זאַך, מיט וואָס מיר האָבען זיך אונטערשיידעט פון די אַנדערע ניו־פאַונדלענדישע פישער, איז געווען דאָס אונגעוועהנליכע, וואָס אונזער קאַפּיטאַן האָט געהאַט זיין פרוי מיט זיך אויף'ן שיף. אָט די פרוי איז געווען אַ יונגע אָבער זעהר מיאוס'ע בעשעפעניש מיט גאַנצע בערג קרעצלאַך און בראָדיעווקעס אויף די הענד און שרעקליך מאָגער און זעהר קליין אין וואוקס.

מיר האָבען זי געזעהן יעדען פריהמאָרגען, ווען מיר פלעגען אַרונ־טערגעהן פון שיף; זי איז דאַן נאָר וואָס געהאט אויפגעשטאַנען, איז געווען שלעפעריג און זעהר מיאוס אָנגעטהאָן. זי האָט זיך געקענט אַנידערזעצען גראָד אַנטקעגען אונז און — ניין, ס'לאָזט זיך ווירקליך ניט דערצעהלען. נאָר כאָטש זי איז געווען אַזוי אומריין און האָט מיט אונז כמעט קיינמאָל קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, האָבען מיר זי דאָך ליעב געהאַט, יעדער איינער אויף זיין אופן, און קיינער פון אונז וואָלט ניט געקענט אויסקומען אָהן איהר. מיט אַזוי ווייניג האָבען מיר זיך סוף כל סוף בענוגענט.

מיר זיינען ניט געווען קיין מאַטראָזען, נאָר פישער. אַ מאַטראָז פאָהרט אַלץ ווייטער און ווייטער, קומט צו ערגעץ־וואו און ענדיגט אַמאָל זיין רייזע, ווי לאַנג זי זאָל ניט געוועהרען; אָבער מיר, מיר זיינען גע־לעגען שטיל, אייביג און אימער שטיל, מיט אַלע אונזערע אַנקערס אויף'ן ים. ס'איז אַזוי ווייט אַוועק, אַז מיר האָבען זיך סוף כל סוף שוין כמעט גאָר ניט געקענט דערמאָנען, ווי די יבשה זעהט אויס. מיר האָבען זיך זעהר שטאַרק פערענדערט. דאָס אייביגע ליגען אויף אַן אָרט האָט אינז מאָדנע תמ'עוואַטע, ווירקליך גאַנץ תמ'עוואַטע געמאַכט. מיר האָבען קיין אַנדער זאַך ניט געזעהן, אַחוץ נעבעל און ים, און קיין אַנדער זאַך ניט געהערט, אויסער ווינד און שטורם פון אויבען און אונטען; מיר האָבען זיך מיט קיין שום זאַך ניט אינטערעסירט און אויפגעהערט צו דייניקען וועגען וואָס עס איז. נאָך וואָס האָבען מיר דען געדאַרפט דיינקען? אונ־זער שטענדיגע בעשעפטיגונג מיט פיש האָט אונז אַליין געמאַכט פאַר פיש, פאַר מאָדנע, פליישיגע ים־חיות, וועלכע זיינען אַרומגעקראָכען אויף אַ שיף און האָבען גערעדט אַן אייגענע, בלויז פאַר אונז אַליין פער־שטענדיגע שפראַך.

מיר האָבען אויך ניט געלייענט, קיין זאַך האָבען מיר נישט גע־לייענט. קיין בריעף האָבען צו אונז דאָ אויף'ן מיטען ים ניט געקענט אָנקומען, און אַחוץ דעם האָט דער שאַרפער נעבעל, וועלכען מיר פלעגען איינזויגען, אונזער טעגליכע בעשעפטיגונג מיט רויהע פיש, אונ־זער שטענדיגעס זיין אויף'ן ים — דאָס אַלעס האָט אָבגעטויטעט אין אונז די גאַנצע לעבענס־פרייד אונזערע.

מיר האָבען געגעסען, געאַרבייט און געשלאָפען. דער איינציגער פון אונז, וועלכער האָט ניט אין גאַנצען פערלאָרען דעם קאָפּ אין האָט נאָך ווי עס איז געגומען אַן אַנטהייל אין לעבען, איז געווען דער פראַנצויז. איינמאָל האָט ער מיך אויף'ן שיף אָבגערופען אָן אַ זייט און מיט אַן ערנסטען טאָן געפרעגט:

„ווי מיינסט דו, אין דערהיים איז איצט אַ מלחמה?"

אַזוי גלייכגילטיג זיינען מיר געוואָרען צו אַלצדינג, אַז מיר האָבען כמעט מעהר ניט גערעדט איינע מיט די אַנדערע. מיר האָבען צו גוט

געוואוסט, וואָס פֿאַר אַן ענטפֿער ס'וועט קומען אויף יעטווערער פֿראַגע, און אַחוץ דעם איז געווען נאָך אַ צרה, דאָס וואָס ס'פֿלעגט אונז אָפֿט אָנקומען מיט גרויס מיה, זיך צו פֿערשטעהן איינער די אַנדערע. וואָס האָט עס געהאָלפֿען וואָס די אָפֿיציעלע שפראַך פֿון שיף איז געווען ענגליש! די האָלענדער אַזוי גוט ווי דער פֿראַנצויז זיינען געווען צו שטומפּיג און צו איינגעשפּאַרט, זי צו לערנען און אַז די רוסען אפילו האָבען געוואָלט זאָגען עפּעס אַ לעננערע זאַך, פֿלעגען זיי מיט פֿערדרוס אַריבערגעהן אין זייער איינענעם לשון. הקיצור, מיר זיינען אין יעדען פרט געווען הילפֿלאָז און פֿערלאָזען.

נאָר צייטענווייז, ווען מיר פֿלעגען אַזוי זיצען און ארויסציהען אונזערע נעצען פֿון ים, פֿלעגט פֿערבייפֿאָהרען אַן עמיגראַנטען־שיף, אַ געוואַלדיגער, שאָטענדיגער ריעז, וועלכער פֿלעגט אַ פֿייף טהאָן און טאַקי אין דעמזעלבען איינענבליק פֿערשווינדען אין נעבעל. אָט די געוואַלדיגע שדים, וועלכע פֿלעגען זיך ווייזען אויף אַ רגע און דאַן צוריק נעלם ווערן, פֿלעגען אויף אונז מאַכען אַ ניט־פֿריילינען איינדרוק. אַז ס'איז געווען פֿינסטער, בעת דאָס שיף פֿלעגט פֿערבייגעהן, און די לעמפּלאַך אַרום און אַרום דער גרויסער געביידע האָבען אונז עפּעס אַזוי ווי אָנגעקוקט מיט קיילעכדיגע, פֿייערדיגע אויגע, פֿלעגען מיר אָפֿט פֿון שרעק אין פֿערוואונדערונג אַ־ויסלאָזען אַ געשריי. אין אַ שטילען וועטער פֿלעגט דער לופֿט־דרוק פֿון דעם ־יעזיגען שד דערגרייכען ביז צו אונז, און אונזערע שיפֿלאַך פֿלעגען זיך דערנאָך, אַז דאָס שיף איז פֿערביי, אַ היבשע ווילע אַרומוויגען אויף די שווערע צורודערטע כוואַליעס.

ס'פֿלעגט אויך פֿאָרקומען, ווען דאָס וועטער איז געווען אַביסעל קלאָהר. אַז מיין שיפּס־קאַמעראַד וואַן טאַצעל, וועלכער האָט געהאַט אַ גוטע ראיה, האָט פֿון ווייטען געקענט דערזעהן אַ זעגעל־שיף; אָבער זיי פֿלעגען קיינמאָל ניט צוקומען אַזוי נאָהענט צו אונז, אַז מיר זאָלען קענען זעהן אַ לעבעדיגען נפש אויף זיי. מיר האָבען קיינמאָל קיין אַנדערע מענשען ניט געזעהן אַחוץ אונזערע איינענע: אַ קאָך, אַכט פֿישער און דעם האַלב־געלעהמטען קאַפּיטאַן מיט זיין פֿרוי.

מערקווירדיגע געמיטהס־שטימונגען האָבען צייטענווייז געקענט ארויסגערופֿען ווערן ביי אונז, בשעת מיר פֿלעגען זיצען אין די שיפֿלאַך און מיט אלע כוחות ציהען די שנורען און זיי כמעט נישט קענען אַרויסקריגען פֿון וואַסער: עפּעס פֿלעגט זיך אונז דעמאָלט אָבדוכטען, אַז טיעף טיעף אונטען זיינען פֿאַרהאַן פֿערבאָרגענע הענד, וואָס האַלטען פֿעסט צו אונזערע נעצען. מיט קלאַפּענדע הערצער און איינפֿאַך פֿערריקט פֿאַר פחד פֿלעגען מיר שרייען איינע צו די אַנדערע. מיר פֿלעגען פֿערגעסען וואו מיר זיינען און וואָס מיר טהוען, מיר פֿלעגען ווערן מורא'דיג אויפגערעגט דורך דעם ראָזיגען קאַמפּף מיט די אונזיכטבאַרע מעכטע פֿון

דער טיעפֿעניש פֿון ים, וועלכע האָבען בשום אופן ניט געוואָלט אָבלאָזען, וואָס זיי האָבען איינמאָל געפּאַקט אין די הענד.

אַז איינער פֿון די פֿישער פֿלעגט קריגען אַזאַ מין אָנפֿאַל, האָט מען ביי אונז געזאָגט, אַז ער בעט זיך אויס אַ „גוטען וועטער", מחמת מיר האָבען געמיינט, דער נעבעל איז שולדיג אין דעם. צייטענווייז, בעת מיר זיינען געזעסען אין געטרונקען, איז אונז אויך פֿאָרגעקומען, אַזוי ווי וואונדערליכע, פֿאַנטאַסטישע ברואים וואָלטען אַרונטערגעקוקט צו אונז פֿון דעם נעבעל אויף'ן ים, וואָלטען אונז צוגעשאָקעלט מיט זייערע גרויסע, בעוואַקסענע קעפּ און דערנאָך פֿערשווינדען. אין צופֿלאָסענע, משוגע'נע געשטאַלטען האָבען אַרומגעשוועבט אין דעם ווייסען רויך, גרוים ווי די בערג; זיי האָבען געפֿלאָסען אַהין און אַהער, וואו דער ווינד האָט זיי געטראָגען, שוועבענדיג אין שווערע טריט פֿון מערב צו מזרח; זיי האָבען זיך געקאַטשעט אין דער לופֿטען מיט זייערע טומאַנע גליעדער און אין אונגעהייער גרויסע מאַנטלען, וועלכע האָבען זיי נאָכגעפֿלאַטערט.

וואַן טאַצעל און איך האָבען איינמאָל געזעהן אַ סצענע, ביי וועלכער מיר זיינען שיער ניט פֿערגליווערט געוואָרען פֿון שרעק: ס'איז געווען אַ פֿינסטערער אָוונד, ווען מיר האָבען אויסגעלייגט אונזערע נעצען; מיר האָבען געזעהן אַ מאַן, וועלכער האָט זיך געשאָקעלט אַרויף און אַראָב אין דער לופֿטען, דער גאַנצער קאָפּ זיינער איז געווען הוילע פֿלאַמען, ער האָט געבלאָזען ווי אַ שטורם־ווינד, מיר האָבען עס ביידע געהערט. אין אַ ווײַלע אַרום איז דורכגעלאָפֿען אַ שיף פֿערביי אונז; מיר האָבען דערלאַנגט אַ געשריי, בעת דאָס שיף האָט אַ פֿייף געטהאָן; דערנאָך איז עס פֿערשוואונדען...

אָבער פֿאַרמיטאָג, ווען מיר פֿלעגען אַרויסציהען אונזערע נעצען פֿון ים און צוריקקומען מיט די פֿול־געלאָדענע שיפֿלאַך אויף דעם „קאָנגאָ", האָט אונז דער גוטער פֿאַנג און די צופֿרידענהייט, וואָס מיר האָבען אָבגעטהאָן די ערגסטע אַ־בייט פֿאַר דיזען טאָג, אָפּט געמאַכט גאָר אויף אַן אַנדער אופן משוגע און אויפֿגערעגט: אַזוי פֿלעגט עס אָפֿטמאָל טרעפֿען, אַז מיר פֿלעגען האָבען אַ גאַנץ אונגאַטירליכען פֿערגניגען צו מיסהאַנדלען די פֿיש, גאַנץ איינפֿאַך מיסהאַנדלען אונזערע איינענע פֿיש. דער עיקר זיינען די ביידע רוסען געווען פֿערריקט אין דעם. זיי פֿלעגען אָננעהמען די גרויסע פֿיש ביי די קעפּ, אַריינרוקען די פֿינגער אין די ווייכע אויגען זייערע און זיי האַלטען אַזוי אין דער הויך, און בעת מעשה פֿלעגען זיי קוקען אויף זיי און לאַכען מיט אַ מאָרנעם געלעכטער.

איינמאָל האָב איך בעמערקט, ווי איינער פֿון די רוסען האָט איינגעביסען אין אַ רויהען פֿיש, אַריינגעזעצט די צייהן טיעף אין איהם און איהם אַזוי געהאַלטען אַן ערך צוויי מינוט צייט, פֿערמאַכענדיג בעת מעשה די אויגען.

אָט די פֿעסטע טויטע פֿיש האָבן איבערהויפּט זעהר שטאַרק גע־ ווירקט אויף אונז אַלעמען; מיר פֿלעגען זיך צוקאָכען, ווען מיר פֿלעגען אויפּעפּענען די גלאַטע לייבער זייערע; לעבעדיגערהייט פֿלעגען מיר זיי אויפשניידען דעם גאַנצען בויך, אַ לאַנגע צייט ראַיען מיט די הענד ביי זיי אין די געדערים און זיך אויסשמירען מיט זייער בלוט, כאָטש ס'איז גאָר ניט נייטיג געווען.

דער פֿראַנצויז האָט זיך שטענדיג צוריקגעהאַלטען פֿון די דאָזיגע טהיערישע תאוות; דערפֿאַר אָבער איז ער פשוט משוגע געוואָרען פֿאַר דעם קאַפּיטאַן'ס פֿרוי. אַזוי שטאַרק איז זיין ליידענשאַפֿט געווען, אַז ער האָט זיך ניט געקענט בעהאַלטען דערמיט. ער האָט עס אונז אַלעמען גאַנץ אָפֿען געזאָגט. „כ'ליעב זי, יאָ, זאָל מיר גאָט אַזוי העלפֿען ווי ליעב איך האָב זי!" פֿלעגט ער זאָגען עטליכע מאָל א'ן טאָג.

איינער פֿון די נעגערס, וועמען מיר פֿלעגען רופֿען „דאָקטאָר", ווייל ער האָט אַמאָל אין דער יוגענד שטודירט אַביסעל מעדיצין, איז אויך געווען שטאַרק פֿערליעבט אין איהר. איך וואָלט איהם דערמאָלט, בעת ער האָט עס מיר דערצעהלט, נאָר אויס אייפֿערזוכט אַליין געקענט דער־ שלאָגען אויף טויט. וואָרים אויך מיר איז עס ניט בעסער געגאַנגען.

אָבער זי אַליין איז אַרומגעגאַנגען מאָגער און דום און שרעקליך שמוציג און האָט גאָרנישט בעמערקט פֿון דעם אַלעמען. זי האָט אפילו אין אונזער זייט ניט אַ קוק געטהאָן. איינמאָל האָב איך גע־האַט עפּעס צו טהאָן אויבען אויף'ן פֿאָרדעק, וואו זי איז גראָד געזעסען אויף איהר ביינקעל און געקוקט סתם אין דער וועלט אַ־יין. מיט אַמאָל האָב איך זיך פֿערטשעפּעט אין אַ שטריק און בין שיער ניט אומגעפֿאַלען. דאָס האָט מיר אַזוי שטאַרק פֿערדראָסען, אַז איך האָב זיך אומגעדרעהט און דעם דאָזיגען שטריק גאַנץ נאַריש אָנגעקוקט, אָנשטאָט צו געהן ווייטער מיין וועג, און איך האָב בפירוש געמוזט אויסזעהן זעהר לעכערליך דער־ ביי. פֿאַרוואָס זשע האָט זי זיך ניט צולאַכט? און נאָך וואָס האָט זי די גאַנצע צייט געקוקט אויף מיר, אויב ניט צו לאַכען? זי האָט קיין שום פֿערלאַנג ניט געהאַט צו קיין זאַך; ס'האָט זיך קיין שום מינע ניט גע־ וויזען אויף איהר געזיכט.

„זי וועט אַזוי פֿערפֿוילט ווערן לעבעדיגערהייט!" האָט וואַן טאַצעל אין זיין פֿערריקטער שפּראַך געזאָגט; „וויים גאָט, זי וועט פֿערפֿוילט ווערען!"

און דאָך וואָלט קיינער פֿון אונז פֿאַר קיין זאַך אין דער וועלט ניט געוואָלט לויז ווערן פֿון איהר...

אַז די פֿיש זיינען געווען „צורעכט געמאַכט" און די נעצען ווידער אויסגעלייגט, איז די אַרבייט אונזערע פֿאַר'ן טאָג פֿאַ־טיג געווען, און מיר האָבען פֿערבראַכט אַ שעה אָדער צוויי ביים עסען און רויכערן טאַ־ באַק. און דערנאָך פֿלעגען מיר אַרונטערגעהן אין די קאַיוטע שלאָפֿען.

אַז מיר זיינען ניט געווען צו מיעד, האָבען מיר אָפּטמאָל געקענט אַביסעל פּלוידערן איינע מיט די אַנדערע און זאָגאַר זיך דערצעהלען אַלערליי געשיכטען, אַלעס אין אַ פֿערדאָרבענער און אונפֿאָלהאָמענער שפּראַך, פֿול מיט קללות און מיט מיאוס'ע ווערטער... דער פֿראַנצויז פֿלעגט דערצעהלען אַ מעשה מיט אַ מאַן, וואָס „האָט ניט געקענט אַ קיק טהאָן אויף אַ פֿרוי, ער זאָל זי ניט בעגעהרען", און אָט די מעשה האָט ער שוין שעהנע עטליכע מאָל דערצעהלט, אַלץ מיט דעם זעלבען ערפֿאָלג. די רוסען זיינען געווען שטאַרק ענטציקט דערפֿון און זיי האָ־בען געלאַכט אָהן אויפֿהער, בעת ער האָט עס דערצעהלט. זייער פֿרייד איבער די אויסגעלאַסענע געשיכטע איז געווען אַזוי אויפֿריכטיג ווי ביי קינדער. זיי פֿלעגען פֿערקרימען דעם מויל און זיך אַרומוואַרפֿען פֿון אויפֿרעגונג אין די בעטלאַך אַהין און אַהער. „נאַ, און דאַן?" האָבען זיי געהאַלטען אין איין פֿרעגען. „וואָס איז ווייטער געווען?" און דאָך האָבען זיי געוואוסט אָקוראַט ווי מיר אַלע, ווי אַזוי אַלעס איז צו־גענאַנגען.

וואַן טאַצעל ווידער איז קיינמאָל ניט געווען אַזוי גליקליך, ווען ער האָט דערצעהלט זיין געשיכטע; זעלטען ווען מיר האָבען זי געקענט אויסהערן. מיר האָבען איהם אַזוי שלעכט פֿערשטאַנען, ער האָט געקענט אַזוי ווייניג ענגליש, און דערצו האָט ער נאָך פֿערדרעהט דאָס ביסעלע, וואָס ער האָט געקענט אויך. אַז ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגען און איז פּלוצלינג געבליבען שטעקען אין מיטען, האָט ער זיך אומגעקוקט צו אונז אַלעמען מיט זיין פֿערצווייפֿעלטען פּנים און האָט ניט געוואוסט ווי אַזוי אַרויסצוקריכען. ס'איז ווירקליך געווען אַ רחמנות אויף איהם.

וואַן טאַצעל איז געווען דער עלטסטער פֿון די האָלענדער. אַן אַלט פֿערד, טויבליך, אָבער אַזוי אַ גאַנץ גוטער און פֿריינדליכער מענש. ער האָט שטענדיג געטראָגען שטיקער וואַטע אין די אויערן, זומער און ווינ־טער, גרויסע שטיקער וואַטע, וועלכע זיינען פֿון אַלטקייט און אומריינ־קייט געווען גאַנץ געל. ער האָט געהאַט אַן אויסערגעוועהנליך אומגע־לומפּערטע געשטאַלט. דער ים האָט איהם געמאַכט פּאַר אַ קליין קינד און ער האָט ניט געקענט בעגרייפֿען קיין שום זאַך, וואָס איז געווען אַביסעל ווייטער פֿון זיין שפּיץ נאָז. ליגענדיג אין זיין בעטעל, פֿלעגט ער רויכערן זיין שטאַרקען טאַבאַק, האַלטען אין איין שפּייען, און ער פֿלעגט כסדר אָנפֿאַנגען זיין ערצעהלונג אויף אַזאַ מין אופֿן:

„ס'איז געווען אמאָל אָוועגד־צייט אין אַמסטערדאַם," האָט ער גע־זאָגט, „ס'איז געווען אַן אָוועגד אין אַמסטערדאַם. כ'האָב גראָד דעמאָלט זיך אָבגעבעטען אויף עטליכע טעג, און עס איז געווען מיין לעצטער אָוועגד אויף דער יבשה. כ'קען זיך ניט דערמאָנען, וויפֿיעל אַ זייגער ס'איז געווען, נאָר ס'איז שוין געווען זעהר שפּעט," האָט וואַן טאַצעל

געזאָגט. „איך בין נאָך וואָס געווען אַרויסגעקומען פון אַ ביערהויז און האָב זיך געלאָזט געהן צום שיף, פאַלט מיר איין צוערשט פערקאַט־שען די הויזען מיינע. כ'קען זיך נאָך דערמאָנען, אַז איך האָב געמאַכט צוויי קנייטשען אויף יעדע הויז. אָבער נאָך אַלעמען בין איך געווען אַזוי שכור, אַז איך בין בשעת'ן פערקאַטשען די הויזען געפאַלען אויף די קניע. דאַן האָב איך זיך אויפגעהויבען און בין צוגעגאַנגען ביז צו דער לעאָפאָלד־גאַס. מיט אַמאָל האָט פאַסירט עפעס—עפעס, וואָס האָט מיך אַ פּאַק געטהאָן. מחמת איך בין שוין מעהר ניט שכור געווען, בעת איך האָב זי דערזעהן; זי איז געווען גאַנץ נאָהענט הינטער מיר אין מיטען גאַס—איהר קענט מיר גלויבען צי ניט, נאָר ס'איז געווען אַ דאַמע."

דער אַלטער נאַר זעצט זיך אויף אין זיין בעטעל און קוקט אונז אָן. „אַ פיינע דאַמע!" זאָגט ער. און ווייטער געהט עס ניט. זיין ענגליש גרייכט ניט ווייטער, ער קומט ניט פון פלעק.

„וואָס זשע, טאַקי אַן אמת'ע דאַמע איז דיר נאָכגעגאַנגען אויף די גאַסען פון אַמסטערדאַם?" פרעגט דער „דאָקטאָר", צושאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ פון זיין בעטעל.

„יאָ, אַ דאַמע!" זאָגט ער ענטציקט און אַ געלעכטער צוגיסט זיך איהם איבערן גאַנצען געזיכט. דערביי צוקאָכט ער זיך אַזוי שטאַרק, אַז ער ווידערהאָלט עס אַ פּאָר מאָל, און מיר ווערען אַלע שיער ניט צופלאַצט פון געלעכטער. ער פּרואווט ווייטער דערצעהלען, נאָר ער בלייבט ווידער שטעקען אין מיטען; ס'איז איהם ניט מעגליך, צו קומען אַ טריט ווייטער. ער מוטשעט זיך אָב דעם אַלטען מוח זיינעם, שטרענגט זיך מורא'דיג אָן, צו געפינען אַ וואָרט, וואָס זאָל אונז קענען קלאָהר מאַכען דעם עסק; אָבער ער שווייגט שטיל ווי אַ קאָטינקע. עפעס ווילט זיך איהם אַזוי שטאַרק, זיך אויסריידען גראָד איבער דעם דאָזיגען ענין; און פלוצלינג, ווען ער ווערט אין גאַנצען איבערוועלטיגט פון דער ער־אינערינג מכח דער דאָזיגער דאַמע, און אויס פערצווייפלונג וואָס ער קען זיך ניט אויסדריקען, דערלאַנגט זיך אַ גאָס אַרויס פון איהם אַ גרויסער שטראָם מיט וואונדערליכע ווערטער אין זיין אייגענער שפראַך, וואָס קיין איינציגער פון אונז קען ניט פערשטעהן, אַחוץ זיין לאַנדסמאַן, וועלכער ליגט און כאָפעט דאָרט אין'ם אַנדערן בעטעל.

דאָס איז געווען וואַן טאַצעל'ס געשיכטע, די איינציגע, וואָס ער האָט געקענט, און וועלכע האָט זיך תמיד דאָ געענדיגט. מיר האָבען זי אַזויפיעל מאָל געהערט. זי האָט זיך כסדר אָנגעפאַנגען אויף דעם זעל־בען אופן מיט דעם אָוועגד אין אַמסטערדאַם. ס'איז געווען אַ גלויבליכע מעשה, און קיינער פון אונז האָט ניט געצווייפעלט דעריין.

דערנאָך זיינען מיר געלעגען אַ ווייל און זיך פערטראַכט מכח די דאָזיגע ערצעהלונגען, בעת ווען דער ים אויף דרויסען האָט געליאַרמט,

דער לאָמפּ האָט זיך אַרומגעוואָרפֿען אַהין און אַהער אין זיין מעשענעם רינג און די וואַך־לייט מיט זייערע הילצערנע שיך האָבען אונז איבען געקלאַפּט איבער'ן קאָפּ. דאַן איז געקומען די נאַכט...

נאָר צייטענווייז פֿלעג איך זיך אויפֿכאַפּען אַרום האַלבע נאַכט, האַלב דערשטיקט פֿון דער שווערער לופֿט פֿון אָט דעם גאַנצען פּאַק מענשענפֿלייש, וואָס האָט זיך געקאַטשעט אין ווילדע חלומות און אַראָב־געשאַרט די קאָלדרעס פֿון זיך. דער לאָמפּ האָט אַראָבגעשיינט אויף די אומגעלומפערטע קערפּער אין די גראָע וואָלענע העמדער. די רוסען מיט זייערע פּאָר לאַנגע בערד האָבען אויסגעזעהן ווי שלאָפֿענדע ים־הינט, און זייערע דיקע, נאַקעטע פֿיס האָבען אויסגעקוקט ווי גרויסע לאַנגע האַנד־שוה.

פֿון יעדען בעטעל האָבען זיך געלאָזט הערען קרעכצען און האַלבע ווערטער; די נעגער זיינען געלעגען און האָבען אויסגעשטשירעט זייערע ווייסע צייהנער און גערעדט הויך אויף'ן קול, אָנגערופֿען אַ נאָמען און אָנגעבלאָזען די שוואַרצע באַקען זייערע.

פֿון'ם בעטעל פֿון דעם יונגען האָלענדער האָט מען אַלע ווייל געקענט הערען מיט אַ לאַכענדיגען ניגון דעמזעלבען נאָמען, און צווישען דעם אַ כראָפּעריי און אַ שטילען געוויין — דעם נאָמען פֿון דעם קאַ־פּיטאַן'ס פֿרוי. אַלע האָבען זיך בעשעפֿטיגט מיט איהר. אָט די מיאוס'ע חיות האָבען זאָגאַר אין שלאָף גערעדט פֿון איהר, יעדער איינער אין זיין שפּראַך. זיי זיינען געלעגען און געכראָפּעט מיט פֿערמאַכטע אויגען און האָבען אַרויסגעבורטשעט די אונפֿערשעהמטעסטע ווערטער, און געשמיי־כעלט און די צונג אַרויסגעשטעקט. נאָר וואַן טאַצעל איז זיך געשלאָפֿען רוהיג, געזונד און פֿריעדליך, ווי אַ שטומע חיה.

דער שאַרפֿער ריח פֿון דער קאַיוטע, דער רויך פֿון טאַבאַק, דער גערוך נאָך שוויצענדע מענשען און נאָך די פֿיש,—דאָס אַלעס האָט זיך אויסגעמישט אינאיינעם און איז געוואָרען אַ שווערער, דריקענדער רויך, וואָס האָט זיך געלייגט אויף מיינע אויגען, אַזוי גיך ווי איך האָב זיי געעפֿענט. און איך בין ווידער אַנשלאָפֿען געוואָרען, און אַ אונגעהייער גרויסע בלום האָט זיך אַרויפֿגעזעצט אויף מיר אַזוי ווי אַן אַלפּ און האָט זיך אַרויפֿגעלייגט אויף מיר און מיך אַריינגעזויגען אין איהרע נאַסע בלעטער, האָט מיך דערשטיקט, רוהיג און זיכער, לאַנגזאַם און שטילער־הייט. און איך האָב מעהר ניט געוואוסט פֿון דער וועלט...

דאַן איז געקומען די וואַך און האָט מיך אויפֿגעוועקט.

ביבליאָטהעק
„ארבייטער פריינד"
נומער 8.

עליזעע רעקלו.

דער אידעאל און די יוגענד.

איבערזעצט פון
רודאלף ראקער.

הערויסגעגעבען פון דער
גרופּע סאלידאריטעט
לאָנדאָן, דעצעמבער 1905.

אַרבייטער פריינד דרוקעריי.

דער אידעאַל און די יוגענד.

אויב דאָס וואָרט אידעאַל האָט ווירקליך אַ רעעלע בעדייטונג, דאַן ענטהאַלט עס אין זיך פֿיעל מעהר ווי די אונבעשטימטע בענקעניש נאָך אַ בעסערן צושטאַנד, דעם שמערצליכען זוכען נאָך גליק און דעם אונגעדולדיגען וואונש, צו שאַפֿען אַזעלכע אומשטענדען׳ וועלכע זאָלען ניט זיין אַזוי שלעכט און טרויעריג ווי אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט, ניין, אַזאַ ערקלעהרונג פֿון דעם וואָרט אידעאַל איז צו אונבעשטימט, צו אַלגעמיין, און ווען מיר ווילען געבען דיזען אויסדרוק אַ קלאָהרע בעדייטונג, מוזען מיר פֿריהער פֿערענטפֿערען די פֿראַגע: „וואָס איז די אורזאַכע פֿון די שטענדיגע בענקעניש, וועלכע עקזיסטירט אין די הערצער פֿון אַלע מענשען?” מיר דאַרפֿען אַלזאָ אונטערזוכען די גרונדלאַגען פֿון דעם אידעאַל.

עס גיט מענשען, וועלכע זעהען זייער אידעאַל אין דער פֿערגאַנגענהייט, אין דער קינדהייטס־פּעריאָדע פֿון דער מענשהייט. זייער אידעאַל איז די אָבלייקנונג פֿון דער וויסענשאַפֿט, די שקלאַפֿישע אונטערוואַרפֿונג פֿאַר דער ברוטאַלער הערשאַפֿט פֿון דעם הימלישען טיראַן, דעם דונער־גאָט פֿון באַרג סיני, דער בלינדער גלויבען און די אויטאָריטעט פֿון משה רבינו, דעם אָפֿיציעלען פֿערטרעטער פֿון׳ם געטליכען ווילען אויף דער ערד.

דיזע פֿאָרשטעלונג איז די אַבסאָלוטע ענטזאַגונג פֿון פֿרייהייט און מענשליכער ווירדע, די בלינדע אונטערוואַרפֿונג אונטער דעם יאָך פֿון דער אויטאָריטעט; זי איז דער אַבסאָלוטער געגענזאַץ פֿון דעם אַנאַרכיסטישען אידעאַל. די אַנאַרכיסטען האָבען אויפֿגעשטעלט די שטאָלצע פֿאָדערונג פֿון פֿאָלקאָמענער אינדיווידועלער פֿרייהייט און פֿרייוויליגער טהעטיגקייט אין דער

געזעלשאַפט, און זיי ווילען שאַפען דיזע פרייווילינע טהעטינקייט דורך די פערניכטונג פון אַלע אויטאָריטערע בעשטימונגען און די אָבשאַפונג פון דעם פריוואַט־אייגענטהום; דורך די געגענזייטיגע רעספעקטירונג און די פער־ניגפטיגע האַרמאָניע פון די געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען מיט די נאַטור־געזעצע. צווישען דיזעביידע אידעאַלען, דעם אידעאַל פון דער הערשאַפט און דעם אידעאַל פון דער אַנאַרכיע, קען עס ניט געבען קיין קאָמפּראָמיס, קיין פעראייניגונג, קאָנסערוואַטיווע און ראַדיקאַלען, ליבעראַלען און דעמאָ־קראַטען און זאָגאַר פיעלע סאָציאַליסטען, זיי אַלע זיינען ניט מעהר ווי פאָ־ליטישע פורים־שפּיעלער. וועלכע ווילען אָבהאַלטען די גאָלדענע צוקונפט, מיט דעם וואָס זיי ווילען פערמאַכען מיט אַ פּאָר מאָגערע ברעקלעך די הונגעריגע מיילער פון די יעניגע, וועלכע האָבען אַ רעכט אויף דער גאַנצער וועלט. דער מענש האָט נאָר צוויי וועגען זיך צו בעפרייען פון די לייד־דען און שמערצען פון זיין ענטוויקלונג: אָדער זיין פערזענליכקייט געהט אין גאַנצען אונטער אין דער גאָטהייט אָדער ער ווערט זיין אייגענער הערר, אַ פּרינציפּיעלער פיינד פון יעדער אויטאָריטעט.

פאַר אונז איז יעצט נאָר דאָס אַנאַרכיסטישע אידעאַל פון וויכטיגקייט, די מייסטע יונגע לייט מיט זייער הערליכע לעבענס־קראַפט, זיינען בעוואוסט אָדער אונבעוואוסט דורכדרונגען פון דיזע געדאַנקען אין שטרבונגען. ליידער האַנדעלט און דענקט די מעהרצאָהל נאָר אונבעוואוסט. זייערע געדאַנקען וואַנדערן אַרום איבעראַל אָהן אַ בעשטימטען ציעל; זיי זיינען סקעפּטיקער און פּעסימיסטען אין דער־טהעאָריע, נאָר צום גליק שטעהען זייערע האַנד־לונגען ניט אין אַנקלאַנג מיט זייערע אַנשויאונגען. פריהער פון אַלעם מוזען מיר בעקעמפּפען דאָס פערצווייפעלטע געפיהל פון האָפנונגסלאָזיגקייט, וועלכעס בעהערשט אַ גרויסען טהייל פון אונזער היינטיגער יוגענד. וואָס פאַר אַ ווערדע וואָלט דען געהאַט די גאַנצע צוקונפט, אויב די טהעאָריע, אַז „עס גיט ניט קיין נייעס אויף דיזער ערד", וואָלט געוועזען אַ ריכטיגע? וואָס פאַר אַ ווערדע וואָלט געהאַט דער גאַנצער לעבען, אויך אַלע מענש־ליכע קעמפּפע וואָלטען נאָר געוועזען די רעזולטאַטען פון דער ברוטאַלער באַרבאַרישער געוואַלט; אויב עס וואָלט געוועזען אַ נאַטירליכעס געזעץ, אַז דער שוואַכער מוז בעהערשט און אונטערדריקט ווערען פון דעם שטאַרקען? וואָס פאַר אַ נוצען וואָלט עס דאַן געבראַכט, צו ריידען און טרוימען פון בעסערע סאָציאַלע אומשטענדען, פון אַ נעזעלשאַפט, וואו עס וועט געבען ברויט, פרייהייט און גערעכטיגקייט פאַר אַלעמען? אונזערע ווערטער וואָל־טען דאַן געוועזען ניט מעהר ווי אַ פוסטער קלאַנג, און דער קלוגער וואָלט צופירען געוועזען צו עסען און טרינקען, און לעבען אַ גוטען טאָג. צו נעה־

מען דאָס לעבען אַזוי ווי עס איז, דאָס וואָלט דאַן געווען די אמת'ע פילאָזאָפיע; און אויב די ליידען און שמערצען וואָלטען געוואָרען צו שטארק, דאַן צום טייוועל מיט דעם גאַנצען לעבען: אַ שטיקעל בליי אָדער אַ פּאָר טראָפּען גיפט און די לעבערליכע קאָמעדיע פון אונזער דאַזיין וואָלט זיך געענדיגט.

עס איז וואַהר, אַז דער זעלבסטמאָרד איז אין אַלגעמיין אַ זעלטענע ערשיינונג ביי דער יוגענד, אָבער די אַנשויאונגען, וועלכע רעכטפּערטיגען איהם, זיינען זעהר שטאַרק פערברייטעט. און אויסערדעם גיט עס נאָך אַן אַנדער אַרט פון זעלבסטמאָרד, וועלכער ווערט בעגאַנגען אָהן בלוט, אָהן געוואַלד. די בעסטע מעטהאָדע אָבצושטעלען דעם לעבען אין פאַלען זין פון וואָרט, איז צו דערשטיקען די טהעטיגקייט פון דעם גייסט, זיך איינרייידענדיג, אַז עס גיט ניט קיין זאַך אין דער וועלט, וועלכע איז ווערטה מיר זאָלען זיך מיט איהר בעשעפטיגען. צו שווימען ווי אַ שטיקעל שטרוי אויף די כוואַלעס פון ים, יעדע מיינונג אויסצובאָרגען פון אַנדערע אין איהר גע־דאַנקענלאָז נאָכפלאַפּלען ווי אַ פּאָפּאָגיי; צו קוקען מיט פעראַכטונג אויף יעדע זעלבסטשטענדיגע און אונאַבהענגיגע שטרעבונג און פאָרשונג, אויך דאָס איז אַ בעזונדערע אַרט פון זעלבסטמאָרד. עס איז וואַהר, אַז מיר קענען זיך ניט מעהר צוריקקעהרען צו דעם אַבערגלויבען פון די פערגאַנגענע יאַהרהונדערטע, ווייל די פערגאַנגענהייט לאָזט זיך ניט מעהר לעבעדיג מאַכען, אָבער טראָץ דעם רעכנען זיך דיזע טויט־לעבעדיגע אָדער, אויב עס קלינגט בעסער, דיזע לעבעדיג־טויטע צו דער גלויביגער מאַסע, זיי ריידען איבער רעליגיאָן און רעליגיעזע דינים און אין דער פּראַקטיק פיהרען זיי אַ לעבען, וועלכעס די רעליגיאָן פערדאַמט. ניט האָבענדיג גענוג כאַראַקטער און ווילענסקראַפט צו זוכען די וואַהרהייט, ווערען זיי פייגע היפּאָקריטען און אַזוי עררייכען זיי ביסלעכווייז דעם ציעל, וועלכען זיי האָבען געזוכט, די פערניכטונג פון אַלע עדעלע און ערהאַבענע אייגענשאַפטען אין'ם מענשען. דאָס איז דער ווירקליכער טויט; עס איז ניט קיין אונטערשיעד, צו דאָס האַרץ שטעלט זיך אָב מיט אַמאָל אָדער ביסלעכווייז, דיזע טהאַטזאַכע אַליין איז גענוג, אַז דיזע מענשען זאָלען זיך לאָזען בעגראָבען וואָס צום גיכסטען, דען זיי זיינען דאָך נאָר לעבעדיגע מתים.

זאָלען די פּעסימיסטען פערשטאָפּען די אויערען, זאָלען זיי פערמאַכען די אויגען, זיי בעגרייפען טראָץ דעם, אַז מיר שטעהען פאַר אַ נייע צוקונפט. אַזוי ווי פּאַסאַזשירען אויף אַ שיף, וועלכע פאָהרען איבער אַ ווילדען ים, בעמערקען זיי דעם טרייסלען פון די ווענד, דעם געברויש פון די כוואַליעס און אינסטינקטיוו פיהלען זיי שוין אין פאָראויס די געפאַהר פון דעם קומענדען שטורם. די צוקונפט וואַרפט איהר דונקעלען שאָטען אויף דער גע־

גענוואַרט. די סאָציאַלע פֿראַגע, אָדער ווי זיי רופֿען עס, די „סאָציאַלע פֿראַגען", בילדען די הויפּטאורזאַכע פֿון זייערע זאָרגען, און זיי ווייסען גאַנץ גוט, אַז עס גיט ניט קיין אָבהאַלט, וועלכער זאָל זיין אימשטאַנד צו פֿערהינדערן די לייזונג פֿון דיזער פֿראגע. די נייע צייט שטעהט שוין פֿאַר דער טהיר, און די גרויסע אויפֿגאַבע פֿאָדערט אַ לייזונג.

אונטער די ווערטער, וועלכע מען האָט דעם מיטהאָלאָגישען קריסטוס אין מויל אַריינגעלייגט, געפֿינט זיך אויך אַן אויסדרוק, וועלכער ווערט ווידערהאָלט פֿון די פֿרומע פֿאַנאַטיקער און היפּאָקריטען מיט אַ הייליגען פֿערגעניגען, „איהר וועט שטענדיג האָבען אָרימע אָרום אייך!" אָבער אויס דעם טיעפֿסטען אַבגרונד פֿון דער געזעלשאַפֿט הייבט זיך היינט אויף אַ געשריי: „וואַרום שטענדיג?" ביז ניט לאַנג צוריק האָבען פֿיעלע געגלויבט, אַז די ערד פּראָדוציר'ט ניט גענוג לעבענס־מיטלען פֿאַר איהרע בעוואָהנער, און ווער עס וויל האָבען אַ גוטען ביסען, מוז קעמפּפען מיט זיינע מיטמענשען, אַזוי ווי די חזירים רייסען זיך אָרום ביי דער קאָרעטע. דאָס איז נאָך היינט די לעהרע פֿון איינִיגע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמען, און די אַנהיינגער פֿון דיזער לעהרע פֿערטהיידיגען איהר מיט דער גרעסטער ערענסטקייט, נאָכדעם ווי זיי האָבען פֿריהער אָבגעגעסען אַ גוטען דינער, אָבער די אָרעמע און עלענדע האָבען היינט בעגריפֿען, אַז די ערד איז רייך גענוג, אום אַלע מענשען זאָלען קענען לעבען גלייך און פֿריי און בעפֿרידיגען זייערע בעדירפֿניסע. גלויבט איהר, אַז דער פֿורכטבאַרער קאַמפּף וועט נאָך געדויערן אַ לאַנגע צייט, נאָך דעם ווי דער מענשליכער גייסט האָט בעגריפֿען דיזע וואַהרהייט? ניין, און טויזענד מאָל ניין! אַ נייע געזעלשאַפֿט וועט זיך ענטוויקלען, וועלכע וועט שטעהן אין אַנקלאַנג מיט אונזער גייסטיגער ערקענטניס. ניט לאַנג מעהר וועלען מיר זיי הערען די שרעקליכע און טרויריגע שטימען, וועלכע שרייען אויס דעם אַבגרונד פֿון פֿערצווייפֿלונג: „ברויט! ברויט!" די שטימע, וועלכע רויבען אַוועק יעדע לוסט און פֿרייד צום לעבען.

מיר זיינען ניט מעהר ווייט פֿון אַ גרויסען ענטשיידונגס־פּונקט אין דער מענשליכער געשיכטע. אַלע סאָציאַלע בעוועגונגען אין דער פֿערגאַנגענהייט זיינען אַרויסגערופֿען געוואָרען דורך די זעלבע אורזאַכען אין טויזענדער פֿערשידענע פֿאָרמען. דער מאַנגעל אין ברויט, דיעזע אייביגע קוועלע פֿון האַס און קאַמפּף וועט ניט מעהר לאַנג עקזיסטירען. די אַרבייטער פֿון דער גאַנצער וועלט זיינען פֿערטיג אַריינצונעהמען זייערע אַנגעלעגענהייטען אין זייערע הענד. ווען אויך די צייט פֿון אַ מענשליכען לעבען איז זעהר אַ קורצע, אין פֿערגלייך מיט דער לאַנגזאַמער ענטוויקלונג פֿון דער גאַנצער מענשהייט, גלויב איך דאָך, אַז פֿיעלע פֿון אונז וועלען נאָך זעהן די געוואַל־

טיגע אומוועלצונגען פֿון דער ציקונפֿט, און מיר אַלע וועלען האַלטען אָפֿען די אויגען, צו בעגריסען דאָס מאָרגענרויט פֿון דעם נייעם טאָג. און אין דיזער מערקווירדיגער פעריאָדע געפֿינען זיך נאָך יונגע לייט, וועלכע קימערן זיך ניט פֿאַר דער צוקונפֿט און פֿיהרען אַ לאַנגווייליגען און אַ טרויריגען דאַזיין, דענקענדיג אַז זייער לעבען האָט איבערהויפּט קיין ווערדע ניט,

עס איז פֿאַר מיר אַ זעלבסטפֿערשטענדליכע וואַהרהייט, אַז פונקט די יוגענד, די עדעלע, פֿייעריגע יוגענד זאָל עפֿענען די טהויערען פֿון דער נייער צייט און בעגריסען די צוקונפֿט מיט גליהענדער בעגייסטערונג. מיר וויסען, מיט וואָס פֿאַר אַן ענטהוזיאַזמוס די דייטשע שטודענטען האָבען זיך צוגעגרייט צום קאַמפף, אום צו צוברעכען די טיראַניי פֿון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטען; מיר וויסען די גלענצענדע געשיכטע פֿון די יונגע פֿראַנ- צויזישע שטודענטען, וועלכע האָבען פֿערטהיידיגט די אַלגעמיינע רעכטע געגען די פֿינסטערע מאַכט פֿון רעאַקציאָן אין דער לעצטער צייט פֿון דער בורבאָנישער דינאַסטיע און קורץ בעפֿאָר דעם אויסברוך פֿון דער רעוואָלו- ציאָן אין 1848. אין יענע צייטען זיינען די שטודענטען נאָך ניט געוועזען אַזוי גרויס אין צאָהל ווי היינט, אָבער טראָץ דעם האָבען זיי געשפּיעלט אין דער געשיכטע פֿון זייער לאַנד אַ פֿיעל בעדייטענדערע ראָלע ווי די שטו- דירענדע יוגענד פֿון דער היינטיגער עפּאָכע. זיי האָבען גענומען אַן אַקטיווען אַנטהייל אין די אַלע ראָמאַנטישע קעמפּפֿע פֿון די רעפּובליקאַנישע און סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע זיינען אָנגעגאַנגען אין יענער מערקוויר- דיגער פּעריאָדע, און זייער העכסטער שטאָלץ איז געוועזען, אַז קיין אַנדער קלאַסע זאָל ניט אַרויסגעבען מעהרער פֿערטהיידיגער פֿאַר די נייע אידעען ווי זיי אַליין. און דיזע אונערמידליכע טהעטיגקייט איז ניט בלויז געווען אַ פּראָדוקט פֿון פּאָעטישע טרוימערייען און צופֿיעל לעבענס-קראַפֿט; זי איז אויך ניט געווען אַ מין טהעאַטער-דעמאָנסטראַציאָן, כדי אויסצודריקען זייער פֿעראַכטונג צו דער בורזשואַזיע. וויפֿיעל פֿון דיזע יונגע לייט האָבען געלי- טען אין די קערקערס פֿון דער רעאַקציאָן און האָבען זאָגאַר אַוועקגעגעבען זייערע לעבענס אויף דעם עשאַפֿאָט פֿאַר זייער איבערצייגונג! וויפֿיעל פֿון זיי האָבען אַוועקגעוואָרפֿען גליק, רייכטהום און קאַריערע און זיינען געוואָרען רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדיסטען פֿון דער אַלגעמיינער מענשען-ליעבע! ווען די לעהרען פֿון סיינט-סימאָן און שאַרל פֿוריע*) האָבען בעאיינפֿלוסט

*) צוויי בעריהמטע סאָציאַליסטישע פֿילאָזאָפֿען אין פֿראַנקרייך, וועלכע האָבען געהאַט אַ בעדייטענדען איינפֿלוס אויף די ענטוויקלונג פֿון דעם פֿראַנצויזישען סאָציאַליזמוס. (דער איבערזעצער).

דאָס גייסטיגע לעבען ביז צום העכסטען גראַד, דאַן זיינען עס געווען די שטודענטען, וועלכע האָבען זיך איינגעשלאָסען אין די רייהען פֿון די גייס־טיגע רעבעלען, ניט קוקענדיג אויף די פֿערלוימדונגען און פֿערפֿאָלגונגען פֿון זייערע געגנער.

אָבוואָהל עס גיט היינט מעהר ווי 100.000 סטודענטען אין פֿראַנקרייך, האָבען זיי אָבער אַ פֿיעל קלענערען איינפֿלוס אין דער וועלט פֿון נייע געדאַנקען און נייע אידעען ווי זייערע פֿאָרגענגער. היינטצוטאָג ווערט איהר מעהר ניט געפֿינען ווי פֿיליכט עטליכע הונדערט יונגע לייט אין אונזערע שולען און אוניווערזיטעטען, וועלכע זיינען פֿאַרטיג אויפֿצואָפּפֿערן זייערע פערזענליכע אינטערעסען פֿאַר דעם אַלגעמיינעם פראָגרעס און פֿיהרען די מענש־הייט אין דאָס הייליגע לאַנד דער צוקונפֿט. מען בעהויפטעט זאָגאַר, און איך בעטראַכט עס ניט פֿאַר קיין פֿערלוימדונג, אַז די גרויסע מאַיאָריטעט פֿון דער שטודירענדער יוגענד איז פֿאָלקאָמען צופֿרידען מיט די היינטיגע סאָציאַלע אונסטיטוציאָנען, זיי האַלטען עס זאָגאַר פֿאַר אַ גוטע זאַך צו פֿערשפרייטען קאָנסערוואַטיווע לעהרען און צו איבערראַשען זייערע פֿריינד מיט זאָגענאַנטע „געמעסיגטע אַנזיכטען". אין דיזער בעציהונג האַלטען זיי זיך פֿאַר קלוגער פֿון זייערע עלטערן, וועלכע קענען עס ניט אָבלייקענען, אַז זיי האָבען כאָטש אַמאָל געפֿיהלט אין זיך די רעוואָלוציאָנערע בעגייס־טערונג פֿון דער יוגענד. איינע פֿון די מערקווירדיגסטע ערשיינונגען פֿון אונזער צייט זיינען די יונגע לייט, וועלכע בעריהמען זיך מיט זייערע פע־סימיסטישע אַנשויאונגען און זייער פֿעראַכטונג פֿאַר'ן לעבען, פֿונקט ווי די אונפֿעהיגקייט זיך צו בעגייסטערן און גליקליך צו זיין וואָלט געווען אַ גוטע זאַך.

עס איז גאָר קיין צווייפֿעל ניט, אַז די היינטיגע שטודירענדע יוגענד, ווי שטייף זי זאָל זיך ניט פֿיהלען ביי זיך, און וויפֿיעל זי זאָל זיך ניט איינריי־דען, איז זי דאָך אַבסאָלוט ניט אימשטאַנדע צו בעלעהרען די אַרבייטער און צו פֿערפֿאָלקאָמענען זייערע אידעען און וויסענשאַפֿטליכע קענטניסע. ניין, די שטודענטען דאַרפֿען זיך היינט געהן לערנען ביי די אַרבייטער, זיי זיינען ניט מעהר די לעהרער פֿון דער אַרבייטערקלאַסע ווי אין די אַמאָליגע צייי־טען. אין די גרויסע פֿאָלקס-בעוועגונגען פֿון דער מאָדערנער געשיכטע, ווי צ.ב.ש. אין דער פֿאַריזער קאָמונע, האָבען די שטודענטען גענומען זעהר אַ קליינעם אַנטהייל, ווערהענד די אַרבייטער האָבען געאָפּפֿערט לייב און לעבען פֿאַר דיזע בעוועגונג. און דאָך איז דיזע בעוועגונג ניט געווען אַן אויסשליסליכע פֿראַגע פֿון לוין און אַרבייט, ניין, עס איז געווען אַ בעווע־גונג פֿאַר די אינטערעסען פֿון'ם גאַנצען פֿאָלק, פֿאַר די אינטערעסען פֿון

דער גאַנצער מענשהייט. און ווען די אַרבייטער־קלאַסע גרייט זיך היינט צו פּאַר אַ נייע געזעלשאַפֿטליכע אָרדנונג פֿון די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע בעדינגונגען, און די יונגע קמעפּפֿער פֿון דער רעוואָלוציאָן זאָלען פֿערשטעהן זייער אויפֿגאַבע, דאַן וואָלטען דיזע אַלע פֿראַגען זיכער און שנעל געלייזט געוואָרען; דען די העכסטע און וויכטיגסטע פֿראַגען, וועלכע בעשעפֿטיגען דעם מענשליכען גייסט, ווערען ניט אימער אַם בעסטען געלייזט אין די שטודיר־שטובען און אוניווערזיטעטען, זאָנדערן אין פּראַקטישען לעבען. אַ מאַן מעג זיך רופֿען אַ „דאָקטאָר", אָבער פֿון דעסטוועגען איז ער נאָך לאַנג קיין פֿילאָזאָף ניט. עס טרעפֿט זעהר אָפֿט, אַז דער טרוקענער געלעהרטער איז מאַנכעס מאָל פֿיעל אָרימער אין גייסט און פֿערשטאַנד ווי דער פּראַק־טישער וועלט־מאַן מיט זיינע ערפֿאַהרונגען, וועלכער גרינדעט זיינע טהעאָ־ריען און פּרינציפּען אויף די נאַטירליכע פֿאַקטען פֿון׳ם לעבען. אונזערע וויסענשאַפֿטס־מענער זיצען אין זייערע שטודיר־שטובען פּונקט ווי אין אַ געפֿענגניס און דערפֿאַר האָבען די מייסטע פֿון זיי קיין פֿערשטענדניס פֿאַר דער גרויסער וועלט אין דרויסען, אָבער דאָס פֿאָלק ענטוויקעלט שטענדיג זיינע אייגענע אידעען! מעגען זיי זיין ריכטיג אָדער פֿאַלש.

נאָך מיט אַ קורצע צייט צוריק האָבען אונזערע פּראָפֿעסאָרען אין די אוניווערזיטעטען שפּאָטיש געשמייכעלט, ווען מען האָט גערעדט פֿון דער „ענטוויקלונגס־טהעאָריע"; אָבער אין די גאַסען, אויף די פֿעלדער און אין די פֿאַבריקען, ביי די אַרבייטער און בויערן האָט דיזע וואַהרהייט געפֿונען אַ זיכערע היים און הערצליכען ווילקאָם.

עס וואָלט לעכערליך געווען צו פֿעראַכטען די וויסענשאַפֿט. די אויסגראַ־בונג פֿון אַ באַבילאָנישע מצבה אָדער די ענטדעקונג פֿון אַ פֿערשטיינערטע פֿלאַנצע זיינען געווים העכסט אינטע־עסאַנט פֿאַר אונז, ווען דער געלעהר־טער פֿערבינדעט דיזע איינצעלנע פֿאַקטען מיט פֿיעלע אַנדערע טהאַטזאַכען אום צו ערקלעהרען דעם ווערטה פֿון דער ענטדעקונג. אָבער נאָך אינטע־רעסאַנטער איז פֿאַר אונז יעדער נייער געדאַנק און די וואונדערבאַרע פֿער־בינדונג פֿון דער אַלגעמיינער גייסטיגער טהעטיגקייט, זייער וויכטיגקייט און זייערע לאָגישע פֿאָלגען. דער שטודענט, וועלכער ווערט בלינד פֿון דעם שטויב פֿון די ביכער, בעמערקט גאָר ניט, אַז עס עקזיסטירט אַ סאָציאַלע פֿראַגע; דיזע פֿראַגע בילדעט דעם הויפּט־סטודיום פֿון דעם אַרבייטער, וועלכער איז אין דיזער בעציהונג פֿיעל ווייטער פֿאָרגעשריטען ווי זיין ברו־דער, דער ביכער־גהיבלער.

דיזע בעמערקונג בעציהט זיך ניט נאָר אויף פֿראַנקרייך, זאָנדערן אויף אַלע אַנדערע לענדער, אין וועלכע די אַלגעמיינע ענטוויקלונג איז ווייטער

פאָרטנעשריטען ווי אין די אוניווערזיטעטס־קאַזארמען פון דייטשלאַנד אָדער ביי די שילער פון די יונגע אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטען. אין דייטשלאַנד גיט עס פיעלע סאָציאַליסטישע אַרבייטער; אָבער עס גיט זעהר ווענינ שטודענטען, וועלכע טהיילען זיך אָב פון די איבריגע ביער־טרינקער. אין דער בעריהמטער אַמעריקאַנער אוניווערזיטעטס־שטאָדט האַרוואַרד גיט עס 3200 שטודענטען, אָבער די ווייניגסטע פון זיי האָבען ביז יעצט נעהאַט דעם מוטה צו בעפרייען זיך פון דעם רעליגיעזען אַבערגלויבען. אַן אַלגע־מיינע אינספעקציאָן האָט פעסטגעשטעלט, אַז צווישען די 3200 שטודענטען זיינען נאָר געווען צוויי, וועלכע האָבען ניט בעלאַנגט צו קיין רעליגיעזע סעקטע. אין די אַריסטאָקראַטישע ענגלאַנד איז פיליכט די גייסטיגע פריי־הייט אַם גרעסטען.

וואָס זיינען דען אייגענטליך די ווירקליכע אורזאַכען פון דיזען קאָנסער־וואַטיווען גייסט, וועלכער בעהערשט היינט די שטודירענדע יוגענד, און וועלכער שטעהט אין ווידערשפרוך מיט איהרע אַלטע טראַדיציאָנען? אפילו די פּראָפעסאָרען האָבען בעמערקט דיזע זאָנדערבאַרע ערשיינונג; אָבער די סאָציאַלע קנעכטשאַפט פון אונזערע היינטיגע אוניווערזיטעטס־לעהרער איז אַזוי גרויס, אַז זיי האָבען ניט דעם מוטה עפּעס צו טהאָן נעגען דיזען איבעל.

עס איז אַן אַלגעמיינע טהאַטזאַכע, אַז די היינטיגע שול־ערציהונג איז ניט אין אַנקלאַנג מיט דער נאָרמאַלער ענטוויקלונג פון אונזערע קינדער. וואָס פאַר אַ גוטס קען מען זאָגען פון אַן ערציהונגס־מעטהאָדע, וועלכע איז די אורזאַכע פון אַלע מעגליכע קראַנקהייטען פון אונזער יוגענד; אַן ער־ציהונג, וועלכע שוואַכט אָב די אויגען און אונטערדריקט די נאַטירליכע אינ־סטינקטען פון'ם מענשען? איז דאָס ניט אַ דירעקטער ווידערשפרוך צו די גרויסע ציעלען פון דער ערציהונג, אַזוי ווי די בעסטע און פאָרטגעשרי־טענסטע מענער פון אַלע צייטען האָבען איהר אויפגעפאַסט? די אַמעריקאַ־נער אינדיאַנער, די בעוואוינער פון אויסטראַליען, די אַלטע גריכען, זיי אַלע האָבען פערטרעטען און פערטרעטען נאָך היינט דעם שטאַנדפונקט, אַז די קינדער מוזען אויפגעצויגען ווערען אין דער פרייער נאַטור; זיי בעהויפּטען, אַז נאָר דורך קערפערליכע איבונגען און געזונדע בעוועגונגען קענען זיך ענטוויקלען שטאַרקע און געזונדע מענשען, וועלכע פערקערפערן אין זיך קראַפט, מוטה און געזונדהייט.

אין אונזערע היינטיגע אוניווערזיטעטען געפינען מיר טויזענדער יונגע לייט, וועלכע זיינען די אונגליקליכע אָפּפערס פון קערפערליכער שוואַכקייט, טראָץ דעם וואָס זיי זיינען גוט געשפייזט און גוט נעקליידעט. די מעדיצינישע

סטאַטיסטיק לערנט אונז, אַז מעהר ווי אַ העלפֿט פֿון אַלע שטודענטען אין אייראָפּאַ האָבען רואינירט זייערע קערפּערס דורך אַנאַניע און דורך אַ לעבען אָהן אינטערעסען און גייסטיגע לאַנגווייליגקייט. צוויי דריטעל זיינען שוואַכ־לינגע, און צווישען די, וואָס האָבען נאָך ניט פֿערלאָרען זייער קערפּערליכע געזונדהייט, געפֿינען זיך פֿיעלע, וועמעס גייסטיגער צושטאַנד האָט זעהר שטאַרק געליטען. זיי האָבען געקוועלט און פערמאַטערט זייערע מוחות צו שטאַרק אין זייערע קינדער יאָהרען, און דערפֿאַר איז זייער פֿערשטאַנד אין די שפּעטערע יאָהרען אַזוי איינג, קליינגייסטיג און בעשרענקט.

ווען די ערציהונג אין דער פֿאַמיליע און אין די אוניווערזיטעטען דער־שטיקט די נאַטירליכע און פֿיעלזייטיגע ענטוויקלונג פֿון אונזערע קינדער; ווען דער שטודענט בעטראַכטעט דאָס לעבען און די אומשטענדע נאָר דורך די קליינע פֿענסטערלעך פֿון זיין שטודיר־צימער; ווען ער האָט פֿערלאָרען זיין קערפּערליכע קראַפֿט און געזונדהייט — ווי אַזוי קען זיך דאַן ענטוויק־לען זיין כאַראַקטער? ליידער פֿערהינדערט אונז אונזער מאָדערנער ערצי־הונגס־סיסטעם צו רעספּעקטירען די אינדיווידואַליטעט פֿון אונזערע קינדער, וועלכע וועלען שפּעטער אַמאָל פֿערנעהמען אונזערע פּלעצער אין דער גע־זעלשאַפֿט, און וועלכע וועלען אונז אפשר איבערשטייגען אין גייסטיגע און מאָראַלישע פֿעהיגקייטען. עס טרעפֿט זעלטען, אַז עלטערן זאָלען בעטראַכ־טען זייערע קינדער אַלס גלייך־בערעכטיגטע וועזען און אַכטען זייערע אידעען און נייגונגען. און נאָך זעלטענער טרעפֿט עס, אַז אַ לעהרער זאָל ניט פֿער־זוכען איינצופּלאַנצען אין די מוחות פֿון זיינע שילער זיינע אייגענע מיינונ־גען, און זיין בעזאָנדערע מאָראַל, א לעהרער, וועלכער זאָל ניט בעטראַכטען די שטרענגסטע געהאָרכזאַמקייט אַלס די גרונדלאַגע פֿון דער ערציהונג.

יעדער שילער און שטודענט בעקומט אַ בעשימטעס לעהרע־בוך, אַקוראַט ווי דער פֿערברעכער בעקומט זיינע קייטען. דאָס בוך איז פֿאַר אַלעמען דאָס זעלבע און די מעטהאָדע צו שטודירען איז גלייך פֿאַר יעדען איי־נעם. דער אורשפּרינגליכער כאַראַקטער פֿון דער פֿרייער פֿאָרשונג איז פֿער־באָטען, און דער פּלאַץ פֿון דעם פֿרייען געדאַנק און דער זעלבסטשטענדיגער אונטערזוכונג ווערט פֿערנומען פֿון אַ פּרימיטיווע ערציהונגס־מעטהאָדע, וועלכע צווינגט דעם שילער טעגליך צו ווידערהאָלען און אויסווענדיג צו לער־נען זיין בעשטימטע קוואַנטיטעט, מעכאַניש און געדאַנקענלאָז, אַקוראַט ווי דער פּריסטער רעדט אַרונטער זיינע געבעטען. עס איז וואָהר, אַז פֿיעלע לעהר־ביכער זיינען פֿאָרטרעפֿליך צוזאַמענגעשטעלט, און זיי ענטהאַלטען אין זיך אַן אונגעהייערן שאַץ פֿון מענשליכען וויסען. מיט אַ טיעפֿער בעוואונ־דערונג בעטראַכטען מיר דיזע ריזע־ווערק, אין וועלכע יעדע ציילע ענט־

האַלט אַ גאַנצען בוך, און אין וועלכע עס ליגט בעהאַלטען די גייסטיגע אַרבייט פֿון הונדערטער געלעהרטע און פֿאָרשער. וואָס פֿאַר אַן אָנגענעהמער און שטאָלצער געפֿיהל דאָס איז, צו בעהערשען דעם אינהאַלט פֿון דיזע געוואַלטיגע ביכער! אָבער קען דען דער שטודענט אַלע דיזע זאַכען? האָט ער דען אַ געפֿיהל פֿאַר אַלעס, וואָס מען האָט איהם מעכאַניש אַריינגע־פּאַקט אין קאָפּ? ליידער איז דאָס ניט דער פֿאַל, פֿאַר די מייסטע וואָלט געוועזען דאָס בעסטע, אַז זיי זאָלען ווידער אַרויסגעבען פֿון זיך דיזע אַלע געדאַנקען און סיסטעמען, וועלכע זייערע מוחות קענען ניט פֿערדייען און זיי זאָלען פֿערגעסען ווי אַם גיכסטען זייערע עקזאַמען, כדי צו בעגרייפֿען דעם ווערטה און די בעדײַטונג פֿון דער פֿרייער פֿאָרשונג און דעם זעלבסטשטענדיגען געדאַנקען.

ווען זיי האָבען אַרומגעבלאָנדזשעט אין אַלע וויסענשאַפֿטען, אָהן געפֿיהל און אָהן געשמאַק, דאַן זיינען זיי צולעצט ניט מעהר ווי לעבעדיגע ווער־טער־ביכער, טויטע מענשען אָהן בעגייסטערונג און אָהנע גייסטיגע שטרע־בונגען און בעדירפֿניסע.

געוויס, אונזער מאָדערנע ערציהונגס־מעטהאָדע, מיט איהרע אַלע עקזאַ־מענס און לעהר־ביכער, איהרע טויטע און לעכערליכע צערמאָניעס, וועלכע מען רופֿט אָן מיט דעם נאָמען: „וויסענשאַפֿט", דאָס אַלעס האָט אַ שרעק־ליכע ווירקונג אויף די גייסטיגע ענטוויקלונג. אָבער עס איז נאָר דער קלענס־טער טהייל פֿון דעם איבעל, וועלכער פֿערגיפֿטעט דעם כאַראַקטער פֿון אונזער שטודירענדער יוגענד און רויבט אַוועק פֿון די יונגע לייט יעדע אי־דעאַלע בעגייסטערונג. דער גרעסטער און געפֿעהרליכסטער איבעל איז די סאָציאַלע אָרגאַניזאַציאָן פֿון דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט. וואָס איז דען דער אייגענטליכער ציעל, צו וועלכען אַלע שטרעבען? וואָס איז דער אידעאַל פֿון אַלע די, וועלכע שווימען ווי אַ שטיקעל שטרוי אויף די כוואַליעס פֿון אַ ים? דער פֿראַנצויזישער מיניסטער גיזאָ האָט עס דייטליך אויסגעשפּראָכען מיט זיין געוועהנליכען ציניזמוס: „ווערט רייך, ווערט רייך!" אונזערע שטו־דענטען האבען דאָס זעהר גוט בעגריפֿען און די מייסטע פון זיי בעטראַכטען זייערע דיפּלאָמען אַלס אַ מיטעל צו מאַכען געלד. „די וויסענשאַפֿט קוקט אַרויס אויף געלד!" אַזוי רעדען זיי צווישען זיך און פֿיעלע ערקלעהרען עס גאַנץ אָפֿען פֿאַר דער וועלט. זיי האַלטען זיך פֿאַר קליגער פֿון זייערע פֿאָר־גענגער, וועלכע האָבען זיך בעשעפֿטיגט מיט דעם רעפּובליקאַניזמוס און דער רעוואָלוציאָנערער בעוועגונג, און מיט אַ שטאָלצען זעלבסט־בע־וואוסטזיין געהען זיי דעם וועג, וועלכער פֿיהרט צו אַ גלענצענדער קאַריערע און פֿערשאַפֿט זיי כבוד און רייכטהום. דער בעריהמטער פּראָפֿע־

סאָר דובאָאַ רעימאָנד האָט דיזע שטרעבונגען פּאָרטרעפליך אילוסטרירט מיט די כאַראַקטעריסטישע ווערטער, מיט וועלכע ער האָט בעגריסט דעם דייטשען קייזער נאָך דער קאָראָנאַציע: „די דייטשע אוניווערזיטעטען זיינען די הויף־גאַרדע פון'ם קייזערטהום". די ווערטער וואָלטען נאָך בעסער געקלונגען, ווען הערר דובאָאַ רעימאָנד וואָלט געזאָגט: „די אַרמעע פון די שטודענטען, פּריסטער און בעאַמטע איז די הויף־גאַרדע פון'ם קאַפּיטאַל".

זאָגאַר אין דעם טיעפסטען הייליגטהום פון דער וויסענשאַפט קען מען היינט לעזען די ווערטער פון לאַמאַרטין: „געקויפט און בעצאָהלט!" עס פערשטעהט זיך, אַז זאָגאַר דער מאַן פון וויסענשאַפט איז געצוואונגען צו ריכטען זיך נאָך דער סאָציאַלער אָרגאַניזאַציאָן פון דער היינטיגער געזעלשאַפט, וועלכע איז באַזירט אויף דעם פּריוואַט־אייגענטהום! אָבער מיר דאַרפען ראָך אַם ווייניגסטענס בעגרייפען, אַז דיזער איינפלוס איז אַ שאַנדע פאַר דער וויסענשאַפט. מיר דאַרפען אַמווייניגסטענס טרייען אונזער בעסט, צו פערניכטען דיזען שענדליכען צושטאַנד און קעמפפען פאַר אַ געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציאָן, פאַר אַ נייע וועלט, אין וועלכער די פּראָדוקטען פון דער געמיינשאַפטליכער אַרבייט וועלען בעלאַנגען צו אַלעמען. וואָס העכער אַ געוויסע האַנדלונג שטעהט אין גייסטיגער און מאָראַלישער בעציהונג, אַלס שווערער איז עס צו פאָרדערן פאַר איהר אַ בעלאָהנונג. וואָס מוזען מיר דענקען פון אַ דאָקטאָר, אין וועמעס האַנד עס ליגט דאָס לעבען פון אַ קראַנקען, און וועלכער שטרעקט אויס די האַנד נאָך געלד, איידער ער פאַנגט אָן זיין אָפּעראַציאָן? וואָס פאַר אַן איינדרוק מאַכט עס, ווען דער דיכטער, וועלכער איז ענטציקט פון אַ נייע פאַנטאַזיע, אָדער דער געלעהרטער, וועלכער פיהלט די צופריעדענהייט פון זיין נייע ענטדעקונג, ווען זיי ביידע בערעכנען דעם פּרייז, איידער דער איינער פערעפענטליכט זיינע פערזען און דער אַנדערער מאַכט בעקאַנט די נייע וואַהרהייט? אויב מיר וועלען איינפיהרען אַזאַ מין בערעכנונג, שטעלט זיך די פראַגע, וויפיעל שולדען מיר נאָך אַזעלכע מענער ווי בעקאָן אָדער דעקאַרט, וועלכע האָבען אויפגעעפענט פאַר דער מאָדערנער וויסענשאַפט אַ גאַנץ נייעם וועג דורך זייערע ענטדעקונגען?

די אַלטע געשיכטע דערצעהלט אונז אַן אינטערעסאַנטע פּאַסירונג פון דעם בעריהמטען פיזיקער אַרכימעדעס: ווען אַרכימעדעס איז געגאַנגען אין באָד, האָט ער געזעהן אַ שטיק האָלץ און אַ שטיק קאָרקע, וועלכע האָבען געשוואומען אויף'ן וואַסער. דיזע ערשיינונג איז געווען די אורזאַכע, וואָס ער האָט ענטדעקט דאָס פיזישע געזעץ: פון דעם „שפּעציפישען געוויכט פון די קערפּערס". וואָס האָט דאַן אַרכימעדעס געטהאָן? האָט ער געדענקט ווע־

גען דעם געלד, וואָס דער טיראַן היערא ווערט איהם בעצאָהלען פאַר זיין ענטדעקונג? ניין, ער איז אַרויסגעשפּרונגען פון באָד און איז געלאָפען דורך אַלע גאַסען פון סיראַקוס, צוּרופענדיג יעדען פערבייגעהער די ווערטער: „איך האָב עס אויסגעפונען! איך האָב עס אויסגעפונען!"

מיר הערען נאָך היינט די עכאָ פון דיזע פרעהליכע ווערטער. אלע ענטדעקונגען פון דער וויסענשאַפט ענטהאַלטען אין זיך אַזאַ אונבעשרייבליכען גליק, אַז יעדער געמיינער געדאַנק איז אַ בעליידיגונג, אַ בעשמוצונג פאַר איהר. ווען אַ מענש ווייסט אַ געוויסע זאַך, פיהלט ער אַליין אין זיך די פליכט איבערצוגעבען זיין ענטדעקונג צו אַלעמען. אָבער דער היינטיגער וויסענשאַפטס־מאַן לעהרענט נאָר דערפאַר, כדי צו קענען פערקויפען זיינע קענטניסע צו דעם, וועלכער בעצאָהלט איהם דעם גרעסטען פרייז. דער ווירקליכער שטודענט, וועלכער פערדינט אַליין דיזען נאָמען, פאָרשט און לערנט נאָר אום צו פערברייטען די וואַהרהייט.

ווי אַזוי קען דען אַ מענש איבערהויפּט שטרעבען נאָך אַן העכערען אידעאַל, ווען זיין גייסט ווערט בעאיינפלוסט פון די אינטערעסען פון געלד? דער גאַנצער רעליגיעזער גלויבען, וועלכער ווערט נאָר געפּרעדיגט פון אַבערגלויבישע פאַנאַטיקער, פערשווינדעט אַלס מעהר ווי אַ פינסטערער, שוואַרצער טומאַן. עס איז וואַהר, אַז ער פערזוכט זיך צוצופאַסען צו די אומשטענדען, זיינע פערטרעטער האָבען אָנגעפאַנגען צו בענשען די, וועלכע זיי האָבען פריהער פערפלוכט, זיי רופען זיך פריינדע פון דער וויסענשאַפט און מאַנכעסמאָל זאָגאַר די פריינדע פון סאָציאַליזמוס, אָבער זייער צייט איז אַריבער, זיי קענען מעהר ניט צופרידען שטעלען די בעדירפניסע פון דער מענשהייט, זייער מאָראַל איז די ענטזאַגונג, דער שטילשטאַנד, דער פּעסימיזמוס, וועלכער ווערט געמילדערט דורך די האָפנונג אויף אַ יענע וועלט. אַזוי דערוויטערט זיך די רעליגיאָן — איך געברויך דאָס וואָרט יעצט נאָר אין זיין עדעלער בעדייטונג — אַלס פערקערפּערונג פון ליעבע און אידעאַליזמוס — אַלס מעהר און מעהר פון איהרע איבערנאַטירליכע און איבערמענשליכע פאָרשטעלונגען און איז געצוואונגען זיך צו בעשעפטיגען מיט דיזער וועלט און איהרע בעשעפענישען און הויפּטזעכליך מיט דער מענשהייט. און זאָגט אַליין, צו דעריעניגער, וועלכער אָפּפערט זיך, ניט האָבענדיג קיין האָפנונג אויף בעלאָהנונג, צו איז ער וויניגער ווערטה פאַר דעם גלויביגען, וועלכער אָפּפערט זיך אין טהוט גוטעס, דערפאַר וואָס ער האָפט אויף אַן אייביג לעבען נאָכ'ן טויט?

די אַלטע שריפטשטעלער האָבען אונז איבערגעלאָזט בירושה וואונדערבאַרע עטהישע און פילאָזאָפישע שריפטען איבער די ערציהונג פון'ם מענ־

שען; זיי האָבען ערקלעהרט, ווי ער קען געפֿינען גליק און צופֿרידענהייט דורך די בעהערשונג פֿון זיינע ליידענשאַפֿטען, די פֿעסטיגקייט פֿון זיין כאַראַקטער, די ריינהייט פֿון זיינע געדאַנקען און די פֿערקלערונג פֿון זיינע אַלגעמיינע ליידען. אין די שריפֿטען פֿון לוקרעציוס, עפּיקטעטוס, סענעקאַ און האָראַץ געפֿינען מיר אונשטערבליכע פּערלען פֿון דעם מענשליכען גייסט, וועלכע וועלען בעוואונדערט ווערען אין די שפּעטעסטע צייטען, געדאַנקען, וועלכע פֿערפֿאָלקאָמענען דעם מענשליכען אידעאַל און מאַכען רייכער דעם ווערטה פֿון דעם אינדיווידואום. ניין, היינט מוזען מיר קעמפּפֿען, אום די גאַנצע געזעלשאַפֿט זאָל קענען געניסען און פּראָפֿיטירען, דורך אַ פּלאַנמעסיגע ערציהונג און פֿעראייניגונג, פֿון אַלעם דעם, וואָס די אַלטע האָבען געפֿאָדערט פֿאַר דעם איינציגען אינדיווידואום.

מיר דאַרפֿען שטודירען דעם מאָראַלישען צושטאַנד פֿון דער מענשהייט, מיר דאַרפֿען זאָרגען פּלאַנמעסיג און ענערגיש, אַז זי זאָל דערגרייכען דעם וועג צום אַלגעמיינעם גליק, די פֿערווירקליכונג פֿון דער אַלגעמיינער פֿרייהייט. איז דען דיזע אונגעהייערע אויפֿגאַבע ניט גענוג גרויס און וויכטיג, אַז מיר זאָלען אָבגעבען אונזער גאַנצע טהעטיגקייט, אונזער גאַנצע ליעבע, די גאַנצע מאַכט פֿון אונזער גייסט און דאָס הערץ פֿון יעדען איינציגען?

אָבער וועלען מיר דען ווען עס איז עררייכען דיזען צושטאַנד פֿון אַן אַלגעמיינעם גליק? דאָ איז דער פּונקט, וואו מיר דאַרפֿען זיך בעשעפֿטיגען מיט אַלע פֿערשידענהייטען פֿון דער סאָציאַלער פֿראַגע. צום גליק האַנדעלט עס זיך ניט נאָר צו בעפֿרידיגען אונזערע פֿיזישע בעדירפֿניסע; כדי צו זיין גליקליך, פֿאָדערן מיר די פֿרייע ענטוויקלונג פֿון דער מענשליכער אינדיוויד־דואַליטעט אויף דער גרונדלאַגע פֿון דער אַלגעמיינער גלייכהייט, אָהן צוואַנג, אָהן קנעכטשאַפֿט. דאָס איז אונזער אַנאַרכיסטישער אידעאַל, דאָס איז אויך דער מעהר אָדער ווייניגער בעוואוסטער אידעאַל פֿון אַלע עדעלע און גוטע מענשען. עס איז כמעט אונבעגרייפֿליך, אַז נאָבעלע כאַראַקטערע זאָלען בעקעמפּפֿען דיזען אידעאַלי און דאָך האָבען זיך זאָגאַר געפֿונען אייניגע שריפֿטשטעלער, וועלכע האָבען אויפֿגעשטעלט די בעהויפּטונג, אַז דער אַל־געמיינער גליק איז ניט קיין ווינשענסווערטהע זאַך. דיזע זאָנדערבאַרע אי־דעאַליסטען בעטראַכטען דעם קריעג פֿאַר אַ וואָהלטהעטיגע און נויטווענ־דיגע ערשיינונג. זיי בעהויפּטען, אַז ער ענטוויקעלט די ענערגיע און דעם מוטה, אַז ער פֿרישט אויף דעם כאַראַקטער, וועלכער ווערט שוואַך און גלייכגילטיג אין דער צייט פֿון פֿריעדען. געגענזייטיגער האַס צווישען די פֿעלקער און קלאַסען, דאָס איז זייער גאַנצע האָפֿנונג, אפשר זאָגאַר זייער מאָראַל.

די יעניגע אונטער אינז, וועלכע קענען די שרעקליכקייטען פֿון קריעג פֿון

זייער פּערזענליכער ערפֿאַהרונג, מוזען בעטראַכטעט אַזעלכע אידעען פֿאַר וואַהנזיניג און אונפֿערנינפֿטיג. און דאָך געפֿינען מיר זאָגאַר אין דיזען שיינבאַרען ווידערשפּרוך די שוואַכע איבערבלייבעכטס פֿון מאָראַלישע געפֿיהלען. דער קריעג איז אַ צושטאַנד פֿון טהעטיגקייט, און דערפֿאַר איז ער בעסער אָדער אַם ווייניגסטען אַ קלענערער איבעל ווי אַ צושטאַנד פֿון אַלגעמיינער אונטהעטיגקייט, פֿון אַלגעמיינעם שטילשטאַנד. מיר קענען זיך ערהאָלען פֿון די פֿאָלגען פֿון אַ קריעג, אָבער די אַלגעמיינע אונטהעטיגקייט פֿיהרט אונפֿערמיידליך צום טויט. געוויס, טהעטיגקייט איז אונבעדינגט נויטווענדיג, יעדע ק־אַפֿט מוז געפּראוואוט ווערען, איידער מען קען איהר פֿערווענדען צו אַ בעשטימטער אַרבייט. אָבער וואַרום זאָלען מיר ניט מאַכען דיזע פּראָבען אין'ם ליכט פֿון דער וויסענשאַפֿט, מיט דער הילפֿע פֿון די בעסטע מעטהאָדען? אין דיזער בעציהונג זיינען די פֿעלקער, וועלכע מיר רופֿען „ווילדע פֿעלקער" און נאָך מעהר, די גריכען, דאָס געבילדעטסטע פֿאָלק פֿון דער אַלטער געשיכטע, גלענצענדע פֿאָרבילדער פֿאַר אונז. די יונגע מענער פֿון דיזע פֿעלקער זיינען ניט בעטראַכטעט געוואָרען אַלס בירגער, איידער זיי האָבען ניט אויסגעהאַלטען די אונצווייפֿעלהאַפֿטע פּראָבען פֿון געשיקליכקייט, מוטה און ענערגיע, וועלכע האָבען בעוויזען זייער פֿעהיגקייט צו גרינדען אַ פֿאַמיליע און צו ערפֿילען די פֿליכטען, וועלכע די געזעלשאַפֿט האָט געפֿאָדערט פֿון זיי. מען האָט קיינעם ניט געצוואונגען, יעדער איז געווען פֿאָלשטענדיג פֿריי אויסצופֿיהרען די געפֿעהרליכע פּראָבע אָדער ניט; טראָצדעם האָט זיך קיינער ניט ענטזאַגט, דען עס וואָלט געווען אַ גרויסע שאַנדע פֿאַר איהם. די אַכטונג פֿאַר דער עפֿענטליכער מיינונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז יעדער איינער האָט אויסגעהאַלטען זיין פּראָבע, אום אַריינצוטרעטען אין די רייהען פֿון די פֿרייע מענער. ביי די מעהר פּרימיטיווע פֿעלקער האָבען זיך געפֿונען פּריווילעגיע העלדען, יונגע מענער און מיידלעך, וועלכע האָבען אַריבערגעטראָגען די שרעקליכסטע ליידען, אום צו בעווייזען זייער ווערטה פֿאַר דער צוקונפֿט. פֿיעלע פֿון זיי האָבען געליטען הונגער און דאָרשט מעהרערע טעג, אַנדערע האָבען זיך געלאָזט בייסען פֿון די מוראַשקעס, זיך געלאָזט שלאָגען און מאַרטערן ניט טהוענדיג אַ זיפֿץ.

עס פֿערשטעהט זיך, אַז איך דיינק ניט, אַז אונזערע יונגע לייט זאָלען געבען די פּראָבען פֿון זייער ברויכבאַרקייט אין דיזע אַלטע, אונגעבילדעטע און פּרימיטיווע פֿאָרמען; נאָר איך געפֿין עס פֿאַר גאַנץ נאַטירליך, אַז אונזערע יונגלינגע, אין דער צייט פֿון זייער בעסטער בליהונג, ווען קראַפֿט און ליעבע ענטוויקלען זיך אַם שטאַרקסטען, זאָלען אויסהאַלטען אַ גלענצענדע פּראָבע, צו בעווייזען זייער מוטה, זייער קראַפֿט, זייער אינטעליגענץ

און ענערגיע. אויב זיי וועלען נאָר וויסען, אַז די עפֿענטליכע מיינונג סימ־פּאַטיזירט מיט זייערע שטרעבונגען, וועט זייער מוטה זיך ניט אָבשרעקען פֿאַר קיין שווערינקייט. מיר דאַרפֿען נאָר אַפּעלירען צו זייערע בעסערע געפֿיהלע, און זיי וועלען אַריבערשטייגען זאָגאַר אונזערע אַלע ערוואַר־טונגען.

וועהרענד דעם אַמעריקאַנישען בעפֿרייאונגס־קריעג האָבען די שטודענט־קעס פֿון דעם „אָבערליין קאָלעדזש" גזאָגט צו די יונגע מענער אין דער גימנאַזיום: „געהט צו דער אַרמעע!" און זאָפֿאָרט זיינען די 1100 שטו־דענטען געגאַנגען אין קריעג, און קיין איינער איז ניט צוריק געבליבען. ווי פֿיעל קענען מיר ערדייכען דורך דיזע רייכע קוועלען פֿון דער יוגענד־קראַפֿט! ווען די שמוציגע האַבזוכט וועט מעהר ניט פֿערהינדערן די פֿרייע ענטוויק־לונג פֿון דעם אידעאַלען עהרגייץ פֿון דער יוגענד, ווען זי וועט קענען פֿריי שטרעבען צו איהרע אידעאַלען; ווען זי וועט ניט מעהר פֿיהלען אַן אינערליכען עקעל פֿאַר זיך זעלבסט און פֿאַר איהר אַרבייט; ווען דער אַלגעמיינער ביי־פֿאַל וועט איהר ערמוטהיגען אין איהרע שטרעבונגען; דאַן וועט דיזע הערליכע יוגענד זיך ניט אָבשרעקען פֿון קיין אונטערנעהמונג.

מיר וועלען זיי אויפֿפֿאָדערן, די יונגע לייט צו ענטדעקען דעם זיד־פּאָל און זיי וועלען זיך מאַכען אויף'ן וועג. זיי וועלען אונטערזוכען די געהיימניסע פֿון'ם מעער און צייכנען קאַרטען פֿון דער טיעפֿקייט פֿון די ימים. זיי וועלען פֿערוואַנדלען די וויסטע סאַהאַראַ אין אַ בליהענדען גאָרטען, און יעדע אַרבייט וועט זיין אַ פֿערגניגען פֿאַר זיי. זיי וועלען זיין די לעהרער פֿון די קינדער און די פּפֿלעגער פֿון די קראַנקע. מיר וועלען האָבען מיליאָנען לעהרער און קראַנקען־פּפֿלעגערינען, וואָס וועלען פֿערנעהמען דעם פּלאַץ פֿון די טויזענדער סאָלדאַטען, וועלכע זיינען פֿערפּפֿליכטעט צו ערמאָרדען זיך איינער דעם אַנדערען.

דאָס איז דער אידעאַל, וועלכען מיר רעקאָמאַנדירען דער יוגענד ווען זיי וועלען ערשט פֿערשטעהן דעם אידעאַל פֿון דער אַלגעמיינער סאָלידאַ־ריטעט און מענשען־ליבע, דאַן וועט אויך פֿערשווינדען דער גייסט פֿון פּע־סימיזמוס אין דער צוקונפֿט. צייגט אַרויס אייער גאַנצע אינערליכקייט, אייער איך, און קיינער וועט אייך ניט מעהר בעהערשען; איהר וועט זיין די הערן פֿון אייער אייגענעם שיקזאַל.

די

מענשליכע זעעלע

אונטער דעם

פרייען סאציאליזמוס

פון

אסקאר ווילד.

פרייז:--

אין לאָנדאָן ½2 פענס.— —אין אַמעריקאַ 10 סענט.

הערויסגעגעבען פון דער גרופע „פרייהייט".

לאנדאן, אקטאבער 1905.

געדרוקט ביי י. נאַראָדיצקי, 48 מייל ענד רויד, א.

אסקאר ווײלד.

די

מענשליכע זעערע

אונטער דעם פרייען סאציאליזמוס.

דער הויפט פֿאַרטהייל, וועלכען די גרינדונג פֿון אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפֿט וועט הערפֿאָרברייננגען, וועט זיין, אָהנע צווייפֿעל, ד ע ר פֿאַקט, דאָס מיר וועלען פטור ווערען פֿון די אונאַנגענעמע נויטווענדיגקייט צו לעבען פֿאַר אַנדערע — וועלכע דריקט אַזוי שטאַרק כמעט יעדען איינעם אין דעם היינטיגען לעבען. אין דער טהאַט, גיבט קוים אירגענד איינער, וואָס זאָל ניט פֿיהלען דיזען דרוק.

ווײלענווייז, בעווייזט זיך אין פֿערלויף פֿון דעם יאַהרהונדערט, אַ גרויסער וויסענשאַפֿטסמאַן, ווי ד אַ ר וו י ן; אַ גרויסער פּאָעט, ווי ק י ע ט ס; אַ גרויסער קריטישער גייסט, ווי ר ע נ אַ ן; אַן אויסערגעוויינליכער קינסטלער, ווי פֿ ל אָ ב ע ר ט — וועלכער איז אומשטאַנדע זיך אָבצוזונדערען, אויסצומיידען די פֿאָדערונגען פֿון אַנדערע, צו שטיין „אונטער דעם שוטץ פֿון וואַנד", ווי פ ל אַ ט אָ דריקט זיך אויס, און אויף דיזען אופן צו פֿערווירקליכען די פֿערפֿאָלקאָמענהייט פֿון די אַלע פֿעהיגקייטען, וואָס ער בעזיצט אין זיך — צו דעם גרעסטען פֿערגעניגען פֿון איהם זעלבסט און דעם גרעסטען און אונענדליכען געווינס פֿון דער גאַנצער וועלט.

אָבער דיזע מענשען זיינען נור אויסנאַהמען. דער גרעסטער צאָהל פֿון דער מענשהייט פֿערדאַרבען זייערע לעבענס דורך אַן אונגעזונטען און איבערטריבענעם אַלטרואיזמוס — זיי זיינען, אין דער טהאַט, געצוואונגען צו פֿערדאַרבען זייערע לעבענס אויף דיזער אַרט. זיי געפֿינען זיך אומרינגעלט פֿון אַ שרעקליכען אַרמוטה, שרעקליכען נויטה, און פֿון אַ שרעליכען אַבשייליכקייט, עס איז

גאַנץ אונמעגליך, דאָס זיי זאָלען ניט שטאַרק געריהרט ווערען פֿון דיזעס אַלעס. די געפֿיהלען פֿון מענשען ווערען געריהרט פֿיעל גיכער ווי זיין פֿערשטאַנד, און עס איז פֿיעל לייכטער צו סימפּאַטיזירען מיט יענעמס ליידען ווי עס איז צו סימפּאַטיזירען מיט יענעמס דיינקען. צוליעב דעם נעהמען זיי זיך טאַקי זעהר ערנסט און מיט גרויס האַרץ צו דער ארבייט. אום צו פֿערלייכטערן די איבלען, וועלכע זיי זעהן אַרום זיך. אָבער זייערע רפואות היילען ניט דעם קראַנקהייט: זיי פֿערלייגנגערען עס. זייערע רפֿואות זעלבסט זיינען, אין דער ווירקליכקייט, אַ טהייל פֿון דיזע קראנקהייט.

זיי זוכען, צום ביי שפיעל, צו לייזען די פֿראַגע פֿון אַרמוטה, דורך דעם וואָס זיי האַלטען אויף די אָרימע קוים ביי'ם לעבען; אָדער — ווי עס איז דער פֿאַל מיט אַ געוויסע פֿאָרטגעשריטענע זאָרט מענשען — דורך דעם, וואָס זיי אַמוזירען די אָרימע.

אָבער דיזעס איז ניט קיין לייזונג; עס פֿערגרעסערט נאָך די שווירינקייט. די ריכטיגע וועג איז צו זוכען איבערצובויען די געזעלשאַפֿטליכע אָרדנונג אויף אַזאַ אַרט, דאָס אַרמוטה זאָל זיין אונמעגליך. און די אַלטרואיסטישע און בעלי־צדקה'שע מעלות אונטער די מענשען האָבען אין אמת'ן פֿערהינדערט די פֿערווירקליכונג פֿון דיזען ציעל. פּונקט אַזוי ווי די ערגסטע שקלאַפֿענאייגענטהימער זיינען געוועזען די יעניגע, וועלכע וואַרען גוט צו זייערע שקלאַפֿען, און האָבען אויף דיזען אַרט פֿערהינדערט, דאָס דיזער שרעקליכער צושטאַנד זאָל ניט בעגריפֿען ווערען פֿון די ליידענדע שקלאַפֿען, אָדער פֿערשטאַנען ווערען פֿון די וואָס האָבען דעריבער נאָכגעדאַכט. אַזוי זעהן מיר אויך יעצט, דאָס די יעניגע וואָס טהוען דעם גרעסטען שאָדען זיינען גראַדע די זעלבע וואָס טהוען דאָס מעהרסטע „גוטעס"; און מיר האָבען שוין טאַקי געהאַט דעם שפּעקטאַקל, צוזעהענדיג ווי געוויסע מעננער, וואָס וואוינען אין איסטענד פֿון לאָנדאָן און זיינען גוט בעקאַנט מיט די פֿראַגע, האָבען עקסטראַ געבעטען, אַז מען זאָל אַ ביסעלע אָבהאַלטען מיט די צדקה־געבעריי... זיי ערקלערען, דאָס אַ זעלכע צדקה ערנידעריגט און דעמאָראַליזירט. זיי זיינען פֿאָלקאָם גערעכט. צדקה־געבעריי בעשאַפֿט אַן אונגעהייערע מאַססע עבירות.

דערצו קען מען נאָך דיזעס בעמערקען. עס איז אונמאָראַליש צו געברויכען פּריוואַט אייגענטהום פֿיר דעם צוועק צו פֿער־

לייכטערען די שרעקליכע איבלען וועלכע ווערען זעלבסט בעשאַפען פון די סיסטעמע פון פריוואַט אייגענטהום. עס איז ביידעס — אונמאָראַליש און אונעהרליך.

אונטער אַ צושטאַנד פון סאָציאַליזמוס וועט דיזעס אַלעס, נאַטירליכער ווייזע, געענדערט ווערען. עס וועלען דאַן ניט געבען קיין מענשען, וואָס זאָלען לעבען אין שטינקענדע לעכער און געהן אין שמוציגע שמאַטעס, און אויפהאָדעווען קריינקליכע און פער־הונגערטע קינדער אין דער מיטע פון אונמעגליכע און פאָלקאָם אבשטויסענדע אומשטענדען. די זיכערהייט פון דער געזעלשאַפט וועט דאַן ניט אָבהייננגען אָן דעם צושטאַנד פון וועטטער — ווי עס איז יעצט דער פאַל. ווען עס קומט אַ פראָסט, וועלען מיר דאַן ניט האָבען קיין הונדערט טויזענד מענשע אויסער אַרבייט, אַרומ־געהענדיג איבער די גאַסען אין אַ צושטאַנד פון העסליכסטער נויט, אָדער וויינענדיג פאַר א פענני פון זייערע שכנים, אָדער אַרומ־רינגלענדיג אין מאַסען די טהירען פון אָן אָבשטויסענדעס לאָזשיר־הויז, זיך שפאַרענדיג און שטופענדיג, אום צו קריגען אַ ביסען פערדאַרטעס ברויט און אַ שמוציגען געלעגער פאַר דער נאַכט. יעדער מיטגליעד וועט אין דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט אַנ־טהייל נעהמען אין דעם אַלגעמיינעם וואוילזיין און גליקזעלליקייט, און ווען עס וועט קומען אַ פראָסט וועט קיינער ניט זיין אויף קיין האָר געשאַדעט צוליעב דעם.

אָן דער אַנדערער זייט, וועט דער סאָציאַליזמוס האָבען אַ גרויסע וויכטיגקייט, איינפאַך דערפאַר וואָס ער וועט פיהרען צו וואַהרע אינדיווידואַליזמוס.

סאָציאַליזמוס, קאָמוניזמוס, אָדער ווי נאָר איינער מעג עס ניט אָנרופען, וועט — דורך דעם וואָס עס וועט מאַכען די יעצטיגע פריוואַט אייגענטהום פאַר אַלגעמיינע רייכטהום, און אָננעהמענדיג קאָאָפּעראַציאָן אַנשטאָט פון די היינטיגע קאָנקורענץ—פון דאָס ניי ברייננגען די מענשליכע געזעלשאַפט צו איהר ריכטיגען צושטאַנד, צו אַ פאָלשטענדיג געזונדען אָרגאַניזם, און עס וועט פערזיכערען דעם וואָהלזיין פון יעדען מיטגליד פון דער געזעלשאַפט. עס וועט אין דער ווירקליכקייט, געבען צום ל ע ב ע ן זיין ריכטיגען פונדאַ־מענט און די ריכטיגע אומשטענדען. אָבער, אום צו ענטוויקלען דעם ל ע ב ע ן צו דער העכסטער גראַד פון פאָלקאָמענהייט, דאַרף מען

עפּעס האָבען נאָך עטוואָס וואָס מען דאַרף, און דאָס איז אינדיווידואַליזמוס. אויב דער סאָציאַליזמוס וועט זיין בעגרינדעט אויף אויטאָריטעט, אויב עס וועלען דאַן זיין רעגירונגען, בעוואַפּענט מיט עקאָנאָמישע מאַכט אַזוי ווי זיי זיינען יעצט מיט פּאָליטישע מאַכט, מיט איין וואָרט, אויב מיר וועלען האָבען אינדוסטריעלע טיראַנען, — דאַן וועט די לעצטע שטופּע פֿון'ם מענשען זיין פֿיעל ערגער ווי די ערשטע.

אין דער יעצטיגער צייט קענען פֿילע מענשען, וואָס בעזיצען פּריוואַט אייגענטהום, ענטוויקלען אויף אַ געוויסען און זעהר בעשרענקטען גראַד זייער אינדיווידואַליזמוס. ענטוועדער זיי געפֿינען זיך ניט גענויטיגט צו אַרבייטען פֿאַר זייערע לעבענס־מיטעל אָדער זיי זיינען אימשטאַנדע זיך אויסצוקלייבען אַזאַ אַרט טהעטיגקייט, וועלכע איז ווירקליך פּאַסענד פֿאַר זיי און וואָס פֿערשאַפֿט זיי פֿערגניגען; דאָס זיינען פּאָעטען, פֿילאָזאָפֿען, מענער פֿון וויסענשאַפֿט, מענער פֿון בילדונג — מיט איין וואָרט, די ווירקליכע מענשען, וועלכע האָבען זיך פֿערווירקליכט, און אין וועמען די גאַנצע מענשהייט געווינט אַ טהיילווייזע פֿערווירקליכונג. אָן דער אַנדערער זייט, גיבען זעהר פֿיעל מענשען, וועלכע, ניט האָבענדיג קיינע פּריוואַט אייגענטהום און זיך געפֿינענדיג ביי'ן ברעג פֿון פֿערהונגערען, זיינען געצוואונגען צו אַרבייטען ווי די אָקסען; צו מאַכען אַזעלכע אַ־בייט וואָס איז אונפּאַסענד פֿאַר זייערע נאַטירליכע פֿעהיגקייטען און געזונד, און צו וועלכע זיי ווערען געטריבען דורך די שטרענגע, אונגעריכטיגע און ערנידעריגענדע טיראַניי פֿון נויט. דאָס זיינען די אָרעמע, און אונטער זיי געפֿינט איהר ניט קיינע שעהנע מאַנערען, אָדער צוציהענדע רעדען; קיינע ציוויליזאַציאָן, אָדער בילדונג, אָדער פֿערפֿיינערונג אין זייערע אונטערהאַלטונגען, און קיינע פֿערגניגען פֿון זייער לעבען. פֿון זייערע אַלגעמיינע קראַפֿט געווינט די מענשהייט זעהר פֿיעל מאַטעריעלע רייכטהימער. אָבער נאָר מאַטעריעלע רעזולטאַטען געווינט די מענשהייט; און דער אָרעמאַן גופא האָט קיין שום וויכטיגקייט ניט. ער איז נאָר אַזוי אַן אונבעמערקבאַר קליינינקער אַטאָם (אַ טהייל, אַ קערענדיל) פֿון אַ גרויסע קראַפֿט, פֿון וועלכע, אויסער וואָס ער ווערט ניט אַנערקענט, ווערט ער נאָך געדריקט; אָדער ריכטיגער געזאָגט, ער ווערט אַבזיכטליך געדריקט, דען זייענדיג אונטערדריקט, איז ער פֿיעל מעהר געהאָרכזאַם.

נאַטירליך קען מען מיט רעכט זאָגען, דאָס אַזאַ אינדיווידואַ־ליזמוס וועלכער ווערט פערפלאַנצט אונטער אַ צושטאַנד פון פריוואַט אייגענטהום איז געוויינליך ניט פון קיין גרויסאַרטיגען און פיינעם סאָרט, און דאָס, ווען אויך די אָרימע האָבען ניט קיין ביל־דונג און אָנציהונג האָבען זיי דאָך פילע מעלות.

דיזעביידע בעמערקונגען זיינען גאַנץ ריכטיג. זעהר אָפט איז דער פערמעגען פון פריוואַט אייגענטהום שטאַרק דעמאָראַליזירענד און דאָס איז נאַטירליך איינע פון די אורזאַכען וואָרום סאָציאַליזמוס וויל אָוועקמאַכען דערמיט. פריוואַט אייגענטהום איז, אין דער טהאַט, ווי אַ שטענדיגער הויקער אויף זיך. מיט יאָהרען צוריק האָבען גע־וויסע מענשען ערקלערט איבעראַל, אַז אייגענטהום האָט פפליכטען, זיי האָבען עס 'אַזוי אָפט גע'טענה'ט און ווידער־האָלט, דאָס די גייסטליכע האָבען עס יעצט אָנגעפאַנגען נאַכצוזאָגען אין אַלע שו־לען און קירכעס. עס איז פאָלשטענדיג וואַהר: ניט נאָר דאָס איי־גענטהום האָט פפליכטען, זאָנדערען עס האָט אַזוי פיעל פפליכ־טען, דאָס דער בעזיץ פון אַ גרויסען פערמעגען איז אַ בעלעסטי־גונג. עס בעדייטעד אונענדליכע פאָדערונגען נאָכצוקומען, אונענד־ליכע אויפמערקזאַמקייט צו געשעפט, אונענדליכע קאָפ דרייענעס: „מרבה נכסים מרבה דאגה". ווען אייגענטהום וואָלט נאָר ענטהאַל־טען פערגניגען, וואָלטען מיר עס געקענט אויסשטעהען; אָבער איהרע פפליכטען מאַכען עס אונערטרעגליך. צוליעב די אינטערעסען פון די רייכע זעלבסט דאַרפען מיר מאַכען אַ סוף פון פריוואַט איי־גענטהום.

איבער די טוגענדען (מעלות) פון די אָרימע קען מען גלייך מודה זיין, און דאָס איז שטאַרק צו בעדויערען. אָפטמאָל זאָגט מען אונז דאָס די אָרימע זיינען זעהר דאַנקבאַר פאַר צדקה. מאַנכע פון זיי זיינען עס, אָהנע צווייפעל; אָבער די בעסטע פון די אָרימע זיינען קיינמאָל ניט דאַנקבאַר. זיי זיינען אונ־דאַנקבאַר, אונצופריעדען, אונגעהאָרכזאַם און רעוואָלוציאָנער. זיי זיינען גאַנץ גערעכט אַזוי צו זיין. זיי פיהלען, דאָס צדקה־געבעריי איז אַ לעכערליכע און קאַלטע רפואה, וואו דער רייכער זוכט כלומרשט זיך אויסצוגלייכען פאַר די קריוודעס, וואָס ער טהוט די אָרימע; אָדער זיי בעטראַכטען עס פאַר אַ סענטימענטאַלע מתנה, וועלכע איז געוועהנליך בעגלייטעט מיט אַ חוצפה'דיגען פערזוך פון

דעם געבער צו טיראַניזירען איבער זייער פריוואַטען לעבען. וואַ־רום זאָלען זיי זיין דאַנקבאַר פֿאַר די ברעקלאַך וואָס פֿאַלען אַרונ־טער פֿון דעם רייכען מאַן׳ס טיש? זיי האָבען בעדאַרפֿט זיצען ביי׳ן טיש, און זיי פֿאנגען עס אָן צו פֿערשטעהען.

וואָס אַנבעטרעפֿט זייער אונצופֿריעדענהייט, קען מען מיט רעכט זאָגען, דאָס דער יעניגער וועלכער וואָלט ניט זיין אונצופֿרי־דען מיט אַזעלכע אומשטענדען און אַזאַ נידעריגען אַרט לעבען, וואָלט זיין אַ פֿאָלשטענדיגע געמיינע בעשעפֿעניש. אונגעהאָרכזאַמ־קייט איז, אין די אויגען פֿון יעדען איינעם וואָס איז בעקאַנט מיט היסטאָריע, דעם מענשען׳ס ערשטע מעלה. דורך אונגעהאָרכזאַמקייט איז געמאַכט געוואָרען פראָגרעס, — דורך אונגעהאָרכזאַמקייט און רעבעליאָן.

מאַנכעס מאָל לויבט מען די אָרימע דערפֿאַר וואָס זיי זיינען שפּאָרזאַם. אָבער צו פרעדיגען שפּאָרזאַמקייט צו די אָרימע איז אַ דומהייט און אַ בעליידיגונג. עס איז אַזוי ווי מען וואָלט ראַטהען אַ מענשען וואָס הונגערט צו עסען ווייניגער. פֿאַר אַ שטאָט אָדער לאַנד אַרבייטער צו פראקטיצירען שפּאָרזאַמקייט וואָלט זיין העכסט אונמאָראַליש. דער מענש בעדאַרף ניט וועלען בעווייזען, אַז ער קען לעבען ווי אַ שלעכט געקאָרמעטע בהמה. ער בעדאַרף זיך ענטזאַגען צו לעבען אויף דיזען אַרט, און ער זאָל ענטוועדער גנב׳־ענען אָדער לעבען אויף׳ן קהל׳שען חשבון—וואָס דאָס ווערט פון פֿילע בעטראַכט אַלס אַן אַרט גניבה. וואָס בעטלען אַנבעטרעפֿט, איז עס זיכערער צו בעטלען ווי צו נעהמען, אָבער עס איז שעה־נער צו נעהמען ווי צו בעטלען.

ניין! אַן אָרימאַן וואָס איז אונדאַנקבאַר, אונשפּאָרזאַם, אונ־צופֿרידען און רעוואָלוציאָנער — אַזאַ מאַן איז וואַהרשיינליך אַ ריכטיגע פערזענליכקייט און ענטהאַלט פֿיעלעס אין זיך. אין יעדען פֿאַל קען אַזעלכער בעטראַכט ווערען אַלס אַ געזונטער פראָטעסט.

וואָס די „גוטע" אָרימע לייט אַנבעטרעפֿט, זאָ קען מען זיי נאַטירליך שטאַרק בעדויערען, אָבער עס איז גאַנץ אונמעגליך זיי צו בעוואונדערען. זיי האָבען שטילערהייט אָבגעמאַכט מיט זייער פֿיינד, און האָבען פֿערקויפֿט זייער בכורה פֿאַר אַביסעל זעהר שלעכטע לינזען. זיי מוזען אויך געוויס זיין אויסערגעוועהנליך דום. איך קען גוט פֿערשטעהען אַ מאַן ווען ער האַלט טהייער געזעצע

וואָס בעשיצען אייגענטהום, און וויל זיי נאָך פערמעהרען, זאָלאַנג ווי ער זעלבסט איז אימשטאַנדע אונטער אַזעלכע בעדינגונגען צו מאַכען אַ שעהנעם און גייסטיגען לעבען. אָבער עס קומט מיר פאָר כמעט אונגלויבליך, ווי אַזוי אַ מאַן ווענמענס לעבען ווערט פערשוואַרצט און פערביטערט פון אַזעלכע געזעצע קען איבערהויפט צולאָזען אַז זיי זאָלען אָנגעהאַלטען ווערען.

אָבער די אורזאַכע דערפון איז ניט שווער צו געפינען. עס איז איינפאַך דיזעם: נויט און אַרמוטה ערנידעריגען אַזוי פאָלשטענדיג דעם מענשען, און פאַראַליזירען אַזוי שטאַרק די גאַנצע מענשליכע נאַטור, דאָס קיין קלאַסע פון דער מענשהייט איז ניט ווירקליך בעוואוסט. פון איהרע אייגענע ליידען. זיי מוזען דעריבער אויפגעקלעהרט ווערען פון אַנדערע מענשען, און זעהר אָפט ווילען זיי גאָר אין גאַנצען ניט גלויבען וואָס מען דערצעהלט זיי. דאָס וואָס די גרויסע קאַפּיטאַליסטען בעהויפטען וועגען אַגיטאַטאָרס איז אָהנע צווייפעל וואַהר. אַגיטאַטאָרס זיינען טאַקע אַ חבֿרה אַריינמישערס און אַריינשטעקערס, וועלכע בעפאַלען אָפטמאָל אַ פאָלקאָם צופריעדענע קלאַססע פון דער געזעלשאַפט און פערזייען אונטער זיי די זריעה פון אונצופריעדענהייט. דאָס איז אָבער אויך די אורזאַכע וואַרום אַגיטאַטאָרס זיינען אַזוי אונבעדינגט נויטווענדיג. אין אונזער אונפאָלקאָמענעם צושטאַנד וואָלט, אָהן זיי, קיין פאָרשריט ניט געמאַכט געוואָרען צו ציוויליזאַציאָן. נעגער שקלאַפעריי איז אָבגעשאַפט געוואָרען אין אַמעריקאַ, ניט אַלס רעזולטאַט פון די טהעטיגקייט פון די שקלאַפען זעלבסט, און אויך ניט צוליעב אַן אויסדריקליכען וואונש פון די שקלאַפען צו זיין פריי. די שקלאַפעריי איז אַוועקגעמאַכט געוואָרען נור דורך די העכסט אונגעזעצליכע האַנדלונגען פון געוויסע אַגיטאַטאָרס אין באָסטאָן און אַנדערסוואו, וועלכע זיינען אַליין ניט געווען קיין שקלאַפען און ניט קיין אייגענטהימער פון שקלאַפען, און האָבען אַליין ווירקליך קיין שיכות ניט געהאַט מיט די פראַגע. דאָס זיינען געווען, אָהנע צווייפעל, די „אַבאָלישאָניסטס" (די אָבשאַפער) וועלכע האָבען אָנגעצונדען די פאַקעל און האָבען אָנגעפאַנגען דעם גאַנצען געראודער. און עס איז קאָמיש צו בעמערקען, דאָס פון די שקלאַפען זעלבסט האָבען זיי בעקומען, ניט נור זעהר ווייניג שטיצע, זאָנדערן זיי האָבען זאָגאַר קוים וועלכע סימפּאַטיע געקראָגען.

און ווען דער קאַמפּף האָט זיך געענדיגט און די שקלאַפּען האָבען זיך געפונען פריי — זיי האָבען זיך ווירקליך געפונען זאָ פאָלקאָם פריי, אַז זיי זיינען געווען פריי צו פערהונגערען — דאַן האָבען פיעלע פון זיי ביטערליך בעדויערט דעם נייעם צושטאַנד. פאַר דעם דיינקער איז דער טרוירינגסטער פאַקט אין די גאַנצע פראַנצויזישע רעוואָלוציאָן, ניט וואָס מאַריע אַנטואַנעט איז געטויטעט געוואָרען דערפאַר וואָס זי איז געוועזן אַ קעניגען, זאָנדערן דאָס וואָס די הונגעריגע בויערען פון וואַנדע האָבען אָבגעגעבען זייערע לעבענס זאָ פרייווילליג צוליעב דעם העסליכען פעאָדאַליזמוס.

עס איז אַלזאָ קלאָהר, דאָס אַן אויטאָריטעט־סאָציאַליזמוס וועט ניט טויגען. דען וועהרענד אַ גרויסער אַנצאָהל פון מענשען קענען אונטער די יעצטיגע סיסטעמע פיהרען אַ לעבען פון אַ געוויסען גראַד פרייהייט, אויסברייטונג און גליקזעליגקייט, וועט אָבער אונטער אַן אינדוסטריעלע קאַזאַרמען־סיסטעמע, אָדער אַ סיסטעמע פון עקאָנאָמישע טיראַניי, קיינער ניט האָבען די מעגליכקייט צו געניסען אירגענד וועלכע פרייהייט. עס איז זעהר צו בעדויערען, דאָס אַ טהייל מענשען פון דער געזעלשאַפט זאָלען זיין פערשקלאַפט; אָבער עס איז זעהר קינדיש צו וועלען לייזען די פראַגע דורך דעם פערשקלאַפען פון די גאַנצע געזעלשאַפט.

יעדער מאַן מוז איבערגעלאָזען ווערען פאָלקאָם פריי זיך אויסצוקלייבען זיינע אייגענע אַרבייט. קיין צוואַנג טאָר ניט אויסגעאיבט ווערען איבער איהם; זאָנסט וועט די אַרבייט זיין ניט גוט פאַר איהם אַליין, ניט גוט אין זיך זעלבסט, און אויך ניט גוט פיר אַנדערע. און מיט דעם וואָרט אַרבייט מיין איך אירגענד וועלכע טהעטיגקייט.

איך קען עס קוים דיינקען, דאָס אירגענד וועלכער סאָציאַליסט, אין דער יעצטיגער צייט, זאָל ערנסטליך מאַכען אַ פאָרשלאַג, דאָס אַן אינספעקטאָר זאָל קומען יעדען פריהמאָרגען אין יעדער הויז און נאָכזעהן, אַז יעדער בירגער איז אויפגעשטאַנען אין דער צייט און האָט אויפגעטהון אַכט שטונדען קערפּערליכע אַרבייט. די מענשהייט האָט שוין אַריבערגעלעבט דיזער שטופע, און זי פערבעהאַלט נור אַזאַ אַרט לעבען פאַר אַזעלכע וועמען זי וויל אָנרופען (אין אַ זעהר אונגערעכטען אַרט) „פערברעכער.“ אָבער איך מוז צוגעבען, דאָס פילע סאָציאַליסטישע מיינונגען,

(וועלכע איך בין פֿאַרגעקומען,) שיינען מיר צו זיין דורכגעמישט מיט די בעגריפֿע פֿון אויטאָריטעט, ווען ניט פֿון ווירקליכען צוואַנג. נאַטירליך קען דאָ גאָר קיין רייד ניט זיין פֿון אויטאָריטעט אָדער צוואַנג: אַלע געזעלשאַפֿטען מוזען זיין פֿאָלשטענדיג פֿרייווילליגע. נור אין פֿרייוויללינע געזעלשאַפֿטען איז דער מענש עכט פֿריי.

אָבער, מען וועט פֿילייכט פֿרעגען, ווי אַזוי קען אינדיווידואַליזמוס, וועמעס ענטוויקלונג היינגט יעצט מעהר אָדער וויינינער אָב אין דעם עקזיסטענץ פֿון פריוואַט אייגענטהום, ציהען נוצען פֿון די אָבשאַפֿונג פֿון פריוואַט אייגענטהום?

די אַנטוואָרט דערויף איז גאַנץ איינפֿאַך. עס איז וואַהר, דאָס אונטער די יעצטיגע קאָנדיציאָנען האָט אַ געוויסער קליינער צאָהל מענשען, וואָס האָבען בעזעסען פריוואַט אייגענטהום, געהאַט די מעגליכקייט צו פֿערווירקליכען מעהר אָדער וויינינער זייער פֿאָלקאָמענע פערזענליכקייט — אַזוי ווי, צום ביישפיעל, די פּאָעטען בייראָן, שעללי, בראַונינג, וויקטאָר הוגאָ, באָדעלייר און אַנדערע. ניט איינער פֿון זיי איז ווען עס איז גענויטיגט געוועזען צו מאַכען כאָטש איין איינציגען טאָג אַרבייט פֿאַר אַ לוין. זיי זיינען געוועזען פֿריי פֿון אַרמוטה. זיי האָבען געהאַט אַ זאָנדערבאַרען פֿאָרטייל. די פֿראַגע איז, אויב עס וואָלט זיין גוט פֿאַר'ן אינדיווידואַליזמוס, ווען מען זאָל אַוועקנעהמען אַזאַ פֿאָרטייל. לאָמיר זיך פֿאָרשטעלען, אַז מען שאַפֿט אָפּ פריוואַט אייגענטהום און דערמיט געהט אויך אַוועק דיזער פֿאָרטייל. וואָס וועט דאַן פֿאָרקומען מיט אינדיווידואַליזמוס? ווי אַזוי וועט אינדיווידואַליזמוס דערפֿון פּראָפֿימירען?

עס וועט פּראָפֿיטירען אויף דיזען אַרט. אונטער די נייע קאָנדיציאָנען וועט אינדיווידואַליזמוס זיין פֿיעל פֿרייער, פֿיעל פֿיינער און פֿיעל שאַרפֿער ווי עס איז יעצט. איך רייד דאָ ניט פֿון אַזאַ גרויסען אינדיווידואַליזמוס, ווי פֿון די אויבענגענאַנטע פּאָעטען, וועלכען מען קען נאָר בעגרייפֿען אין די געדאַנקען; זאָנדערען פֿון דעם גרויסען ווירקליכען אינדיווידואַליזמוס וועלכער איז פֿערבאָרגען און פֿעהיג פֿערווירקליכט צו ווערען ביי די גאַנצע מענשהייט. דען פריוואַט אייגענטהום האָט אין אמת'ן זעהר געשאַדעט און פֿערדונקעלט די פערזענליכקייט אין יעדען מענשען, דורך דעם וואָס עס האָט פֿערביטען דעם מענשען אויף די אייגענטהום וואָס ער

בעזיצט. עס האָט דעם אינדיווידואַליזמוס אין גאַנצען פערדאָרבען. פּריוואַט אייגענטהום האָט געשטעלט דעם מענשען אַלס ציעל: אימער מעהר צו געווינען, ניט אַלץ ווייטער צו פּראָגרעסירען; זאָ דאָס דער מענש האָט געהאַלטען פאַר זעהר וויכטיג צו האָבען, און האָט ניט געוואוסט, אַז די הויפּט־וויכטיגע זאַך איז צו זיין. די וואַהרע פאָלקאָמענהייט פון׳ם מענשען ליעגט, ניט אין וואָס ער האָט, נאָר אין וואָס ער איז.

פּריוואַט אייגענטהום, האָט צושמעטערט דעם וואַהרען אינדיווידואַליזמוס, און האָט בעשאַפען אַ פאַלשען אינדיווידואַליזמוס. עס האָט אַוועקגענומען דעם אינדיווידואַליזמוס פון דער געזעלשאַפט דורך דעם וואָס עס מאַכט זיי ליידען הונגער. עס האָט אַוועקגענומען דעם אינדיווידואַליזמוס פון׳ם אַנדערען טהייל דער געזעלשאַפט דורך דעם וואָס עס שטעלט זיי אויף אַ פאַלשע וועג און בעלעסטיגט זיי מיט פליכטען. די פּערזענליכקייט פון יעדען מענשען איז, אין דער טהאַט, אַזוי פאָלקאָם פערשלונגען פון זיין פערמעגען, דאָס די ענגלישע געזעץ בעהאַנדעלט אימער פיעל שטרענגער פערברעכען וואָס ווערען בעגאַנגען געגען יענעמס אייגענטהום ווי פערברעכען געגען יענעמס פּערזאָן. אייגענטהום איז נאָך אַלץ די פּראָבע פון פאָלקאָמענע בירגערשאַפט: קיין אייגענטהום, קיין בירגער...

די אַנשטרענגונג וועלכע איז נויטיג אום צו מאַכען געלד איז אויך זעהר פערדערבליך. אין אונזער היינטיגער געזעלשאַפט, וואו מען קריגט צוליעב אייגענטהום אונגעהויער פיעל כבוד, גדולה, רעספּעקט, גרויסאַרטיגע מיטלען און נאָך אַנדערע אַנגענעהמע זאַכען פון דעם זעלבען זאָרט, מאַכט זיך דער מענש—זייענדיג פון דער נאַטור מיט אַמביציעס—פאַר זיין אויפגאַבע אָנצוזאַמלען דיעזע אייגענטהום, און ער האַלט אַלץ אין זאַמלען מעהר און מעהר, אָהן אָן אויפהער, זאָגאַר ווען ער פערמאָגט שוין פיעל מעהר וויפיעל ער קען געברויכען, געניסען, און נאָך מעהר פיליכט וויפיעל ער וויים אפילו. מענשען מאָרדעווען זיך דורך צופיעל אַרבייט, נור אום זיך איינצושאַפען אייגענטהום; און, אין אמת׳ן, ווען מען בעדיינקט זיך וואָס פאַר גרויסע פאָרטיילע אייגענטהום ברייננגט מיט, דאַן קען מען זיך קוים וואונדערען דערויף. עס פערדריסט זיך נור, וואַרום די געזעלשאַפט זאָל זיין בעגרינדעט אויף אַזאַ פונדאַמענט,

דאָס דער מענש ווערט אַריינגעצוואונגען אין אַ שפּעלטיל, אין ווייעלכען ער קען ניט פריי ענטוויקלען דאָס וואָס ער בעזיצט אין זיך וואונדערליכעס, אַנציהענדעס און פּראַכטפאָלעס—אין וועלכען ער קען, אין דער ווירקליכקייט, ניט געפינען דעם וואַהרען גענים אָדער פערגניגען פון לעבען.

אויסער דעם איז ער, אונטער די היינטיגע פערהעלטניסע, גאַנץ אונזיכער. אַ גרויסער, רייכער קויפמאַן קען זיין—און איז זעהר אָפט—יעדע מינוט פון זיין לעבען אָבהענגיג אָן זאַכען איבער וועלכע ער האָט ניט קיין דעה, אויב דער ווינד בלאָזט אונגעפעהר אויף אַ פּינטעלע מעהר אויף'ן טערמאָמעטער, אָדער אויב דער וועטער ענדערט זיך פּלוצלינג, אָדער וועלכע ניט איז קלייניגקייט פּאַסירט, דאַן קען זיין שיף אונטערגעהן, זיינע שפּעקולאַציאָנען קענען דורכפאַלען, און ער געפינט זיך פּלוצלינג אַ קבצן, מיט זיין גאַנצע לייטישע פּאָזיציאָן פאָלקאָם פערשוואונדען. אָבער אייגענט־ליך האָט קיין זאַך ניט בעדאַרפט קענען שאַדען דעם מענשען ווי ער זיך זעלבסט. קיין זאַך דאַרף איבערהויפּט ניט זיין אימשטאַנדע צו בערויבען אַ מענשען. וואָס דער מענש בעזיצט אין דער ווירק־ליכקייט איז דאָס וואָס עס געפינט זיך אין איהם; דאָס וואָס איז אויסער איהם בעדאַרף ווערען בעטראַכטעט פאַר ניט וויכטיג.

מיט דער אָבשאַפונג פון פּריוואַט אייגענטהום וועלען מיר אַלזאָ האָבען אַ וואהרען, שיינעם און געזונטען אינדיווידואַליזמוס. קיינער וועט ניט פערברייינגען זיין לעבען אין אָנזאַמלען רייכטהימער און די סמנים פון רייכטהימער. דער מענש וועט לעבען. לעבען איז די זעלטענסטע זאַך אין דער וועלט: די מעהרסטע מענשען עקזיסטירען נור, און ניט מעהר.

עס איז אַ פראַגע, אויב מיר האָבען איבערהויפּט גאָר ווען־עס־איז געזעהען דעם פולען אויסדרוק פון אַ פּערזענליכקייט (אינדיווידואַליזמוס), אויסער ווי אין דער גייסטיגער אומגעבונג פון קונסט; נור קיינמאָהל ניט אין געוועהנליכען טהעטיגען לעבען. מאָמסען זאָגט, דאָס צעזאַר איז געווען דער פאָלקאָמענער און פאָלשטענדיגער מענש. אָבער ווי שרעקליך אונזיכער צעזאַר איז געווען! וואו נאָר עס איז דאָ אַ מענש, וואָס איבט אויס אויטאָרי־טעט, דאָרטען געפינט זיך אויך אַזוינער וואָס רעבעלירט געגען אויטאָריטעט. צעזאַר איז געווען זעהר פאָלקאָמען, אָבער זיין

פאָלקאָמענהייט איז געגאַנגען אין אַ צו־געפּעהרליכע וועג. מאַרקוס אָרעליוס איז געווען דער פאָלקאָמענער מענש, אָבער ווי אונ־ערטרעגליך זיינען געווען די אונענדליכע פאָדערונגען וואָס מען האָט אויף איהם ארויפגעלייגט! ער איז געפאַלען אונטער׳ן לאַסט פון דער מלוכה. ער האָט געפיהלט, ווי אונמעגליך עס איז געווען פאַר איין מענשען צו טראָגען אויף זיך די געוויכט פון יענע ריעזיגע און צו־גרויסע קעניגרייך.

וואָס איך מיין מיט די ווערטער „אַ פאָלקאָמענער מענש,“ איז אַזעלכער, וואָס ענטוויקעלט זיך אונטער די פאָלקאָמענע צושטענדע; אַזעלכער וואָס לעבט אָהנע יסורים, אָהנע זאָרג, אָהנע זיך שעדיגען אָדער צו זיין אין געפאַהר. די מעהרסטע פער־זענליכקייטען זיינען געווען געצוואונגען צו זיין רעוואָלוציאָנערען. אַ העלפט פון זייער קראַפט איז אויסגעבראַכט געוואָרען אין שטרייט. צום ביישפּיעל, די פּערזענליכ־קייט פון׳ם פּאָעט בייראָן איז שרעקליך אין ניוועץ געגאַנגען אין דעם קאַמפף מיט דער דומהייט, פאַלשקייט און היפּאָקריטיזמוס פון די ענגלענדער. אַזעלכע קעמפּפע גיבען קיינמאָל ניט צו קיין געזונד. בייראָן איז דאַדורך ניט געווען אימשטאַנדע אונז צו געבען אַלעס דאָס וואָס ער וואָלט אונז געקענט געבען. שעללי האָט שוין בעסער אָבגעשניטען. ער האָט אויך, אַזוי ווי בייראָן, פער־לאָזען ענגלאַנד זאָ גיך ווי מעגליך, אָבער ער איז ניט געווען אַזוי גוט בעקאַנט. ווען די ענגלענדער וואָלטען דאַמאָלס געוואוסט וואָס פאַר אַ גרויסער פּאָעט שעללי איז געווען, וואָלטען זיי אויף איהם אָנגעפאַלען מיט זייערע ציינער און נעגעל, און וואָלטען איהם גע־ווים צוריסען אויף שטיקער. אָבער ער איז ניט געווען קיין בעמער־קענסווערטע פּערזאָן אין דער געזעלשאַפט, און פאָלגליך האָט איהם געלונגען אויסצומיידען די פערפאָלגונגען. און דאָך געפינען מיר זעהר אָפט זאָגאַר אין שעללי אַ זעהר שטאַרקען מאַן פון רעבעליאָן. דער טאָן פון׳ם פאָלקאָמענעם מענש איז ניט רעבעליאָן אָנדערען פריעדען.

די וואַהרע פּערזענליכקייט פון׳ם מענשען, ווען מיר וועלען עס האָבען, וועט זיין אַ זאָנדערבאַרע זאַך. עס וועט וואַקסען נאַטירליך און איינפאַך, ווי אַ בלום אָדער ווי אַ בוים, עס וועט ניט זיין אונהאַרמאָניש, עס וועט ניט שטרייטען, ניט דיספּוטירען, ניט

בעווייזען קיין זאַכען; עס וועט אַלעס וויסען, און דאָך וועט עס זיך ניט בעשעפּטיגען וועגען וויסענשאַפּט; עס וועט האָבען פערנונפּט. די ווערדע פון וואָהרע פערזענליכקייט וועט ניט זיין געמאָסטען מיט מאַטריעלע זאַכען, דורך רייכטהימער; עס וועט גאָר־ניט פּערמעגען. און דאָך וועט דאָס האָבען אַלעס; און וויפיעל מען זאָל אַוועקנעהמען דערפון, וועט עס אַלץ האָבען—אַזוי רייך וועט עס זיין. עס וועט זיך ניט מישען אין די אַנגעלעגענהייטען פון אַנדערע, אָדער פערלאַנגען פון אַנדערע זיי זאָלען אויך זיין פונקט אַזוי; עס וועט זיי ליעבען דערפאַר וואָס זיי זיינען פערשיעדען. און דאָך, וועהרענד עס וועט זיך ניט מישען אין יענעמס אַנגעלעגענהייטען, וועט עס אָבער העלפען יעדען, גראַדע אַזוי ווי אַ שיינע זאַך העלפּט אונז דורך דעם גופא וואָס עס איז שעהן. די פערזענליכקייט פון'ם מענשען, וועט זיין זעהר וואונדערפאָל; זאָ וואונדערפאָל, ווי די פערזענליכקייט פון אַ קינד...

יאַ, אינדריווידואַליזמוס ענטהאַלטעט פיעלעס פערנינפטיגעס דער סאָציאַליזמוס, צום ביי שפּיעל, פערניכטעט דעם היינטיגען פאַמיליען־לעבען. מיט די אָבשאַפונג פון פריוואט־אייגענטהום, מוז אויך פערשווינדען די היינטיגע הייראַטס פאָרמע. דאָס איז אַ טייל פון די סאָציאַליסטישע פראָגראַמע. דער אינדריווידואַליזמוס נעהמט אָן דיזען פאָרשלאַג און ער פיינערט עס אויס. דער אינדריווידואַליז־מוס פערוואַנדעלט די אָבשאַפונג פון געזעטצליכע בעשרענקונג אויף אַ פאָרמע פון פרייהייט, וועלכע וועט פיהרען צו די ענטוויק־לונג דער פערזענליכקייט, און וועט מאַכען די ליעבע צווישען מאַן און פרוי פיעל מעהר וואונדערפאָל, פראַכטפאָל און עדעלהאַפט.

איבער דעם טויער פון די אַלטע וועלט איז געווען אָנגעשריי־בען: „וויס, פערשטעה דיין אייגענעם זעלבסט". איבער דעם טויער פון די נייע וועלט וועט שטעהן: „זיי, לעב נאָך דיין אייגענעם זעלבסט". עס מעג זיך זיין אַ גרויסער פּאָעט אָדער אַ גרויסער וויסענשאַפטסמאַן, אַ יונגער סטודענט אין אוניווערזיטעט אָדער אַ פּאַסטוך וואָס האָט שעפסען אויף'ן לאָנקע, אַ דיכטער פון דראַ־מאַטישע ווי שייקספּיער אָדער אַ דיינקער וועגען גאָט ווי שפינאָזאַ, אַ קינד וואָס שפּילט זיך אין גאָרטען אָדער אַ פיש־פאַנגער וואָס וואַרפט זיין נעץ אין ים,— עס מאַכט ניט אויס ווער ער איז, זאָ־לאַנג ווי ער פערווירקליכט די פערפאָלקאָמונג פון זיין אינערליכע

וועלע, זיין פערזענליכקייט. אַלע נאָכמאַכונגען, אין מאָראַליטעט ווי אין לעבען, זיינען אונריכטיג...

אינדיווידואַליזמוס איז אַלזאָ דאָס צו וואָס מיר וועלען עררייכען דורך׳ן סאָציאַליזמוס. אַלס נאַטירליכער רעזולטאַט וועט דער שטאַאַט מוזען אויפהערען צו רעגירען די מענשהייט. דער שטאַאַט וועט מוזען פערשווינדען דערפאַר, ווייל, ווי אַ קלוגער מאַן האָט אַ מאָל געזאָגט מיט עטליכע הונדערט יאָהר פריהער פון קריסטוס, עס גיבט אַזאַ זאַך ווי צו לאָזען צו־רוה די מענשען, אָבער עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי רעגירען די מענשען. אַלע פאָרמען פון רעגירונגען פאַלען דורך. דעספּאָטיזמוס איז אַן אונרעכט פאַר יעדען, זאָגאַר פאַר דעם דעספּאָט זעלבסט, וועלכער איז וואַהרשיינליך בעשאַפען געוואָרען פאַר בעסערע זאַכען. די רעגירונג פון אַ מינאָריטעט (אָליגאַרכיע) איז אַן אונרעכט פאַר די מאַיאָריטעט, און די רעגירונג פון אַ מאַיאָריטעט (אָקלאָקראַטיע) איז אַן אונרעכט פאַר די מינאָריטעט.

אַמאָל האָט מען זיך געמאַכט גרויסע האָפנונגען איבער דעמאָקראַטיע; אָבער דעמאָקראַטיע בעדייטעט איינפאַך: דער בולאַוועווען אָדער קנוטעווען פון׳ם פאָלק, דורך׳ן פאָלק, פאַר׳ן פאָלק. מי האָט עס אויסגעפונען. איך מוז אויך זאָגען, אַז עס איז שוין לאַנג צייט געווען דאָס אויסצוגעפינען, דען יעדע אויטאָריטעט איז זעהר פערדערבליך. עס פערדאַרבט די יעניגע וואָס פראַקטיצירען אויטאָריטעט, און עס פערדאַרבט די יעניגע איבער וועמען עס ווערט פראַקטיצירט. ווען אויטאָריטעט ווערט אַנגעווענדעט דורך געוואַלד, עקשנות, און ברוטאַליטעט, דאַן פראָדוצירט עס אַ גוטען רעזולטאַט, דערמיט וואָס עס בעשאַפט אָדער, יעדענפאַלס, רופט אַרויס דעם גייסט פון רעבעלליאָן און אינדיווידואַליזמוס, וועלכער טויטעט עס. ווען אָבער אויטאָריטעט ווערט געברויכט מיט אַ געוויסען גראַד פון גוטסקייט, און דערצו נאָך בעגלייטעט פון נאַגראַדעס און בעלוינונגען, דאַן איז עס שרעקליך פערדערבליך. אין אַזאַ פאַל, זיינען די מענשען וועהניגער בעוואוסט פון דעם שרעקליכען דרוק, וואָס מי לייגט אויף זיי אַרויף; און זאָ שלאָפען זיי דורך זייערע לעבענס אין אַן אַרט גראָבע בעקוועמליכקייט, אַזוי ווי געלאַשצעטע טהיערע, ניט בעגרייפענדיג צום מאָל, דאָס זיי נעהמען וואַהרשיינליך זייערע געדאַנקען פון אַנדערע, לעבען נאָך

דער מאָס פון אַנדערע, טראָגען געוועהנליך וואָס מי רופט אויס־געטראָגענע קליידער פון אַנדערע מענשען, און זיינען קיינמאָל פאַר קיין מאָמענט ניט זעלבסטשטענדיג. „דער וואָס וויל זיין פריי", זאָגט אַ געוויסער פיינער דענקער, „טאָר זיך ניט אונטערוואַרפען". און, דורך דעם וואָס עס קויפט אונטער מענשען זיי זאָלען זיך אונטערוואַרפען, פעראורזאַכט אויטאָריטעט אַ זעהר העסליכען אַרט פון באַרבאַריזמוס אונטער אונז.

צוזאַמען מיט אויטאָריטעט וועט אויך פערשווינדען בעשטראָ־פונג. דיזעס וועט זיין אַ גרויסער געווינס — אַ געווינס, וועלכער וועט, אין דער טהאַט, זיין אונשאַצבאַרליך. ווען מי לייענט היס־טאָריע, — ניט אין די פערקירצטע און פערפעלשטע פאָרמען וואָס זיינען געדרוקט פאַר שול־קינדער, זאָנדערן אין די ביכער פון די ריכטיגע און אָריגינעלע שרייבער פון יעדער צייט — דאַן עקעלט עס פשוט אָב, ניט פון די פיעלע פערברעכענעס וואָס די שלעכטע האָבען בעגאַנגען, זאָנדערן די פילע בעשטראָפונגען וואָס די גוטע האָבען אויס געאיבט. און אַ געזעלשאַפט ווערט פיעל מעהר ברוטאַליזירט דורך שטענדיגען בעשט־ראָפען ווי עס איז פון די פערברעכען וואָס ווערען צייטענווייז בעגאַנגען. פאָלגליך איז עס גאַנץ בעשטימט, אַז, וואָס מעהר שטראָף עס ווערט אויסגעאיבט, אַלץ מעהר פערברעכען ווערט בעשאַפען; און די פאָרטגעשטריי־טענסטע פון די היינטיגע געזעצמאַכער אַנערקענען דיזען פאַקט, און זיי זוכען דעריבער צו פערקלענערען בעשטראָפונג זאָ ווייט ווי זיי דיינקען פאַר מעגליך.

וואו נאָר בעשטראָפונג איז ווירקליך פערקלענערט געוואָרען, זיינען די רעזולטאַטען אימער געוועזען העכסט גוט. וואָס ווייניגער בעשטראָפונג, אַלץ ווייניגער פערברעכען, ווען עס וועט מעהר אין גאַנצען קיין בעשטראָפונג ניט זיין, וועט דאַן פערברעכען ענטוועדער פאָלקאָם פערשווינדען אָדער, אויב עס וועט יאָ ווען עס איז פאָרקומען, וועט עס בעהאַנדעלט ווערען פון דאָקטוירים אַלס אַ פיינליכער אַרט פון גייסטעס קראַנקהייט, וועלכעס דאַרף קורירט ווערען דורך פאָרזיכט און גוטסקייט. דען דאָס וואָס מי רופט היינ־טיגע צייטען פערברעכער זיינען ניט קיין פערברעכער. הונגער, ניט קיין בייזער געדאַנק, איז דער פאָטער פון היינטיגע פערברע־

כען, דאָס איז די אורזאַכע וואָרום אונזערע פֿערברעכער זיינען, אַלס אַ קלאַססע, אַזוי פֿאַלשטענדיג ניט אינטערעסאַנט פֿון אירגענד וועלכען פסיכאָלאָגישען שטאַנדפונקט. זיי זיינען בלויז דאָס וואָס געוועהנליכע אַנשטענדיגע פּראָסטע מענשען וואָלטען זיין, ווען זיי וואָלטען ניט געהאַט געננג צום עסען, ווען פּריוואַט אייגענטהום וועט זיין אָבגעשאַפֿט, וועט ניט זיין קיין נויטוועגדיגקייט, קיין בעדערפֿניס פֿאַר קיין פֿערברעכען און עס וועט אויפֿהערען צו עקזעסטירען.

געוועהנליך זיינען ניט אַלע פֿערברעכענס נור געגען אייגענטהום, אָבוואָהל אַזעלכע פֿערברעכענס ווערען פֿון דער געזעץ — וועלכע האַלט טהייערער דאָס וואָס דער מענש האָט ווי דאָס וואָס דער מענש איז — בעשטראָפֿט מיט די שאַרפֿסטע און שרעקליכסטע שטרענגקייט; דאָס הייסט, ווען מיר מאַכען אַן אויסנאַהמע מיט אַ זעלכע פֿערברעכען ווי מאָרד, און ווען מיר בעטראַכטען דעם טוידט פֿאַר אַן ערגערע שטראָף ווי שווערע אַרבייט — איבער וועלכען פונקט, איך גלויב, אונזערע פֿערברעכער שטימען ניט איין. אָבער, אָבוואָהל אַ פֿערברעכען קען זיין ניט גראַדע געגען אייגענטהום, קען עס דאָך ענטשטעהן פֿון די אַרמוטה, די וואוטה, די ענטמוטיגונג, וועלכע ווערען פֿעראורזאַכט פֿון אונזער היינטיגע אונגערעכטע סיסטעמע פֿון פּריוואַט אייגענטהום, און ווען דיזע סיסטעמע איז אָבגעשאַפֿט וועלען זיי אויך פֿערשווינדען. ווען יעדער מיטגליעד פֿון דער געזעלשאַפֿט האָט אַלע זיינע בעדירפֿניסע, און ער ווערט ניט אָנגעגריפֿען פֿון זיין נאַכבאַר, וועט ער אויך קיין שום אינטערעסע ניט האָבען אָנצוגרייפֿען אירגענד וועלכען אַנדערען. אייפֿערזוכט, וועלכעס איז אַן אויסערגעוועהנליכע קוועלע פֿון פֿערברעכען אין אונזער יעצטיגען לעבען, איז אַזאַ'ן אַרט געפֿיהל וועלכער איז שטאַרק פֿערוויקעלט מיט אונזער בעגריף איבער אייגענטהום און אונטער סאָציאַליזמוס און אינדיווידואַליזמוס וועט דיזער געפֿיהל אָבשטאַרבען. עס איז מערקווירדיג, דאָס אין קאָמוניסטישע פֿאַמיליען אָדער קאָלאָניעס איז אייפֿערזוכט פֿאָלקאָם אונבעקאַנט.

נון אָבער, וועט מען פֿיליכט פֿרעגען, אויב דער שטאַאַט וועט ניט מעהר הערשען, טו וואָס וועט פֿאַרנעהמען דעם פּלאַץ פֿון שטאַאַט? די אַנטוואָרט איז, די פֿרייע פֿעראייניגטע געזעלשאַפֿט,

וועלכע וועט אָרגאַניזירען די אַרבייט און וועט פאַבריצירען און פערטיילען די נויטיגע פראָדוקטען. די געזעלשאַפט וועט מאַכען וואָס איז ניצליך; דער איינצעלנער וועט מאַכען וואָס איז פראַכטפאָל.

ביי דעם וואָרט אַרבייט, מוז איך בעמערקען, דאָס זעהר פיעל אונזין ווערט גערעדט און געשריבען היינטיגע צייטען איבער די ערהאַבענהייט פון קערפערליכע אַרבייט. אָבער קערפערליכע אַרבייט ענטהאַלטעט קיין זאַך ניט וואָס זאָל זיין ערהאבענעס, און צום גרעסטען טהייל איז דאָס פאָלקאָם ערנידעריגענד. עס איז גייסטיג און מאָראַליש שעדליך פאַר דעם מענשען צו טהאָן עטוואָס, אין וועלכעס ער געפינט ניט קיין פערגעניגען; און פילע וואָרטען אַרבייט זיינען גאַנץ פערגעניגענסלאָז, און זיי דאַרפען אַזוי בעטראַכט ווערען. צו רייניגען אַ שמוציגע גאָס פאַר אַכט שטונדען אין טאָג, ווערהענד אַ שטאַרקער מזרח-ווינד בלאָזט, איז אַן אַבּ־ שטויסענדעס בעשעפטיגונג. צו טהאָן אַזאַ אַרבייט מיט פערגעניגען וואָלט זיין שרעקליך. דער מענש איז בעשאַפען פאַר עפּעס בעסערס ווי צו ראַמען בלאָטע. אַזעלכע אַרבייט דאַרף געמאַכט ווערען פון אַ מאַשין.

און איך האָב קיין צווייפעל ניט, דאָס עס וועט אַזוי זיין. ביז אַהער איז דער מענש געוועזען, צו אַ געוויסען גראַד, דער שקלאַף פון מאַשינעריע; און דיזער פאַקט איז אויך טרויעריג, דאָס זאָ גיך ווי דער מענש האָט ערפונדען אַ מאַשין האָט ער אָנגעפאַנגען צו הונגערען. אָבער דיזעס איז, נאַטירליך, נור דער רעזולטאַט פון אונזער סיסטעמע פון פריוואַט אייגענטהום און קאָנקורענציע. איין מענש בעזיצט אַ מאַשין וואָס טהוט די אַרבייט פון פינף הונדערט, פינף הונדערט מענשען ווערען פאָלגליך אַרויסגעוואָרפען פון דער אַרבייט, און ניט האָבענדיג קיינע אַרבייט און זייענדיג הונגעריג, נעהמען זיי זיך צום גנב'ענען. דער איינער פערכאַפּט אַלעס וואָס דער מאַשין פּראָדוצירט, און ער האָט פינף הונדערט מאָהל אַזוי פיעל וויפיעל ער האָט בעדאַרפט האָבען, און—וואָס דאָס איז פיעל וויכטיגער—וואַהרשיינליך נאָך אויך פיעל מעהר וויפיעל ער קען פערברויכען. ווען דיזער מאַשין וואָלט געהערט צו אַלעמען, וואָלט יעדער איינער געהאַט אַ בענעפיט דערפון. עס וואָלט געוועזען אַן אונגעהויערער פאָרטייל פאַר די געזעלשאַפט.

אַלע גראָבע אַרבייט, אַלע אַרבייט וואָס איז מאָנאָטאָן (אימ־מער אויף איין אָרט) און לאַנגווײלענד, אַלע אַרבייט וואָס איז פערבונדען מיט העסליכע זאַכען און ענטהאַלטען אין זיך אונאַנגענעהמע קאָנדיציאָנען — דיזעס אַלעס מוז געמאַכט ווערען פון מאַשינען. מאַשינעריע מוז מאַכען אונזערע נויטיגע ארבייט אין די קוילען גרובען, עס מוז טהאָן די אַרבייט פון רייניגען די קאַנאַלען, עס מוז זיין דער הייצער פון דאַמפף־שיפען, עס מוז לויפען אַ גאַנג אין אַ נאַסען טאָג און טהאָן אַלעסדינג וואָס איז לאַנגווײלענד אָדער שמערצליך פאַר דעם מענשען. אין דער יעצטיגער צייט קאָנקורירט דער מאַשין געגען דעם מענשען; אונטער אַ ריכטיגען געזעלשאַפטס־צושטאַנד וועט מאַשינעריע העלפען דעם מענשען.

עס איז קיין צווייפעל ניט, דאָס דיזעס וועט זיין די צוקונפ־טיגע ראָליע פון מאַשינעריע; און פונקט אַזוי ווי בוימער וואַכסען ווערהענד דער לאַנד־ווירט שלאָפט, אַזוי וועט אויך זיין, דאָס, ווערהענד די מענשהייט וועט זיך אַמוזירען, אָדער געניסען אַ פערפיינערטען אונטערהאַלט און רוהע־צייט — וואָס דיזעס, און ניט שווער אַרבייט, איז דער הויפט ציעל פון מענשען — אָדער מאַכען־דיג פראַכטפאָלע זאכען, אָדער לעזענדיג גרויסאַרטיגע ביכער, אָדער סתם בעטראַכטענדיג די וועלט מיט בעוואונדערונג און פער־גניגען, וועט אין דער זעלבער צייט די מאַשינעריע אָבטאָהן אַלע נויטיגע און אונאַנגענעהמע אַרבייט.

דער פאַקט איז, דאָס ציוויליזאַציאָן פאָדערט שקלאַפען. אין דעם זיינען די גריכען גערעכט געווען. בילדונג און דיינקען ווערען כמעט אונמעגליך, סיידען ווען עס זיינען דאָ שקלאַפען צו טהאָן די העסליכע, די שרעקליכע, אונאינטערעסאַנטע אַרבייט. מענשען־שקלאַפעריי איז אָבער אונגערעכט, אונזיכער און פערדערבענד. די צוקונפט פון דער וועלט הייננט אָב אויף מעכאַנישע שקלאַפעריי, אויף די שקלאַפעריי פון׳ם מאַשין.

און ווען וויסענשאַפטליכע מענער וועלען מעהר ניט ווערען אויפגעפאָדערט צו געהן נאָך אַן ענטמוטיגענדען איסט־ענד, אום דאָרטען אונטער די אָרימע און הונגעריגע צו פערטיילען שלעכטע קאַפע און נאָך ערגערע קליידער, דאַן וועלען דיזע מענער האָבען פערגניגענדע און פרייע צייט, אין וועלכע אויסצואַרבייטען וואונ־

דערפֿאָלע און זעלטענע זאַכען, צו די פֿריידע פֿון זיך זעלבסט און פֿון יעדען אנדערען. עס וועלען זיין גרויסע מאַגאַזינען אָנגעפֿילט מיט קראַפֿט פֿאַר דעם געברויך פֿון יעדע שטאָדט, און ווען נויטיג אויך פֿאַר יעדע הויז, און דיזע קראַפֿט וועט דער מענש פֿערוואַנד־לען אין בעהייצונג, בעלייכטונג, אָדער בעוועגונג — לויט ווי ער וועט ברויכען.

איז דיזעס אונעררייכבאַר, אוטאָפּיש? אַ וועלט קאַרטע וואָס ענטהאַלטעט ניט אין זיך אוטאָפּיאַ איז ניט ווערט דערויף אַ קוק צו טאָהן, דען עס לאָזט אויס די איינצעלנע לאַנד צו וועלכע די מענשהייט קירעוועט אימער איהר זעגעל־שיף. און ווען די מענשהייט קומט אָן צום ברעג פֿון יענע לאַנד, קוקט זי זיך אַרום, און, זעהענדיג פֿון וויטען נאָך בעסערע לאַנד, זעגעלט זי איהר שיף ווייטער אַהין. פּראָגרעס איז די פֿערווירקליכונג פֿון אוטאָפּיעס.

איך האָב געזאָגט, ראָס די געזעלשאַפֿט וועט, דורך די אָרגאַ־ניזירונג פֿון מאַשינעריע, בעזאָרגען אַלע ניצליכע זאַכען, און דאָס די פּראַכטפֿאָלע זאַכען וועלען געמאַכט ווערען פֿון׳ם איינצעלנעם. דיזעס איז ניט נור נויטווענדיג, זאָנדערן עס איז אויך טאַקי די איינצעלנע מעגליכע וועג דורך וועלכע מיר זאָלען קענען האָבען די איינע ווי די אַנדערע. אַ מאַן וואָס האָט צו מאַכען זאַכען פֿאַר דעם געברויך פֿון אַנדערע, און לויט נאָך זייער וואונש און קאַפּריז, אַזאַ מאַן נעהמט קיין אינטערעסע ניט אין זיינע אַרבייט; און פֿאָלגליך קען ער ניט אַריינגעבען אין דיזע אַרבייט דאָס בעסטע וואָס ער בעזיצט. פֿון דער צווייטער זייט, ווען נור אַ געזעלשאַפֿט, אָדער אַ שטאַרקער טהייל פֿון דער געזעלשאַפֿט, אָדער אַ רעגירונג פֿון אירגענד וועלכער אַרט, פּרובירט אַ דעה זאָגען דעם קינסטלער, וואָס ער זאָל טאָהן, זאָ ווערט די קונסט ענטוועדער אין גאַנצען פֿערשוואונדען, אָדער עס ווערט אַ סטיראָטיפּירטע (אָבגעגאָסענע) קונסט, אָדער עס ווערט אַרונטערגעבראַכט צו אַ נידעריגען און העס־ליכען זאָרט אַרבייט. אַ קינסטליכע שטיק אַרבייט איז דער זעלטענער רעזולטאַט פֿון אַ זעלטענעם טעמ־פּעראַמענט. איהר שענקייט קומט דערפֿון וואָס איהר מאַכער אָדער פֿערפֿאַסער איז דאָס וואָס ער איז. ער האָט גאָרניט צו טאָהן דערמיט וואָס

אַנדערע מענשען ווילען האָבען דאָס וואָס זיי ווילען. אין דעם מאָמענט וואָס אַ קינסטלער פאַנגט זיך אָן צו בעקימערען ווענען דעם וואָס אַנדערע מענשען פאָדערען, און ער זוכט צו בעפרידיגען זייער פאָדערונג, אין דעם זעלבען מאָמענט, הערט ער אויף, אין דער טהאַט, צו זיין אַ קינסטלער און ווערט אַ לאַנגווייליגענדער אָדער אַמוזירענדער אַרבייטער, אַן עהרליכער אָדער אַן אונעהרליכער געשעפטסמאַן. ער איז שוין מעהר ניט בערעכטיגט בעטראַכט צו ווערען אַלס קינסטלער: קונסט איז די שאַרפסטע פאָרמע פון אינדיווידואַליזמוס וואָס האָט איבערהויפט נאָך עקזיסטירט. איך דיינק, אַז דאָס איז די איינצעלנע ריכטיגע פאָרמע פון אינדיווידואַליזמוס וואָס די וועלט האָט געזעהן.

נור אַליין, אָהנע צו בעטראַכטען זיינע נאָכבאַרען און אָהנע אַנדערענס אַריינמישונג, קען דער קינסטלער מאַכען זיין פראַכטפאָלעס ווערק; און ווען ער טהוט עס ניט בלויז צוליעב זיין אייגענעם פערגעניגען, איז ער גאָר אין גאַנצען ניט קיין קינסטלער. דערצו דאַרף מען נאָך בעמערקען דיזען פאַקט, דאָס קונסט איז אַזאַ שאַרפע פאָרמע פון אינדיווידואַליזמוס, דאָס דער פובליקום זוכט דעריבער אויסצואיבען אַן אויטאָריטעט, וועלכעס איז זאָ אונמאָראַליש ווי לעכערליך, און זאָ פערדערבליך ווי העסליך עס איז אָבער ניט אין גאַנצען דער שולד פון פובליקום. דער פובליקום איז אימער און אין יעדער צייט זעהר שלעכט ערצויגען געוואָרען. דער פובליקום פערלאַנגט אימער, אַז קונסט זאָל זיין פאָפולאַר—דייטליך און פערשטענדליך—אום צופריעדען צושטעלען דעם פאָלקס-געשמאַק, צו שמייכלען זיינע נאַרישע אייטעלקייט, צו דערציילען איהם דאָס וואָס ער האָט שוין פריהער געהערט, צו צייגען איהם דאָס וואָס האָט איהם שוין לאַנג געדאַרפט ווערען מיאוס ועהענדיג, צו אַמוזירען איהם דאַן ווען ער פיהלט זיך שווער נאָך'ן עסען צופיעל, און צו פערטרייבען זיינע געדאַנקען ווען ער איז פערזאָרגט צוליב אייגענע דומהייט; אָבער קונסט דאַרף קיינמאָל ניט זוכען צו זיין פאָפולאר. דאָס פאָלק דאַרף זוכען צו ענטוויקלען אין זיך אַ'קינסטלעריכען געשמאַק.

אָט דאָ ליגט אַ גאַנץ גרויסער אונטערשיעד. ווען מי זאָל זאָגען, צום ביישפיעל, צו אַ וויסענשאַפטסמאַן, דאָס די רעזולטאַ-

טען פון זיינע נאָכפאָרשונגען און די שליסע וועלכע ער וועט ציהען מוזען זיין אַזעלכע, וועלכע זאָלען ניט אָבשטרייטען די אַלטע בע־גריפע וואָס דאָס פאָלק האָט זיך געמאַכט וועגען דעם געגענשטאַנד, ניט שטערען דעם פאָלקס פאָראורטייל, און ניט אָנריהרען די קיצעלדיגע ערטער פון די יעניגע וואָס ווייסען ניט אַ האָר פון קיין וויסענשאַפט; ווען מי זאָל זאָגען אַ פהילאָזאָף, דאָס ער האָט פאָלקאָם רעכט צו שפעקולירען ביזען העכסטען גראַד פון דיינקען, אָבער בתנאי אַז ער זאָל קומען צו דיזעלבע מיינונגען וואָס ווערען געהאַלטען פון די וואָס האָבען קיינמאָל אין זייער לעבען גאָרניט אָנגעהויבען צו דיינקען — ווען מי זאָל זאָ וואָס פאָרשלאָגען, אין דער יעצטיגער צייט, וואָלט זיך דער וויסענשאַפטסמאַן זאָ ווי דער פהילאָזאָף שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט. און דאָך איז עס נאָך אין גאַנצען ערשט נור אַ פאָר יאָהר ווי פהיליזאָפיע און וויסענשאַפט זיינען געווען אונטערוואָרפען אונטער אַ ברוטאַלע פאָלקס־קאָנט־ראָלע, אין דער טהאַט, אונטער אויטאָריטעט — די אויטאָריטעט פון ענטוועדער די אַלגעמיינע אונוויסענהייט פון דער געזעלשאַפט, אָדער דער טעראָר פון נאָכיאָגונג נאָך מאַכט פון די גייסטליכע און הערשענדע קלאַסע. מיר האָבען נאַטירליך, אויף אַ זעהר הויכען גראַד, אַוועקגעמאַכט מיט דעם געזוך פון דער געזעלשאַפט, די קירכע און די רעגירונג זיך אַריינצומישען אין דעם פרייען דיינקען פון׳ם מענשען; אָבער דער פערזוך זיך אַריינצושטעלען אין די קונסט פון׳ם מענשען איז נאָך איבערגעבליבען.

נור אַזעלכע זאָרטען קונסט, אין וועלכע דער פובליקום נעהמט קיין אינטערעסע ניט, האָט אין ענגלאַנד געלונגען אויסצומיידען דיזע הינדערניסע און שטערונגען. אַלס ביישפיעל וואָס איך מיין, קען איך אָנצייגען אויף פאָעזיע. עס איז אונז מעגליך געווען צו האָבען פיינע פאָעזיע אין ענגלאַנד, ווייל דער פובליקום לעז׳ט דאָס ניט, און האָבען פאָלגליך קיין איינפלוס דעריבער. דעם פובליקום ווילט זיך געוויינליך בעליידיגען פאָעטען, דערפאַר וואָס זיי זיינען אויס־נאַהמען; אָבער קוים האָט דאָס פאָלק זיי בעליידינט, דאַן לאָזט עס זיי צורוה, אָבער אין דעם פאַל פון שריפטשטעלער און דראַ־מאַטיקער, אין וועלכעס דאָס פובליקום איז יאַ פעראינטערעסירט, איז דער רעזולטאַט פון די אויסגעאיבטע פאָלקס אויטאָריטעט גע־ווען העכסט לעכערליך.

קיין לאַנד פראָדוצירט ניט אַ זעלכע שלעכט-געשריבענע ביכער, אַזעלכע לאַנגוויילענד, פראָסטע אַרבייט אין די פאָרמע פון נאָוועלען, אַזעלכע גראָבע און דוממע דראַמאַס, ווי אין ענגלאַנד. דאָס איז אויך גאַנץ נאַטירליכערווייזע. דער פאָלקס-געשמאַק איז פון אַזאַ מין זאָרט, אַז קיין אַרטיסט קען עס ניט ריכטיג צופרע-פען. צו זיין אַ פאָפולערער נאָוועליסט איז ביידעס, אי צו לייכט אי צו-שווער, אין דער זעלבער צייט. עס איז צולייכט, ווייל דער פערלאַנג פון'ם פובליקום, זאָ ווייט וואָס אַנבעלאַנגט צום אינהאַלט, פאָרמע, פסיכאָלאָגיע, בעהאַנדלונג פון לעבען, און די בעהאַנדלונג פון ליטעראַטור — קען עס דער גרעסטער עם-הארץ ערפילען. עס איז אָבער אויך צושווער, ווייל אום נאָכצוקומען אַזעלכע פאָדע-רונגען מוז דער אַרטיסט פערגוואַלדעווען זיינע אייגענע געפיהלען. ער מוז דאַן שרייבען, ניט צוליעב דעם ארטיסטישען פערגניגען וואָס ער זעלבסט האָט פון שרייבען, זאָנדערן אום צו אַמוזירען האַלב געבילדעטע מענשען, און ער איז אויף דיזען אופן געצוואונ-גען צו אונטערדריקען זיין אינדיווידואַליטעט, צו פערגעסען זיין בילדונג, פערניכטען זיין פאָרמע, אונטערוואַרפען אַלעס וואָס איז ווערטבאַר אין איהם.

אין דעם פאַל פון די דראַמאַ איז עס שוין אַ ביסעל בעסער. דער פובליקום וואָס בעזוכט דעם טהעאַטער ליעבט אפילו דאָס וואָס איז לייכט צו פאַרשטעהן מיט'ן צוזעהן, וואָס איז אויגענשיינ-ליך, אָבער זיי ליעבען ניט דאָס וואָס איז לאַנגוויילענד; און לייכטע סאַטירישע קאָמעדיעס ענטהאַלטען אַ געוויסע פאָרמע פון קונסט. פראַכטפאָלע אַרבייט קען פראָדוצירט ווערען אונטער קאָנדיציאָנען פון אַ סאַטירישע קאָמעדיע, און אין אַזאַ מין ארבייט ווערט אין ענגלאַנד ערלויבט דעם פערפאַסער זעהר פיעל פרייהייט. עס איז אָבער גראַדע ווען מי פאַנגט אָן צו בעטראַכטען די העכערע פאָרמען פון דער דראַמאַ, דאָס מי בעמערקט דעם רעזול-טאַט פון די פאָלקס קאָנטראָלע. די איינציגע זאַך וואָס דאָס פובליקום וויל ניט האָבען איז אַ נייאיגקייט. וואו נור דער דיכטער פערזוכט אויסצוברייטען דעם אינהאַלט פון זיין קונסטווערק, עס איז העכסט אונאַנגנעהם פאַר'ן פובליקום; און דאָך היינגט אָב דער גאַנצער לעבען ווי דער פראגרעס פון קונסט אָן די שטענדיגע אויסברייטונג פון דעם אינהאַלט.

דער פובליקום וויל ניט האָבען קיין נייאיגקייט, ווייל עס האָט מורא דערפאַר. דיזעס שטעלט פאַר פאַר זיי אַ מין אינדיווידואַליזמוס, אַן ערקלערונג פון דעם דיכטער, אַז ער זעלבסט קלייבט אויס זיין אייגענעם אינהאַלט, און ער בעהאַנדעלט עס אַזוי ווי ער וויל. דאָס פובליקום האָט אייגענטליך רעכט אין דיזער הינזיכט, דען קונסט איז אינדיווידואַליזמוס, און אינדיווידואַליזמוס איז אַ קראַפט וועלכע שטערט און צערגלידערט. דאַרין ליגט די גרויסע וויכטיגקייט דערפון. דען וואָס דער אינדיווידואַליזמוס זוכט צו שטערען אין דעם מאָנאָטאָן (אימער די זעלבע) אין פאָרמע, די שקלאַפעריי פון אַלגעמיינעם מנהג, די טיראַניי פון פערזענליכער געוואוינהייט. און דאָס וואָס מאַכט דעם מענשען פאַר אַן אָטאָמאַטישע מאַשינע. דאָס פובליקום נעהמט אָן, אין קונסט, אַלעס אַזוי ווי עס איז, ניט ווייל עס געפעלט זיי, זאָנדערן ווייל זיי קענען עס ניט ענדערען. די קלאַססישע שריפטשטעלער שלינגען זיי אַרונטער אין גאַנצען מיט איין צוג, אַזוי ווי אַ פיל, און פערזוכען קיינמאָל ניט דעם טעם דערפון. זיי דולדען די קלאַססיקער אלס עטוואָס אונפערמיידליכעס, און ניט קענענדיג קריטיזירען, פלאַפלערט מען נור איבער זיי. זאָנדערבאַר, אָדער ניט, ווי איינער זאָל עס ניט בעטראַכטען, יעדענפאַלס דיזער אַרונטערשלינגען פון די קלאַססישע שרייבער טהוט זעהר פיעל שאַדען. די בעוואונדערונג פון די ביבעל און שייקספּיער, אין ענגלאַנד, אָהנע דיזעלבע צו קריטיזירען, קען דיענען אַלס ביישפּיל וואָס איך מיין. וואָס אַנבעטרעפט די ביבעל, דאַרף מען נאַטירליך ניט פערגעסען, דאָס די אויטאָריטעט פון רבנים און גלחים האָט דערצו פיעל בייגעטראָגען, זאָ דאָס איך ב״ווּיך דאָ ניט ריידען דעריבער.

אָבער אין דעם פאַל פון שייקספּיער איז עס גאַנץ קלאָר, אַז דאָס פובליקום זעהט, אין דער ווירקליכקייט, ניט די מעלות און ניט די חסרונות פון זיינע טהעאַטער שטיקער. ווען זיי וואָלטען איינגעזעהען די שעהנהייט, דאַן וואָלטען זיי געוויס ניט געהאַט דאַגעגען די ענטוויקלונג פון דער דראַמאַ; און ווען זיי וואָלטען איינגעזעהען די חסרונות, וואָלטען זיי דאַן אויך ניט איינגעווענדעט צו די אויסברייטונג פון דער דראַמאַ. דער פאַקט איז, דער פובליקום בענוצט זיך מיט די קלאַסישע שרייבער און דיכטער פון אַ לאַנד אַלס מיטעל אָב-

צוהאַלטען דעם וויטערען פראָגרעס פון קונסט. זיי ערנידעריגען די קלאַסיקער דורך דעם ערקלערען זיי פאַר אוי־טאָריטעטען. זיי געברויכען די קלאַסיקער אַלס בולאַוועס, אום דער־מיט אָבצושרעקען דעם אויסדרוק פון שעהנהייט און קונסט אין אירגענד וועלכע נייע פאָרמע. דעם שרייבער פרעגען זיי אימער, וואָרום ער שרייבט ניט אַזוי ווי יענער, און דעם מאַלער וואָרום ער מאָלט נים אַזוי ווי יענער — ניט בעגרייפענדיג דעם פאַקט, דאָס אויב אימיצער פון זיי וואלט טאַקי אַזוי געטהון, וואָלט ער מעהר קיין קינסטלער ניט געוועזן.

אַ נייער אַרט קונסט אָדער אַ נייע פאָרמע פון שעהנקייט שמעקט זיי קיינמאָל ניט, און ווען נור עס קומט פאָר, ווערען זיי אַזוי אויפגערעגט, אַז זיי געברויכען, אין זייער גרימצאָרן, צוויי דוממע אויסדריקע: ערשטענס, דאָס קונסט איז העכסט אונפער־שטענדליך; צווייטענס, דאָס קונסט איז העכסט אונמאָראַליש. וואָס זיי מיינען מיט דיזע ווערטער שיינט מיר צו זיין דיזעס. ווען זיי זאָגען, דאָס אַ קונסט־ווערק איז „אונפערשטענדליך", מיינען זיי דערמיט, דאָס דער קינסטלער האָט געזאָגט אָדער געמאַכט אַ פראַכטפאָלע זאַך וואָס איז נ י י; ווען זיי בעשרייבען אַ קונסט־ווערק אַלס „אונמאָראַליש", מיינען זיי דערמיט, דאָס דער קינסט־לער האָט געזאָגט אָדער געמאַכט אַ פראַכטפאָלע זאַך וואָס איז וואַהר. דער ערשטער אויסדרוק בעציהט זיך אויף דער פאָרמע. דער צווייטער אויסדרוק צום אינהאַלט פון דער זאַך. נאָר וואַהר־שיינליך געברויכען זיי דיזע אויסדריקע אָהנע וועלכע בעדיינקען זיך, גראַדע ווי שטראַסען יונגען געברויכען די פאַרטיגע ברוקיר־שטיינער. עס איז ניטאָ, צום ביישפיעל, ניט איין ריכטיגער פאָעט אָדער פראָזאַ־שרייבער פון דיזען יאַהרהונדערט, אויף וועמען דער ענג־לישער פובליקום האָט ניט הייליגערווייזע אַרויפגעשטעמפעלט די דיפלאָמאַ פון „אונ־מאָראַליטעט". דיזע דיפלאָמאַס שפּיעלען דאָ אין ענגלאַנד די זעלבע ראָלע — איבען אוים די זעלבע צענזורע — ווי אין פראַנק־רייך די פאָרמעלע „אַנערקענונג" פון אַ „שריפטשטעללער אַקאַדע־מיע", און מאַכען גליקליכער ווייזע אַזאַ „אַקאַדעמיע" פאָלקאָם אונגוויטיג אין ענגלאַנד.

געוועהנליך איז דער פובליקום זעהר אונפאָרזיכטיג אין דעם געברויכען פון דיזען וואָרט. דאָס וואָרדסוואָרטה זאָל אָנגריפען ווערען פון פובליקום אַן אונמאָראַלישער פּאָעט, איז עס גראַדע געוועזען צו ערוואַרטען. וואָרדסוואָרטה איז געוועזען אַ פּאָעט. אָבער אָנצורופען טשאַרלס קינגסלי אַן אונמאָראַלישער נאָוועליסט, דאָס איז שוין זאָנדערבאַר. קינגסלי'ס פּראָזא איז ניט געוועזען פון אַ זעהר שעהנעם גאַטטונג. אָבער, דער וואָרט „אונמאָראַליש" איז דאָ, און דער פובליקום בענוצט זיך מיט איהם זאָ גוט ווי ער קען. אַ קינסטלער לאָזט זיך, נאַטירליך, ניט שטערען דערפון. דער וואַהרער קינסטלער איז אַ מאַן וואָס האָט די פאָללסטע צוטרויען אין זיך, ווייל ער איז פאָלשטענדיג זיין אייגענער זעלבסט. אָבער איך שטעל מיך פאָר, אַז ווען אַ קינסטלער זאָל פּראָדוציִרען אַ קינסטליכעס ווערק אין ענגלאַנד וואָס זאָל באַלד אָנערקענט ווערען פון פובליקום — דורך זיינע פערמיטלער, די צייטונגען — אַלס אַ ווערק וואָס איז גאַנץ פערשטענדליך און העכסט מאָראַליש, אין אַזאַ פאַל וואָלט דער קינסטלער אָנפאַנגען זיך שטאַרק צו פרעגען, אויב ער איז ווירקליך געוועזען זיין אייגענער זעלבסט, אַרבייטענדיג אויף דאָס ווערק, און פאָלגליך אויב אַזעלכע אַרבייט איז גאָר ניט פיליכט אונווירדיג פאַר איהם: ענטוועדער דורך דעם וואָס עס איז זעהר פּראָסט אָבגעאַרבייט, אָדער ווייל עס ענטהאַלטעט איבערהויפט קיין שום קונסט ניט.

איך האָב אָבער, פיליכט, בעגאַנגען אַן אונרעכט געגען דאָס פובליקום דערמיט וואָס איך האָב בעשרענקט זייערע אויסדריקע נאָר אויף אַזעלכע ווערטער ווי „אונמאָראַליש", „אונפערשטענדליך". עס איז דאָ נאָך אַ וואָרט, וועלכען דאָס פובליקום געברויכט — נעמליך, „שגעון". דיזער וואָרט ווערט ניט אָפט געברויכט. די בעדייטונג דערפון איז אַזוי איינפאַך, דאָס דער פובליקום האָט עס מורא צו געברויכען. דאָך געברויכט מען עס מאַנכעס מאָל, און ווילענוויִז געפינט מען אויך דיזען אויסדרוק אין פּאָפּולערע צייטונגען. נאַטירליך איז עס לעכערליך אָנצואווענדען אַזאַ אויסדרוק אויף אַ קונסט־ווערק. דען וואָס דען איז אַ „שגעון", ווי נאָר אַ טעמפּעראַמענט פון געפיהל אָדער אַ פאָרמע פון דיינקען, וועלכעס מען קען ניט אויסדריקען. דער קינסטלער איז קיינמאָל ניט קיין שגעון. ער דריקט אויס אַלעס. ער שטעהט

אויסערהאַלב דעם אינהאַלט אָדער געגענשטאַנד פֿון זיין ווערק, דורך וועלכער ער פּראָדוצירט זעלטענע און קינסטליכע רעזולטאַטען. אָנצורופֿען אַ קינסטלער „שגעון" דערפֿאַר, וואָס ער בעהאַנדעלט אין זיינע קונסט־ווערקע אַזעלכע פֿראַגען אָדער געגענשטענדע וועלכע ענטהאַלטען שגעונות, איז פּונקט אַזוי נאַריש ווי ווען מען זאָל אָנרופען שייקספּיער משוגע ווייל ער האָט געשריעבען „קינג ליער".

אין אַלגעמיין גענומען, געווינט דערביי אַ קינסטלער, אין ענגלאַנד, ווען ער ווערט אַטאַקירט. זיין אינדיווידואַליזמוס ווערט ביי איהם פֿערשאַרפֿט. ער ווערט מעהר פֿאָלשטענדיג אין זיך זעלבסט. נאַטירליך זיינען די אַנגריפֿע זעהר געמיין, זעהר חוצפּה'דיג און זעהר פֿערעכטליך. אָבער קיין קינסטלער ערוואַרטעט ניט קיין אַדעלקייט פֿון אַ גראָבען יונג, און קיינע פֿיינע געדאַנקען פֿון אַ פּויערשען קאָפּ. גראָבקייט און דומהייט זיינען צוויי זעהר לעבענדיגע פֿאַקטען אין דעם יעצטיגען לעבען. נאַטירליך, בעדויערט זיך עס שטאַרק. אָבער דאָ זיינען זיי. זיי זיינען געגענשטענדע, וועלכע מען דאַרף נאָכשטודירען, אַזוי ווי אַלע אַנדערע זאַכען. און עס איז ניט מעהר ווי ריכטיג צו בעמערקען, דאָס, וואָס אַנבעטרעפֿט צו די היינטיגע צייטונג־שרייבער, זאָ בעטען זיי אייך אימער אום ענטשולדיגונג פריוואַטום דערפֿאַר וואָס זיי האָבען געשריבען געגען אייך עפֿענטליך...

היער קען מען נאָך בעמערקען, דאָס זייט די לעצטע עטליכע יאָהר זיינען נאָך אַ פּאָר אויסדריקע צוגעגעבען געוואָרען צום בעשרענקטען צאָהל פֿון שימפּפֿווערטער געגען קונסט, וועלכע שטעהען צום געברויך פֿון'ם פּובליקום. איינס איז דער וואָרט „אונגעזונטע", דער צווייטער איז דער וואָרט „אויסלענדישעס". דער צווייטער וואָרט דריקט נאָר אויס די קנאה פֿון די קליינע מאָמענטאַנע גרעזלעך געגען דעם אונשטערבליכען, רייצענדען און העכסט־ליעבליכען גאַרטען־בוים. עס איז אַ קאָמפּלימענט, נאָר פֿון קליינער וויכטיגקייט. אָבער דער אויסדרוק „אונגעזונטע", דיזער דאַרף שוין ווערען בעטראַכטעט. עס איז עפּעס אַן אינטערעסאַנטער וואָרט. דער וואָרט איז, אין דער טהאַט, אַזוי אינטערעסאַנט, אַז דאָס פּובליקום וואָס געברויכט עס פֿערשטעהט ניט זיין בעדייטונג.

וואָס בעדייטעט אייגענטליך דיזעס? וואָס הייסט אַ „גע־

זונדע" אָדער אַן „אונגעזונדע" קונסט-ווערק? אַלע אויסדריקע וואָס ווערען אָנגעווענדעט צו אַ קונסט-ווערק, זאָלאַנג ווי זיי ווע־רען געברויכט אין אַ פֿערנינפֿטיגען אופן, בעציהען זיך ענטוועדער צו דער פֿאָרמע אָדער צו דעם אינהאַלט, אָדער צו ביידע. פֿון דעם שטאַנדפונקט דער פֿאָרמע, הייסט אַ געזונדעס קונסט-ווערק אַזאַ ארט זאַך וואו דער קינסטלער אַנערקענט די שיינקייט פֿון דער מאַטעריאַל וועלכע ער בעשעפֿטיגט — מעג די מאַטעריאַל בעשטעהן פֿון ווערטער אָדער פֿון בראָנז, פֿון פֿאַרב אָדער פֿון עלפֿענביין — און ער געברויכט דיזע שיינקייט אַלס מיטעל צו פּראָדוצירען די געשמאַק לעהרענדע רעזולטאַטען. פֿון דעם שטאַנד־פונקט פֿון אינהאַלט, בעדייטעט אַ געזונדע קונסט-ווערק אַזאַ זאַך וואָס דער אינהאַלט דערפֿון ווערט ספּעציעל אויסגעקליבען פֿון'ם קינסטלער, לויט נאָך זיין אייגענעם טעמפּעראַמענט און נייגונגען, פֿון וועלכע דאָס ווערק איז די פֿאָלגע. מיט איין וואָרט, אַ געזונדע קונסט-ווערק הייסט אַ זאַך וועלכע ענטהאַלטעט ביידעס, אי פֿאָל-קאָמענהייט און אי פּערזאָנאַליטעט.

נאַטירליך קען אין אַ קונסט-ווערק ניט אָבגעזונדערט ווערען די פֿאָרמע פֿון'ם אינהאַלט; זיי בילדען אימער איין גאַנצע. אָבער, אום צו קענען אַנאַליזירען און אַוועקלייגען אויף אַ ווײַלע אין אַ זייט דעם גאַנצען געשמאַק-לעהרענדען איינדרוק, קענען מיר זיי פֿערנאַנדערטהיילען אין אונזערע געדאַנקען.

אַן אונגעזונדעס קונסט-ווערק הייסט, אין דער אַנדערער האַנד, אַ ווערק וואָס די פֿאָרמע דערפֿון שלאָגט אָב פֿאַר די אויי־גען; וואָס איז אַלטמאָדיש און פּראָסט, און וואָס דער אינהאַלט דערפֿון איז דירעקט אויסגעקליבען געוואָרען, ניט ווייל דער קינסט-לער האָט וועלכע פֿערגעניגען דערפֿון, זאָנדערן ווייל ער דיינקט, אַז דאָס פּובליקום וועט איהם גוט בעצאָהלען דערפֿאַר. אין *דער טהאַט, די פּאָפּולערע נאָוועלע וועלכע דאָס פּובליקום רופֿט אָן געזונד איז אימער אַ גאַנץ אונגעזונדע שטיק-אַרביים; און וואָס דאָס פּוב-ליקום רופֿט געוויינליך אָן אונגעזונדע נאָ־וועלע איז אימער אַ פּראַכטפֿאָלע און געזונ־דע קונסט-ווערק.*

איך דאַרף דאָ קיים ערקלעהרען, דאָס איך מיין דורכאויס

ניט זיך צו בעקלאָגען, אַז דאָס פובליקום און די פרעססע מיס־
ברויכען דיעזע ווערטער. איך קען איבערהויפּט ניט איינזעהן, ווי
אַזוי זיי זאָלען קענען געברויכען דיעזע ווערטער אין ריכטיגען זין,
ניט האָבענדיג קיין שום בעגריף וואָס קונסט איז. איך וויל נור
אָנצייגען דיעזען מיסברויך; און וואָס אַנבעטרעפט צו די אורזאַכע
פון דיעזען מיסברויך און די כונה וואָס ליגט בעהאַלטען אין דעם,
איז עס גאַנץ לייכט זיך צו ערקלעהרען. דאָס קומט פון דעם באַר־
באַרישען בעגריעף פון אויטאָריטעט. עס קומט דערפון וואָס די
געזעלשאַפט, זייענדיג פערדאָרבען פון אויטאָריטעט, קען נאַטירליך
ניט בעגרייפען און ניט אַנערקענען קיין וואַהרע אינדיווידואַליזמוס.
מיט איין וואָרט, עס קומט פון דיעזע אונגעהייערע און אונוויי־
סענדע זאַך וועלכע מען רופט „עפענטליכע מיינונג." ווי שלעכט
אָדער גוט די כונה פון די „עפענטליכע מיינונג" זאָל ניט זיין ווען
עס פערזוכט צו קאָנטראָלירען די האַנדלונגען פון מענ־
שען, איז עס אָבער שענדליך און בייזהאַפט ווען עס פערזוכט צו
קאָנטראָלירען דעם געדאַנקען אָדער די קונסט.

מען קען, אין דער ווירקליכקייט, פיעל גיכער זאָגען אַ גוט־
וואָרט צו גונסטען פון די „עפענטליכע געוואַלד," ווי מען קען
ריידען צו גונסטען פון די „עפענטליכע מיינונג." די „עפענטליכע
געוואַלד" פון פובליקום קען אָפטמאָל זיין פערנינפטיג; די „עפענט־
ליכע מיינונג" מוז געוועהנליך זיין נאַריש. מען זאָגט אָפטמאָל אַ
וואָרט, דאָס „געוואַלד איז ניט קיין אַרגומענט". דיעזעס אָבער
הייננט אימער אָב אין דעם, וואָס איינער זוכט דערמיט צו בע־
ווייזען. פיעלע פון די העכסט וויכטיגסטע פראַגען פון די לעצטע
עטליכע יאָהרהונדערט — אַזוי ווי, צום ביישפיעל, די אָנהאַלטונג
פון אַ פערזענליכע רעגירונג אין ענגלאַנד, אָדער פון דעם פעדאַ־
ליזמוס אין פראַנקרייך — זיינען פאָלשטענדיג געלייזט געוואָרען
דורך פהיזישע געוואַלד. די געוואַלד פון אַ רעוואָלוציאָן קען נאָך
מאַכען דעם פובליקום פיר אַ מאָמענט פאַר גרויס און הערליך.
עס איז געוועזען אַ טרויעריגער טאָג, ווען דאָס פובליקום האָט אויס־
געפונען, אַז די פעדער איז מעכטיגער ווי די ברוקיר־שטיינער, און
דאָס עס קען געמאַכט ווערען פאַר אזאַ גוטען מיטעל צום קלאַפּען
ווי אַ ציגעל. קוים האָט דאָס פובליקום געמאַכט דיזע ענטדעקונג,
האָט ער גלייך גענומען זוכען אַ צייטונג־שרייבער, האָט איהם גע־

פונען, האָט איהם ענטוויקעלט און גלייך געמאַכט פאַר אַ פליי־סיגען און גוט בעצאהלטען דיענער. דיזעס איז שטאַרק צו בעדוי־ערען, פון זייערעביידענס וועגען. אונטער דער באַריקאַדע קען זיך געפונען פיעלעס וועלכעס איז נאָבעל און העלדיש. אָבער וואָס געפינט זיך הונטער דעם לייט־אַרטיקעל פון א ציימונג־שרייבער, אויסער ווי פאָראורטהייל, דומהייט, היפאָקריטיזמוס און קוואַטש? און ווען דיזע פיער ווערען צוזאַמען פעראייניגט, ווערען זיי דאַן אַ שרעקליכע מאַכט און בילדען די נייע אויטאָריטעט.

אין די אַלטע צייטען האָבען די מענשען געהאַט די מאַרטער־מאַשינע. יעצט האָבען זיי די פרעסע. דיזעס איז געוויס אַ פער־בעסערונג; אָבער דאָך איז עס זעהר שלעכט, און אונרעכט, און פערדערבליך. אימיצער האָט, ראַכט זיך, אָנגערופען די ציימונג־שרייבער, אין דער צייט פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלו־ציאָן, אַלס די פירטע קלאַסע. דאָס איז געווען אמת אין יענער צייט, אָהנע צווייפעל. אָבער אין דעם יעצטיגען מאָמענט שטעלט פאָר די פרעסע די א י נ צ י ג ע קלאַסע: עס האָט אויפגעפרעסען די אַנדערע דריי. די לאָרדען פון אונזער עולם־הזה שווייגען, די לאָרדען פון אונזער עולם הבא שווייגען, די מעמבערס פון פאַרלאַ־מענט האָבען זעהר ווייניג צו זאָגען, און זיי זאָגען וואָס זיי האָבען. רעגירט אָבער ווערען מיר פון די ציימונג שרייבער.

אין אַמעריקאַ הערשט דער פרעזידענט נאָר פיער יאָהר, אָבער די פרעסע רעגירט אימער און אימער. גליקליכערווייזע האָט די פרעסע אין אַמעריקאַ געטריבען איהר אויטאָריטעט צו דער גע־וואַלטיגסטער און ברוטאַלסטער שטופע, און אַלס נאַטירליכע פאָל־גע, האָט עס אָנגעהויבען צו בעשאַפען אַ רעבעלישען גייסט. מענ־שען פיהלען זיך אַמוזירט אָדער אָבגעעקעלט פון די ציימונגען, יע נאָך זייער געשמאַק; אָבער די פרעסע איז שוין דאָרטען ניט מעהר די זעלבע קראַפט וואָס פריהער. עס ווערט שוין ניט מעהר ערנסט־ליך בעטראַכטעט.

אין ענגלאַנד וואו די פרעסע איז ניט געגאַנגען צו אַזאַ אויי־סערליכען גראַד פון ברוטאַליטעט—אַחוץ איינינע אויסנאַהמען—איז עס נאָך אַ ווירקליכע און בעמערקענסווערטע קראַפט. די טי־ראַניי וואָס די פרעסע וויל אויסאיבען אין ענגלאַנד איבער דעם פריוואַטען לעבען פון מענשען שיינט מיר צו זיין אַ גאַנץ זאָנדער־

באַרע. דער פאַקט איז, אַז דאָס פּובליקום האָט אַן אונערזעטליכע נייגיריגקייט צו וויסען אַלצדינג, אַחוץ דאָס וואָס איז ווערט צו וויסען. די צייטונג-שריי-בער ווייסען עס, און האָבענדיג סוחר'ישע געניטקייט, שטעלען זיי צו דעם פּובליקום דאָס וואָס ער פערלאַנגט... מיט הונדערטער יאָהרען צוריק פלעגט דער פּובליקום צונאָגלען די אויערען פון צייטונג-שרייבער צום שטאָט-פּומפּ. דאָס איז געווען עקעלהאַפט. אין דיזען יאָהרהונדערט האָבען די צייטונג-שרייבער צוגענאָגעלט זייערע אייגענע אויערען צום שלאָס-לעכעל פון דער טיהר. דאָס איז פיעל ערגער.

דער שאַרען, וואָס די צייטונג-שרייבער מאַכען אָן, ווערט נאָך אַלץ גרעסער דורך דעם וואָס די יעניגע, וועלכע זיינען אַם מייס-טען צו בלאַמירען זיינען ניט גראַדע די אונטערהאַלטונגס-זשורנאַ-ליסטען, וואָס שרייבען פאַר די זאָגענאַנטע „געזעלשאַפטס-בלעטער" אָדער „פאַמיליען-בלעטער". דער שאַדען ווערט געמאַכט פון די ערנסטע, די פעהיגע און אייפריגע זשורנאַליסטען, וועלכע שלעפּען, מיט גרויס פייערליכקייט, פאַר די אויגען פון'ם פּובליקום זאַכען וואָס פּאַסירען אין פּריוואַטען לעבען פון אַ גרויסען שטאַאַטס-מאַן — אַזאַ וואָס איז אַן אָנפיהרער פון אַ פּאָליטישען געדאַנקען זאָ ווי אַ גרינדער פון פּאָליטישע קראַפט — און זיי פאָדערען אויף דעם פּובליקום צו דיסקוטירען די עראייגנים, אויסצואיבען זיין אוי-טאָריטעט אין דער זאַך, און צו געבען זיין מיינונג דעריבער. און ניט נאָר צו געבען זיין מיינונג, זאָנדערן אויך דורכצופיהרען זיין אורטהייל אין דער ווירקליכקייט—דאָס הייסט, פּשוט צו דיקטירען דיזע פּערזאָן איבער אַלע אַנדערע פּונקטען, צו דיקטירען זיין פּאַרטיי א. ז. וו. מיט איין וואָרט, דער פּובליקום זאָל זיך מאַכען לעכע·ליך, בעליידיגליך און שעדליך. מען דאַרף דעם פּובליקום ניט דערצעהלען איבער דעם פּריוואַטען לעבען פון מענער און פרויען. דער פּובליקום האָט דערמיט ניט צו טהון.

אין פראַנקרייך מאַכען זיי שוין אַנדערס אין אַזעלכע זאַכען. דאָרטען לאָזען זיי ניט צו, אַז די איינצעלהייטען וואָס קומען פאַר פאַר'ן געריכט אין פעללע פון שיידונגען צווישען מאַן און פרוי זאָלען אָבגעדרוקט ווערען פאַר'ן פּובליקום צו אַמוזירען אָדער צו קריטיזירען. אַלעס וואָס מען דערצעהלט דעם פּובליקום איז, דאָס

די שיידונג (נט) האָט שטאַטגעפֿונען. אין דער טהאַט, בעשריינקט מען אין פֿראַנקרייך דעם צייטונגס־שרייבער, און מען ערלויבט דעם קינסטלער כמעט פֿאָלקאָמענע פֿרייהייט. היער אין ענגלאַנד איז פֿערקעהרט. דאָס הייסט, די „ענגלישע מיינונג" זוכט צו בעשרענקען, שטערען און צו האַלטען צוזאַמענגעצויגען דעם מאַן וועלכער מאַכט זאַכען וואָס זיינען פּראַכטפֿאָל, און צווינגט דעם צייטונגס־שרייבער, אויסצושיינקען זאַכען וואָס זיינען העסליך, אַבשטויסענד, אָדער עמפּערענד. אָט אויף דיעזען אַרט האָבען מיר די וויכטיגסטע זשורנאַליסטען און די העסליכסטע צייטונגען אין דער וועלט.

און ווען איך זאָג, אַז די „עפֿענטליכע מיינונג" צווינגט, איז עס דורכאויס ניט איבערטריבען. געוויס זיינען דאָ מאַנכע צייטונגס־שרייבער וועלכע האָבען גרויס פֿערגניגען פֿון שרייבען שרעקליכע זאַכען, אָדער אזעלכע וואָס, זייענדיג אָרעם, וואַרטען זיי אויף סקאַנדאַלעזע נייעס אַלס גוטער מיטעל איינצובריינגען זיך אַ גוטע הכנסה. אָבער, איך בין זיכער, עס גיבען פֿילע אַנדערע זשורנאַליסטען, מענער פֿון גוטע ערציהונג און בילדונג, וועלכע ווילען דורכאויס ניט דרוקען אזעלכע זאַכען, וועלכע ווייסען אַז עס איז אונרעכט דאָס צו דרוקען — און זיי טהוען עס נור ווייל די אונגעזונדע קאָנדיציאָנען, אונטער וועלכע זייער בעשעפֿטיגונג ווערט אָנגעטריבען, צווינגט זיי צו צושטעלען דעם פּובליקום דאָס וואָס דער פּובליקום פֿערלאַנגט; און דערביי נאָך צו קאָנקורירען מיט אַנדערע צייטונגען דורך דעם שרייבען לאַנג און פֿול, און בעפֿרידיגען דעם פֿערדאָרבענעם אַפּעטיט פֿון דעם פּובליקום. עס איז אַ זעהר ערניעדריגענדע פּאָזיציאָן פֿאַר אירגענד וועלכען געבילדעטען מאַן, און אָהנע צווייפֿעל פֿיהלען זיי עס גאַנץ שטאַרק.

לאָמיר אָבער איבערלאָזען די זעהר שמוציגע זייט פֿון דיזער פֿראַגע, און לאָמיר איבערגעהן צו די קאָנטראָלע פֿון די „עפֿענטליכע מיינונג" איבער קונסט, וואו דער קינסטלער ווערט דיקטירט וועלכע פֿאָרמע ער זאָל געברויכען, ווי אַזוי ער זאָל עס געברויכען, און מיט וואָס פֿאַר אַ מאַטריאַל ער זאָל מאַכען זיין אַרבייט. איך האָב שוין פֿריהער ערקלעהרט, דאָס נור די דאָזיגע קונסט אַרבייט אין וועלכע דאָס פּובליקום נעהמט ניט קיין אינטערעסע, האָט עס געלונגען אין ענגלאַנד אויסצומיידען דיעזע קאָנטראָלע. דאָס פּובליקום איז אָבער יאָ פֿעראינטערעסירט אין דער דראַמאַ,

און אַזוי ווי זיינט די לעצטע צעהן אָדער פופצעהן יאָהר איז געמאכט געוואָרען אַ געוויסער פאָרטשריט, איז עס וויכטיג אָנצודייטען, אַז פאַר דיעזען פאָרטשריט האָבען מיר נור צו פערדאַנקען איינינע איינצעלנע קינסטלער, וועלכע האָבען זיך ענטזאַגט נאָכצופאָלגען די געשמאַק־לאָזינגקייט פון'ם פובליקום און צו בעטראַכטען קונסט אַלס אַ געוויינליכער סוחר'ישער פראָדוקט. ווען הענרי ערווינג, מיט זיין מערקווירדיגען טאַלאַנט און פעהיגקייט, וואָלט געזוכט נור צו בעפרידיגען די פאָדערונגען פון'ם פובליקום, דאַן וואָלט ער לייכט געקענט האָבען פאָרגעשטעלט די איינפאַכסטע טהעאַטער־שטיק אין דעם איינפאַכסטען אַרט, און ער וואָלט דערביי נאָך געהאַט זאָפיעל ערפאָלג און געמאַכט זאָפיעל געלד וויפיעל זיין האַרץ וואָלט נור געלוסט. אָבער זיין אַבזיכט איז געווען אַרויסצוציינען זיין אינערליכע פערזענליכקייט און פאָלקאָמענהייט אַלס אַ קינסטלער, אונטער געוויסע קאָנדיציאָנען, און אין געוויסע פאָרמען פון קונסט. אָנפאַנגס איז ער נור אַנערקענט געוואָרען פון די וועניגע; יעצט אָבער האָט ער שוין אויפגעקלעהרט די פיעלע. ער האָט בעשאַפען ביים פובליקוםביידעס, אי געשמאַק און אי טעמפעראַמענט. יעצט אַנערקענט דער פובליקום זיין קינסטליכען ערפאָלג זעהר שטאַרק. דאָך וואונדער איך זיך, זעהר אָפט אויב דאָס פובליקום בעגרייפט, אַז זיין גרויסער ערפאָלג איז איהם געקומען נור דאַדורך, וואָס ער האָט זיך ניט אונטערוואָרפען אונטער דעם פובליקום'ס פערלאַנגען, זאָנדערן ער האָט פערווירקליכט זיין אייגענעם געשמאַק. ווען ער וואָלט נאָכגעטהון זייער בעגעהר, וואָלט זיין „ליסיאום" טהעאַטער געווען אַ פראָסטע שטאָהל, אַזוי ווי פיעלע פאָלקס טהעאַטערס זיינען יעצט.

צו זיי פערשטעהן עס אָדער ניט, יעדענפאַלס בלייבט איבער דער פאַקט, דאָס אויף אַ געוויסען גראַד איז בעשאַפען געוואָרען געשמאַק און טעמפעראַמענט אונטער דעם פובליקום, און אַז דאָס פובליקום איז פעהיג דיעזע איינגנשאַפטען צו ענטוויקלען. דאַן קומט אָבער די פראַגע, טאָ וואַרום ווערט דער פובליקום ניט מעהר ציוויליזירט? ער האָט דאָך די פעהיגקייט, טאָ וואָס זשע האַלט איהם אָב?

די זאַך וואָס האַלט אָב דעם פובליקום פון צו ווערען מעהר

ציוויליזירט, מוז מען דאָ ווידער בעמערקען, איז דער חשק אויס־צואיבען אויטאָריטעט איבער קינסטלער און קונסט־ווערקע. יעדער טהעאַטער אין לאָנדאָן האָט זיך זיין פובליקום, און אין אַזעלכע טהעאַטערס ווי די „לייסיאום" אָדער „היימאַרקעט" שיינט דער פובליקום צו קומען מיט דעם ריכטיגען גייסטעס־צושטאַנד — „אויפֿגעלייגט" איןביידע דיזע טהעאַטערס זיינען געוועזן איינ־צעלנע אקטיאָרען, וועמען עס האָט געלונגען צו בעשאַפֿען אין זייער פובליקום דעם נויטיגען טעמפעראַמענט פֿיר אַ קונסט־ווערק, און וואָס איז דיזער טעמפעראַמענט? עס איז איינפֿאַך דער טעמ־פעראַמענט, דער פֿיהלען זיך „אויפֿגעלייגט", צו עמפפֿאַנגען עפּעס.

ווען אימיצער בעטראַכטעט אַ קונסט־ווערק מיט דעם בע־געהר אייסצואיבען אויטאָריטעט איבער דאָס און איבער דעם קינסטלער, דאַן בעטראַכט ער עס אין אַזאַ גייסטעס־צושטאַנד, דאָס ער קען שוין דערפֿון בשום אופן ניט בעקומען קיין קינסט־לערישען איינדרוק. דאָס קונסט־ווערק בעדאַרף בעהערשען דעם צוזעהער; ניט דער צו־זעהער זאָל בעהערשען דאָס קונסט־ווערק. דער צוזעהער בעדאַרף זיין עמפפֿענגליך. ער האָט פֿאָרצושטעלען די פֿידעל, אויף וועלכער דער קינסטלער בעדאַרף שפּיעלען. און וואָס מעהר ער פֿערטרייבט זיינע אייגענע נאַרישע געדאַנקען, זיינע אייגענע נאַרישע פֿאָראורטהיילע, זיינע אייגענע דומע בעגריפֿע אי־בער דעם וואָס קונסט בעדאַרף יאָ זיין און וואָס עס בעדאַרף ניט זיין, אלץ מעהר וועט ער פֿערשטיין און אַנערקענען די קונסט־ווערק.

עס איז נאַטירליך גאַנץ קלאָר, אַז דיזע בעהויפּטונג איז ריכ־טיג אין דעם פֿאַל פֿון'ם פֿערגרעבטען טהעאַטער פובליקום; אָבער עס איז אויך גאַנץ ריכטיג דיזעס צו בעמערקען אויף די זאָגענאַנ־טע געבילדעטע מענשען. דען די בעגריפֿע פֿון אַ געבילדעטע פּערזאָן איבער דעם וואָס די קונסט דאַרף זיין שטאַמען אַרויס פֿון דעם וואָס די קונסט איז געוועזען, וועהרענד די נייעסטע קונסט־ווערק איז פּראַכטפֿאָל דאַדורך וואָס עס איז אַזוי ווי די קונסט איז נאָך קיינמאָל ניט געוועזען. און צו מעסטען אַ קונסט ווערק נאָך דעם פֿערגאַנגענעם איז גלייך צו די פֿריהערדיגע הייסט עס צו מעסטען מיט אַ מאָס וואָס איז אין פֿאָללען ווידערשפּרוך צו די פֿערפֿאָלקאָמענונג פֿון קונסט. אַ טעמפעראַמענט, וואָס איז פֿעהיג צו עמפפֿאַנגען נייע

און פראַכטפאָלע איינדריקע איז דער איינציגער טעמפעראַמענט וועלכער איז פעהיג צו בעגרייפען אַ קונסט־ווערק.

און ווי וואַהר דיזע בעהויפטונג איז אין בעצוג אויף דעם בעג־רייפען און אַנערקענען פון אַ זעלכע קונסט ווי סקולפטור און מאַ־לעריי, איז עס אָבער נאָך פיעל וואַהרער אין די אַנערקענונג פון אַזעלכע קונסט ווי די דראַמאַ. דען אַ בילד אָדער אַ סטאַטוע זיי־נען ניט אין שטרייט מיט דער צייט; זיי רעכענען זיך ניט מיט דעם צייט-לויף. אין איין מאָמענט קען זייער בעדייטונג בעגריפען ווערען. מיט ליטעראַטור איז עס שוין אָבער אַנדערס. מי מוז דורגעהן די צייט־פעריאָדע ביז מי קומט צום ריכטיגען גרעאַנקען פון דער זאַך. עס קען אַלזאָ פאַסירען אין דער דראַמא, דאָס אין דעם ערשטען אַקט פון דער שטיק זאָל עפעס פאָרקומען, וואָס דער צוזעהער זאָל ניט קענען ארויסגעפינען די ריכטיגע קינסטליכע ווערדע דערפון ביז ער קומט צום דריטען אָדער פיערטען אַקט. זאָל דער דומער יונג דערוויילע ווערען אין כעס און מאַכען אַ לאַרעם, שטערען די פאָרשטעלונג און בעליידיגען די אַקטיאָרען? ניין. דער עהרליכער מענש דאַרף זיטצען רוהיג און געניסען די אַנגענעהמע געפיהלע פון בעוואונדערונג, נייגיריקייט און צווייפלונג. ער געהט ניט אין טהע־אַטער אום דאָרטען צו פערליערען זיין געדולד און אויסגיסען זיין גראָבען צאָרן. ער געהט אין טהעאַטער אום צו פיהלען אַ קינסט־ליכען טעמפעראַמענט. ער געהט אין טהעאטער אום צו ענטוויק־לען אין זיך אַ קינסטליכען טעמפעראַמענט. ער איז ניט דער שיע־דענס ריכטער פון דער קונסט ווערק. ער איז איינער וואָס ווערט אריינגעלאָזען אין טהעאַטער אום איבער דאָס ווערק נאָכצודענקען און, אויב עס איז פראַכטפאָל, צו פערגעסען אין זיין נאָכדענקען זיין גאַנצע אייגענליעבע וואָס שטערט איהם — די אייגענליעבע פון זיין אונוויסענהייט אָדער פאָראורטייל... קיין צושויער פון קונסט דאַרף ניט האָבען אַ מעהר פאָלקאָמענעם עמפפענליכקייטס טעמ־פעראַמענט ווי אַ צושויער פון אַ טהעאַטער־שטיק...

מיט דער נאָוועלע איז אויך די זעלבע זאַך. די פאָלקס אוי־טאָריטעט און די אנערקענונג פון פאָלקס אויטאָריטעט זיינען גע־פעהרליך דאַפיר. לאָמיר נעהמען, צום ביישפיעל, דעם נאָוועל־ליסט ט ה אַ ק ע ר י י. זיין נאָוועלע „עסמאָנד" איז אַ פראַכטפאָלעס קונסט ווערק ווייל ער האָט עס געשריבען אום זיך זעלבסט צו־

פֿרידען צו שטעלען. אין זיינע אנדערע ערצעהלונגען — אין „פענ־דעננים", אין „פהיליפ", זאָגאַר אין „וויינטי פֿייר" — בעקימערט ער זיך זעהר אָפֿט צופֿיעל וועגען דעם פובליקום, און ער פֿער־דאַרבט זיין ווערק דורך דעם אַפעלירען דירעקט צו די סימפּאַטיע פֿון'ם פובליקום, אָדער דורך'ן דירעקטען שפּאַסען איבער זיי. אַ ן אמת'ער קינסטלער נעהמט קיין שום נאָ־טיץ נים פֿון דעם פובליקום; פֿאַר איהם עקזיסטירען זיי נים. ער האָט נים קיין בעשמירטע „המוציא" מיט האָניג מיט וועלכעס איינצושלעפּערען אָדער צופֿריי־דען צו שטעלען דיזע אונגעהויערע חיה; דיזעס לאָזט ער איבער פֿאַר דעם פאָפּולערען נאָוועליסט. אין ענגלאַנד האָבען מיר אַן אונ־פֿערגלייכליכען נאָוועליסט — דזשאָרדזש מירעדיט. אין פֿראַנקרייך גיבען בעסערע קינסטלער פֿון איהם, אָבער פֿראַנקרייך האָט נים איינעם וועמענס לעבענס־בעגריעף איז זאָ גרויס, זאָ פֿערשיעדען, זאָ דיינקבאַרליך וואַהר. עס גיבען שרייבער פֿון ער־צעהלונגען אין רוסלאַנד וועלכע האָבען אַ מעהר לעבעדיגען געפֿיהל פֿון ליידענס אויסדרוק אין נאָוועלען. אָבער צו דזשאָרדזש מירעדיט געהערט די פֿהילאָזאָפֿיע אין נאָוועלען. ניט נור וואָס זיינע ראָלען־שפּיעלער לעבען, זאָגדערן זיי לעבען אין גדאַנקען. מי קען זיי בעמערקען פֿון צעהענדליגע טויזענדער שטאַנדפּונקטען. זיי זיינען בעלעהרזאַם. זיי זיינען דורכדרונגען און אומרינגעלט פֿון זעעלע. זיי זיינען סימוואָליש, שטעלען פֿאָר געוויסע געדאַנקען, און זיינען ערקלערליך.

און ער, דער פֿערפֿאַסער וואָס האָט זיי געמאַכט — אָט דיזע וואונדערליכע און שנעל בעוועגליכע פֿיגורען — האָט זיי געמאַכט נור צוליעב זיין אייגענעם פֿערגעניגען; ער האָט קיינמאָל ניט גע־פֿרעגט דעם פובליקום וואָס זיי ווילען, האָט זיך קיינמאָל נים גע־קימערט צו וויסען וואָס זיי ווילען, און האָט קיינמאָל ניט צוגעלאָ־זען, אַז דאָס פובליקום זאָל איהם דיקטירען אָדער בעאיינפֿלוסען אין אירגענד וועלכען אַרט. ער האָט זיך אימער מעהר און מעהר פֿערשאַרפֿט און פֿערשטאַרקערט זיין אייגענע פּערזענליכקייט, און האָט אַרויסגעגעבען זיינע אייגענע אינדיווידועלע ווערקע. אין אָנ־פֿאַנג איז קיינער צו איהם ניט געקומען: קיינער האָט איהם ניט בעמערקט. דאָס האָט איהם אָבער ניט געקימערט. נאָכדעם זיינען

געקומען צו איהם נור וויינינע. דאָס האָט איהם ניט איבערגעמאַכט אָדער געענדערט. יעצט זיינען שוין געקומען צו איהם די פֿילע. ער איז נאָך אימער דער זעלבער. ער איז אַ נאָוועליסט אָהנע גלייכען.

מיט דער הויז פֿערצירונגס קונסט איז אויך דאָס זעלבע. דער פובליקום האָט זיך געהאַלטען אַזוי פֿעסט פֿעַ־ביסען אין די אַלטע טראַדיציאָנען און פֿאָראורטיילע, וועלכע זיי האָבען בעקומען פֿון זייערע עלטערען, דאָס די הייזער אין וועלכע זיי האָבען געוואוינט וואַרען זאָ העסליך, אַז זיי האָבען זיך נור געפאַסט פֿאַר בלינדע מענשען דאַרין צו וואוינען. מי האָט אָבער אָנגעהייבען צו מאַכען פראַכטפֿאָל שעהנע זאַכען, זעלטענע קאָלירען האָבען אָנגעהייבען אַרויסצוקומען פֿון'ם פֿאַרבערס האַנד, פראַכטפֿאָלע צייכנונגען און בילדער פֿון קינסטלערישען מאַלערס קאָפּ, און מי האָט אָנגעפֿאַנגען צו ערקלערען די נוצען פֿון פראַכטפֿאָלע זאַכען, זייער ווערדע און זייער וויכטיגקייט. דער פובליקום איז געוואָרען דערמיט זעהר אונצופֿריעדען. זיי זיינען געקומען אין אַ גרימצאָרן, און האָבען געברויכט דומע אויסדריקע. קיינער האָט זיך ניט געקימערט דאַריבער; קיינעם האָט עס אויף אַ האָר ניט געשאַדעט; קיינער האָט ניט אָנגענומען די אויטאָריטעט פֿון דעם פובליקום'ס מיינונג. און יעצט איז עס כמעט אונמעגליך אריינצוקומען אין אירגענד וועלכע מאָדערנע הויז אָהנע צו געפֿינען עטוואָס וואָס זאָל בעווייזען אַ גוּטען געשמאַק, וואָס זאָל בעצייכענען די שעטצונג און דעם ווערטה פֿון אַנגענעהמע אומגעבונגען, עפּעס אַ צייכען פֿון די אַנערקענונג פֿון שיינקייט. היינטיגע צייטען זיינען, אין דער טהאַט, די מעהרסטע הייזער זעהר רייצענד. דאָס איז אויך קיין וואונדער ניט. די מענשען זיינען אויף אַ גאַנץ געוויסען גראַד ציוויליזירט געוואָרען.

עס איז אָבער ניט מעהר ווי רעכט דאָ צו בעמערקען, אַז דער זאָנדערבאַרער ערפֿאָלג פֿון די רעוואָלוציאָן אין דער הויז־פֿערצירונג, אין די מעבעל און אין עהנליכע זאַכען, איז אין דער ווירקליכקייט ניט הערפֿאָרגעבראַכט געוואָרען דורך דעם וואָס ביי די מאַיאָריטעט פֿון'ם פובליקום האָט זיך ענטוויקעלט אַ זעהר פֿיינער געשמאַק אין אַ זעלכע זאַכען. עס איז הויפּטזעכליך געוועזען צוליעב דעם פֿאַקט וואָס די אַרבייטער האָבען זאָ שטאַרק געפֿיהלט דעם פֿערגעניגען פֿון מאַכען עפּעס שעהנעס און פראַכטפֿאָלעס,

און זיי וואַרען אַזוי אָבגעעקעלט פֿון די שרעקליכע און העסליכע זאַכען וועלכע דער פֿובליקום האָט פֿריהער געפֿאָדערט, דאָס זיי האָבען זיך פשוט ענטזאגט נאָכצוקומען דעם פובליקום׳ס פֿערלאַנג. עס וואָלט זיין גאַנץ אונמעגליך אין דער יעצטיגער צייט אויסצו־מעבלירען אַ צימער אויף׳ן זעלבען אַרט ווי צימערען פֿלעגען זיין מעבלירט מיט עטליכע יאָהר צוריק, סיידען ווען מ׳זאָל געהן זוכען אויף איין אויספֿערקויף פֿון די זאַכען פֿון וועלכע פֿערשימעלטע לאָזשיר־הויז. אַזעלכע זאַכען ווערען שוין מעהר ניט געמאַכט. ווי ווייט דער פובליקום זאָל עס ניט וועלען ליידען, איז ער דאָך גע־צוואונגען היינטיגע צייטען צו האָבען עפעס וואָס איז רייצענד אין זיינער הויז־ווירטשאַפֿט. גליקליכער ווייזע איז די גאַנצע פֿאָלקס־אויטאָריטעט אין דיזע אַנגעלעגענהייט פֿאָלקאָם דורכגעפֿאַלען.

עס איז אַלזאָ גאַנץ קלאָר, דאָס יעדע אויטאָריטעט אין אַזעל־כע זאַכען טויג ניט. דאַן פֿרעגט מען אָבער מאַנכעס מאָל: נו, טוּ אין וואָס פֿאַר אַ זאָרט רעגירונג איז יע פּאַסענד פֿאַר קינסטלער צו לעבען דאַרונטער? צו דיזע פֿראַגע איז נור דאָ איין אַנטוואָרט. *דער זאָרט רעגירונג וואָס איז העכסט פּאַסענד פֿאַר אַ קינסטלער איז גאָר קיין רעגירונג ניט אין גאַנצען.* אויטאָריטעט איבער אַ קינסטלער און זיין קונסט־ווערק איז לעכערליך.

מי האָט אַמאָל געזאָגט, דאָס קינסטלער האָבען פּראָדוצירט פֿיינע אַרבייט אונטער דעספּאָטיזמוס. דאָס איז ניט גאַנץ ריכטיג׳ קינסטלער האָבען בעטראַכטעט דעספּאָטען, ניט אַלס געגענשטאַנדע איבער וועלכע צו טיראַניזירען, זאָנדערן אַלס אומוואַנדערענדע כשוף־מאַכער, אַלס אַרומטרייבענדע און צוציהענדע פערזענליכ־קייטען, וועלכע מעגען ווערען אונטערהאַלטען און געדולדעט, און וועלכע מע דאַרף לאָזען צו־רוה. וואָס מי קען בעמערקען צו גונס־טען פֿון אַ דעספּאָט איז, דאָס ער אַלס איינציגער פערזאָן, קען בעזיצען בילדונג; וועהרענד דער פובליקום, דער המון, זייענדיג אַן אונגעהויערליכע בריאה, האָט קיינע בילדונג. אַ קייזער אָדער אַ קעניג קען זיך פֿיליכט אַמאָל איינבויגען אום אויפֿצוהייבען אַ פענזעל פֿאַר אַ מאַלער; אָבער ווען די דעמאָקראַטיע בייגט זיך איין איז עס אום צו וואַרפֿען בלאָטע... און דאָך האָט די פֿאָלקס־הערשאַפֿט זיך ניט אַזוי פֿיעל איינגעביינגען ווי דער קעניג. אין

דער טהאָט, ווען זיי ווילען אייך פֿערוואַרפֿען מיט בלאָטע, דאַרפֿען זיי זיך גאָר אין גאַנצען ניט איינבויגען. אָבער עס איז ניט נויטיג אָב־צוזונדערען מאָנאַרכיע פֿון דעמאָקראַטיע — יעדע אויטאָריטעט איז אַגאַל שלעכט.

עס גיבען דרייערלײ זאָרטען דעספּאָטען: דער דעספּאָט וואָס טיראַניזירט איבער'ן קערפּער; דער דעספּאָט וואָס טיראַניזירט איבער די זעעלע, און דער דעספּאָט וואָס טיראַניזיריט איבער די זעעלע און דעם קערפּער אַגאַל. דער ערסטער זאָרט ווערט אָנגערופֿען, דער פּרינץ; דער צווייטער ווערט אָנגערופֿען דער פּאַפּסט; דער דריטער ווערט אָנגערופֿען דער פּובליקום. דער פּרינץ קען זיך זיין געבילדעט. פֿיעלע פּרינצען זיינען עס געווען. דאָך שטעקט אין דעם פּרינץ אַ געפֿאַהר. מי דאַרף זיך נור עראינערען אָן דאַנטע אויף דעם ביטערען יום טוב אין ווערּאָנאַ, אָדער אין טאַססאָ אין פֿעררּאַראַ'ס משוגעים־צימער. עס איז בעסער פֿאַר'ן קינסטלער ניט צו לעבען צוזאַמען מיט פּרינצען. דער פּאַפּסט קען אויך זיין געבילדעט. פֿיעלע פּאַפּסטער זיינען עס געווען; די „שלעכטע" פּאַפּסטער וואַרען עס. די „שלעכטע" (אויסגעראַסענע) פּאַפּסטער האָבען געליעבט שעהנקייט כמעט זאָ ליידענשאַפֿטליך— ניין פּונקט מיט אַזוי פֿיעל ליידענשאַפֿט—ווי די „גוטע" פּאַפּסטער האָבען געהאַסט דעם מענשליכען דיינקען.

די מענשהייט שולדעט פֿיעל צו די „שלעכטיגקייט" פֿון'ם פּאַפּסט: די „גוטסקייט" פֿון'ם פּאַפּסט שולדעט אַ שרעקליכען חוב צו דער מענשהייט; און אָבוואָהל דער רוימער פּאַפּסט האָט פֿער־לאָרען זיין כשוף־שטעקעל פֿון זיינע בליטצען און האָט נור בע־האַלטען די הויכע פּראַזען פֿון זיינע דוננערין, דאָך איז עס בעסער פֿאַר'ן קינסטלער ניט צו לעבען צוזאַמען מיט פּאַפּסטער. עס איז אויך געווען אַ פּאַפּסט וועלכער האָט געזאָגט, ווענען דעם קינסטלער צעללִיני, אויף אַ צוזאַמענקונפֿט פֿון קאַרדינאַל בישאָפֿס, דאָס די געוועהנליכע געזעצע און אויטאָריטעט זיינען ניט געמאַכט גע־וואָרען פֿאַר אַזעלכע מענשען ווי ער. אָבער עס איז אויך געווען אַ פּאַפּסט וועלכער האָט אַריינגעוואָרפֿען דעם זעלבען צעללִיני אין געפֿעננים, און האָט איהם דאָרטען געהאַלטען ביז דער לעבען איז איהם פֿער'מיאוס'ט געוואָרען דורך זיין וואוטה, און ער האָט זיך גענומען מאַכען פֿאַלשע וויזיאָנען און איינבילדונגען: ער האָט

„געזעהן" ווי די געגולטע זונן קומט אַריין אין זיין צימער, און ער איז געוואָרען אַזוי ענטציקט דערמיט, דאָס ער האָט געזוכט ווי צו ענטלויפען; ער איז אַרויסגעקראָכען פון איין טורעם צום צווייטען טורעם, און פאַלענדיג אין פריהמאָרגען דורך די בערוישענדע לופט האָט ער זיך צוקאַליעשעט; א וויינגערטנער האָט איהם בעדעקט מיט וויינשטאָק־בלעטער, האָט איהם אָוועקגעפיהרט צו איינעם וואָס האָט ליבענדיג פראַכטפאָלע זאַכען, אויף איהם אויפגעפאַסט. עס שמעקט אַ געפאַהר אין פאַפּסטער. און וואָס אָנבעטרעפט צום המון, דאָס פאָלק, וואָס איז נאָך דאָ צו ריידען וועגען זיי און זייער אויטאָריטעט? עס איז שוין פיליכט גענוג גערעדט געוואָרען וועגען דעם. זייער אויטאָריטעט איז אַ זאַך וואָס איז בלינד, טויב, העסליך, קאָמיש, טרויעריג, אַמיזאַנט, ערענסט און אונאַנשטענדיג. עס איז אומעגליך פאַר'ן קינסטלער צו לעבען צוזאַמען מיט'ן פובליקום.

אַלע דעספּאָטען קאָרומפּירען דעם מענשען, דאָס פאָלק קאָרומפּירט און ברוטאַליזירט אויך דערביי. ווער האָט זיי געהייסען אויסאיבען אויטאָריטעט? זיי זיינען בעשאַפען אום צו לעבען, צו הערען, און צו ליבען. אימיצער האָט זיי עפּעס געטאָהן אַ א גרויסען אונרעכט. זיי האָבען זיך פאַרפאַסקודעט נאָכמאַכענדיג זייערע נידעריגערע, זיי האָבען אָוועקגענומען דעם סצעפּטער (רע־גיערונגס־רוט) פון דעם פרינץ. ווי זאָלען זיי דאָס געברויכען? זיי האָבען אַראָבגעריסען דעם דרייפאַכיגען קרוין פון פאַפּסט ווי זאָלען זיי עס טראָגען? זיי זיינען עהנליך צו אַ פּאַיאַץ וואָס זיין האַרץ איז צובראָכען. זיי זיינען ווי אַ פריסטער וואָס זיין נשמה איז נאָך ניט געבאָרען געוואָרען. זאָלען די אַלע וואָס ליבען שעהנקייט זיי בעדויערען; אָבוואָהל זיי זעלבסט ליבען ניט קיין שעהנקייט, דאָך מעגען זיי זיך אויך אַליין בעדויערען. ווער האָט זיי געלערענט די קונציגע שטיקלאַך פון טיראַנעווען?

עס גיבען נאָך פיעלע אַנדערע זאַכען, וועלכע מען קען דאָ אָנצייגען, ווי גרויס איז געווען, די „רעניסאַנס" ווייל עס האָט ניט געזוכט צו לייזען קיינע סאָציאַלע אויפגאַבען, און האָט זיך ניט בעשעפטיגט מיט אַזעלכע זאַכען, זאָנדערן עס האָט איבערגעלאָזען יעדען איינצעלנען זיך צו ענטוויקלען פריי, פראַכטיג און נאַטירליך, און אויף דיזען אַרט זיינען דאַן געוואָרען גרויסע און זאָנדערבאַרע קינסטלער, ווי אויך גרויסע און זאָנדערבאַרע מענער. מי קען אויך

אָנדיימען אויף לואיס דעם זעכצעהנטען, ווי ער האָט, דורך די גרינדונג פֿון דעם שטאַאט, פֿערניכטעט די אינדיווידואַליטעט פֿון'ם קינסטלער; ער האָט געמאַכט, דאָס זאַכען זאָלען זיין אָבשוייליך צוליעב דעם מאָנאָטאָן פֿון זייער שטענדיגער ווידערהוילונג, און העסליך דורך זייער געמאַכט ווערען שטענדיג לויט נאָך די מנהגים און רולס; און ער האָט פֿערניכטעט איבער גאַנץ פֿראַנקרייך די אַלע שעהנע אויסדרוקס-פֿרייהייטען, וועלכע האָבען בעוויזט אַלטע זאַכען, דורך נייע פראַכטפֿאָלע שעהנקייט.

אָבער די פֿערגאַנגענהייט איז ניט וויכטיג, די געגענוואַרט איז ניט וויכטיג. די צוקונפֿט — דערמיט האָבען מיר זיך צו רעכענען. דען די פֿערגאַנגענהייט איז דאָס וואָס דער מענש דאַרף ניט זיין. די געגענוואַרט איז דאָס וואָס דער מענש דאַרף ניט זיין. די צוקונפֿט איז דאָס וואָס קינסטלער זיינען...

מי וועט געוועהנליך זאָגען, אַז אַזאַ פלאַן ווי דיזער איז העכסט אונפראַקטיש, און איז געגען די מענשליכע נאַטור. דאָס איז גאַנץ ריכטיג. עס איז טאַקי אונפראַקטיש, און געגען די מענשליכע נאַטור. צוליעב דעם איז עס אויך רעכט צו פֿערווירקליכען, און צוליעב דעם שלאָגט מען עס פֿאָר. דען וואָס הייסט אייגענטליך אַ פראַקטישער פלאַן? אַ פראַקטישער פלאַן איז ענטוועדער אַזאַ פלאַן וועלכער עקזיסטירט שוין, אָדער אַ פלאַן וואָס קען דורך געפֿיהרט ווערען אונטער די יעצטיגע קאָנדיציאָנען. אָבער עס איז גראַדע די יעצטיגע אומשטענדען געגען וועלכע עס איז איינצואווענדען, און אירגענד וועלכער פלאַן וואָס וואָלט געקענט אָנעהמען די יעצטיגע אומשטענדען איז אונריכטיג און נאַריש. די יעצטיגע קאָנדיציאָנען וועלען אָבגעשאַפֿט ווערען, און די מענשליכע נאַטור וועט זיך ענדערען, דאָס איינציגע זאַך וואָס מי וויים ווירקליך וועגען די מענשליכע נאַטור איז, דאָס עס ענדערט זיך, ענדערונג איז דאָס איינציגע אייגענשאַפֿט אין דער מענשליכער נאַטור איבער וועלכע מיר קענען בעהויפטען מיט בעשטימטהייט, די סיסטעמען וואָס פֿאַלען דורך זיינען גראַדע די יעניגע וועלכע פֿערלאָזען זיך אויף די בעשטענדיגקייט פֿון די מענשליכע נאַטור, און ניט אויף איהר וואַקסונג און ענטוויקלונג. דער אירטהום פֿון לואיס דעם זעכצעהנטען איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געמיינט, אַז

די מענשליכע נאַטור וועט אימער בלייבען די זעלבע. דער רעזול־טאַט פֿון זיין אירטהום איז געווען די גרויסע פֿראַנצויזישע רעוואָ־לוציאָן. עס איז געווען אַן אויסגעצייכענטער רעזולטאַט. אַלע רעזולטאַטען פֿון די אירטהימער פֿון רעגירונגען זיינען אויס־געצייכענט.

מען דאַרף דאָ אויך בעמערקען, דאָס דער וואַהרער אינדיווי־דואַליזמוס קומט ניט צו דעם מענשען מיט אירגענד וועלכע עקעל־האַפֿטע צבוע׳אַטסווע וועגען „פֿליכטען", וועלכע הייסט בלויז טהון דאָס וואָס אַנדערע ווילען דערפֿאַר ווייל זיי ווילען עס; אָדער מיט אירגענד וועלכע קוואַטשערייען וועגען „זעלבסטאויפֿאָפּפֿערונג", וועלכעס איז בלויז אַן אָפּלעבונג פֿון זעלבסט־פּייניגונג פֿון די פֿערצייטיגע ווילדע. אין דער טהאַט קומט דער וואַה־רער אינדיווידואַליזמוס צום מענשען גאָר אָהן שום פֿאָדערונגען עס קומט נאַטירליך און אונ־פֿערמיידליכער ווייזע אַרויס פֿון אינערהאַלט פֿון׳ם מענש. דער וואַהרער אינדיווידואַליזמוס איז דער פּונקט צו וועלכען די גאַנצע מענשליכע ענטוויקלונג שטרעבט. עס איז די פֿערענדערונג צו וועלכער אַלע אָרגאַניזמען וואַקסען. עס איז די פֿערפֿאָלקאָמענונג וועלכע איז איינגעבאָרען אין יעדען אַרט לעבען, און צו וועלכער יעדער אַרט לעבען טרייבט.

אָט אַזוי זוכט ניט דער אינדיווידואַליזמוס אויסצואיבען איר־גענד וועלכען צוואַנג איבער׳ן מענשען; אין געגענטהייל, עס זאָגט צום מענשען, דאָס ער דאַרף ניט ערלויבען אַז אירגענד וועלכער צוואַנג זאָל אויסגעאיבט ווערען איבער איהם. עס זוכט ניט צו צווינגען מענשען צו זיין גוט; עס וויים, דאָס מענשען זיינען גוט ווען מען לאָזט זיי נור צורוה. דער מענש וועט ענטוויקלען פֿון זיך זעלבסט דעם אינדיווידואַליזמוס; ער ט־וט עס שוין זאָגאַר יעצט. צו פֿרעגען אויב דער אינדיווידואַליזמוס איז פּראַקטיש איז פּונקט אַזוי ווי צו פֿרעגען אויב עוואָלוציאָן (די מענשליכע ענט־וויקלונג) איז פּראַקטיש. עוואָלוציאָן איז דאָס געזעץ פֿון לעבען, און עס גיבט ניט קיין אַנדער עוואָלוציאָן ווי אויסער די וואָס פֿיהרט צום אינדיווידואַליז־מוס. דאַרטען וואו דער עוואָלוציאָנס שטראָם גייט ניט צום אינ־דיווידואַליזמוס, איז עס אַ סימן, אַז דער נאַטירליכער וואַקסען איז אונאַטירליכער ווייזע אָבגעהאַלטען, אָדער עס איז אַ סימן פֿון קראַנקהייט אָדער פֿון טויט.

דער אינדיווידואַליזמוס וועט אויך זיין ניט זעלבסטזיכטיג און ניט פֿערשטעלט. עס איז שוין ערקלעהרט געוואָרען, אַז איינער פֿון די רעזולטאַטען פֿון די אויסערגעוועהנליכע טיראַניי פֿון אויטאָרי־טעט איז, דאָס ווערטער ווערען פֿאַלשטענדיג פֿערדרייט פֿון זייער ריכטיגע און איינפֿאַכע בעדייטונג, און ווערען געברויכט נאָ־ אויס־צודריקען דעם געגענזאַץ פֿון זייער וואַהרע בעדייטונג. דאָס וואָס איז וואַהר וועגען קונסט איז אויך וואהר וועגען לעבען. אַ

מענש ווערט אָנגערופֿען „פֿאַרשטעלט”, היינטיגע צייטען, ווען ער קליידעט זיך אַזוי ווי ער זעלבסט וויל. אָבער טהוענדיג אַזוי האַנדעלט ער אין אַ פֿאַלשטענדיג נאַטירליכען אופן. פֿאַרשטעלט, אין אַזעלכע אַנגעלעגענהייטען, הייסט אייגענטליך דאַן ווען דער מענש קליידעט זיך נאָך זיינע נאַכבאַרס מיינונגען—וועלכע זיינען וואַהרשיינליך העכסט דום, ווייל זיי זיינען די מיינונגען פֿון דער מאַיאָריטעט.

אָדער אַ מענש ווערט אָנגערופֿען זעלבסטזיכטיג אויב ער לעבט אין אַזאַ אַרט ווי עס שיינט איהם אַם בעסטען פֿיר די פֿערווירקליכונג פֿון זיין אייגענער פערזענליכקייט; אויב אין דער ווירקליכקייט, זיין הויפט צוועק אין לעבען איז זעלבסט־ענטוויקלונג. אָבער דאָס איז גראַדע אַזוי ווי יעדער איינער דאַרף לעבען. *זעלבסטזוכט איז ניט דאָס וואָס אַ מענש לעבט נאָך דעם אייגענעם וואונש, זאָנדערען ווען ער פֿערלאַנגט פֿון אַנדערע זיי זאָלען לעבען אַזוי ווי ער ווינשט צו לעבען.* און זעלבסט־זוכטלאָזיגקייט הייסט צו לאָזען דעם לעבען פֿון אַנדערע מענשען צורוה, און זיך ניט אַריינמישען.

זעלבסטזוכט שטרעבט אימער צו בעשאַפֿען אַרום זיך אַ פֿאָלשטענדיג איינפֿאָרמיגען טיפּ. זעלבסטזוכטלאָזיגקייט אַנערקענט די אונבעגרענצטע פֿערשיעדענהייט פֿון טיפען אַלס אַן אַנגענעהמע זאַך, וועלכע זי נעהמט אָן פֿאַר גוט, אין וועלכע זי שטימט איין, און פֿון וועלכע זי קלייבט פֿערגניגען.

עס הייסט ניט זעלבסטזוכט ווען מען דענקט פֿאַר זיך זעלבסט. אַ מאַן וואָס דיינקט ניט פֿאַר זיך זעלבסט דיינקט גאָר אין גאַנצען ניט. עס איז אָבער העכסט זעלבסטזיכטיג ווען איינער פֿאָדערט פֿון אַ צווייטען, אַז יענער זאָל דענקען אין זעלבען אַרט ווי ער, און האַלטען די זעלבע מיינונגען. וואַרום זאָל דאָס יענער טהאָן? אויב ער קען דיינקען, וועט ער וואַהרשיינליך דיינקען אַנדערש; אויב ער קען ניט דיינקען, דאַן איז עס איבערהויפט אַן אונגעהייערער אונזין צו ערוואַרטען אירגענד וועלכען געדאַנקען פֿון איהם. אַ רויטע ראָזע איז ניט זעלבסטזוכטיג ווייל עס וויל זיין אַ רויטע ראָזע. עס וואָלט אָבער זיין שרעקליך זעלבסטזוכטיג ווען עס וואָלט געוואָלט, אַז אַלע אַנדערע בלומען אין גאָרטען זאָלען אויך זיין אי רויט און אי ראָזען.

אונטער אַ צושטאַנד פֿון אַ וואַהרען אינדיווידואַליזמוס וועלען די מענשען זיין גאַנץ *נאַטירליך* און פֿאָלקאָם *זעלבסטזוכטלאָז*; זיי וועלען וויסען די בעדייטונג פֿון דיזע ווערטער און וועלען זיי פֿערווירקליכען אין זייער פֿרייען, פראַכטפֿאָלען לעבען. די מענשען וועלען דאַן אויך ניט זיין אַזוי עגאָאיסטיש (אייגענליעבענד) ווי זיי זיינען יעצט. דען אַ עגאָאיסט איז אַזעלכער וואָס עקספּלואַטירט, מאַכט פֿאָדערונגען פֿון אַנדערע, און דער אינדיווידואַליסט יעט דאָס ניט וועלען טהון; עס וועט איהם ניט געבען קיין פֿערגניגען.

ווען דער מענש וועט האָבען פֿערווירקליכט אינדיווידואַליזמוס, וועט ער אויך פֿערווירקליכען אַ וואַהרע סימפּאַטיע און וועט עס פּראַקטיצירען פֿריי און נאַטירליך צו זיינע מיטמענשען. ביז אַהער האָט דער מענש קוים ענטוויקעלט ביי זיך אירגענד וועלכע סימפּאַטיע. ער האָט נאָר סימפּאַטיזירט מיט יענעמס יסורים, און סימפּאַטיע מיט יסורים איז ניט די העכסטע פֿאָרמע פֿון סימפּאַטיע. יעדע סימפּאַטיע איז פֿיין, אָבער די סימפּאַטיע מיט יענעמס ליידען איז פֿון קלענסטען גראַד פֿיינקייט. אַזאַ סימפּאַטיע שמעקט מיט עגאָאיזמוס. עס קען אָפֿטמאָל ווערען קרענקליך. אין אַזאַ סימפּאַטיע געפֿינט זיך אַ געוויסער גראַד פֿון שרעקענס צוליעב אונזער אייגענער זיכערהייט. מיר האָבען מורא דאָס מיר וואָלטען אַליין געקענט זיין אין די זעלבע לאַגע פֿון דעם פֿערוואונדעטען אָדער פֿון דעם בלינדען, און קיינער וואָלט זיך דאַן וועגען אונז ניט בעקימערט. עס האָט אויך אַ מאָדנע בעגרענצונג. אַ מענש דאַרף סימפּאַטיזירען מיט דעם גאַנצען לעבען — ניט בלויז מיט דעם לעבען'ס וואונדען און קראַנקהייטען, זאָנדערען אייך מיט דעם לעבען'ס פֿרייד און פּראַכט און ענערגיע און געזונד און פֿרייהייט. נאַטירליך, וואָס ברייטער די סימפּאַטיע, אַלץ שווערער איז עס; דען עס פֿאָדערט אַלץ מעהר זעלבסטלאָזינקייט. יעדערער קען סימפּאַטיזירען מיט די ליידען פֿון אַ פריינד, אָבער עס פֿאָדערט אַ זעהר פֿיינעם נאַטור — עס פֿאָדערט, אין דער טהאַט, די נאַטור פֿון אַ וואַהרען אינדיווידואַליסט — צו סימפּאַטיזירען מיט דעם ערפֿאָלג פֿון אַ פֿריינד. אין די היינטיגע באַטאַליאַ פֿון קאָנקורענץ און נאָכיאָגענעס צוליעב כבוד און גדולה איז נאַטירליך אַזאַ סימפּאַטיע זעהר זעלטען; דערצו איז עס נאָך פֿערשטיקט דורך דעם אונמאָראַלישען בעגריף פֿון גלייכפֿאָרמיגקייט פֿון טיפּען און נאָכפֿאָלגונג פֿון רולס אָדער מנהג, וועלכע הערשט איבעראַל און איז פֿיליכט אַם העסליכסטען אין ענגלאַנד.

מיטלייד מיט יענעמס יסורים וועט נאַטירליך אימער עקזיסטירען. דאָס איז איינער פֿון די ערסטע געפֿיהלען אין דעם מענשען. די טהיערע וואָס זיינען אינדיווידואַליסטיש — דאָס הייסט, די העכערע קלאַססע טהירע — טהיילען מיט אונז דיעזען געפֿיהל, אָבער מען דאַרף ניט פֿערגעסען, דאָס וועהרענד די סימפּאַטיע מיט פֿרייד פֿערמעהרט די אַלגעמיינע פֿרייד פֿון דער וועלט, ווערט אָבער דער גראַד פֿון יסורים אין דער ווירקליכקייט ניט פֿערקלענערט דורך דעם וואָס מען סימפּאַטיזירט דערמיט. עס קען מאַכען דעם מענש פֿעהיגער צו פֿערליידען דעם איבעל, אָבער דער איבעל בלייבט. סימפּאַטיע מיט אויסצערונג היילט ניט קיין אויסצערונג. היילען היילט די וויסענשאַפֿט. און ווען סאָציאַליזמוס וועט האָבען געלייזט די פֿראַגע פֿון אַרמוטה, און וויסענשאַפֿט וועט האָבען געלייזט די פֿראַגע פֿון קראַנקהייט, דאַן וועט די אויבערפֿלעכע פֿון די סענטימענטאַליסטען פֿערקלענערט ווערען, און די

סימפּאַטיע פֿון'ם מענשען וועט זיין גרויס, געזונד און נאַטירליך. דער מענש וועט קלייבען פֿערגנינגען צוזעהענדיג די פֿערגניגענדע לעבענם פֿון זיינע מיטמענשען.

דען עס איז דורך פֿריידע און פֿערגנינגען דאָס דער צוקינפֿ־טיגער אינדיווידואַליזמוס וועט זיך ענטוויקלען. קריסטוס (זאָ ווי אַלע רעליגיאָנס־פּריידיגער) האָט ניט געזוכט איבערצובויען די געזעלשאַפֿט, און פֿאָלגליך האָט דער אינדיווידואַליזמוס, וועלכען ער האָט געפּריידיגט פֿאַר די מענשען, געקענט פֿערווירקליכט ווע־רען נור דורך יסורים אָדער אין איינזאַמקייט. די אידעען וועלכע קריסטוס האָט געלערענט זיינען די אידעען פֿון אַזוינעם וואָס האָט אין גאַנצען פֿערלאָזען די מענשליכע געזעלשאַפֿט, אָדער פֿון אַזוי־נעם וואָס איז אין פֿאָלשטענדיגען ווידערשטאַנד צו דער געזעל־שאַפֿט. אָבער דער מענש איז פֿון דער נאַטור געזעלשאַפֿטליך, און אום צו קענען ענטוויקלען פֿאָלשטענדיג זיין אינערליכע פּערזענ־ליכקייט, בעדאַרף ער לעבען אין אַ געזעלשאַפֿט. אָן דער אַנדע־רער האַנד, די לעהרע דאָס שמערץ איז אַ מיטעל דורך וועלכען דער מענש קען זיך פֿערווירקליכען, האָט זיך וואונדערליך פֿער־בריימעט איבער דער וועלט. פֿלאַכע רעדנער און פֿלאַכע דענקער דרש'ענען אין די שוהלען, אין די קירכען און אויף פּלאַטפֿאָרמען און קלאָגען זעהר געגען דעם וואָס די וועלט האַלט אַזוי פֿיעל פֿון תענוגים. אָבער עס איז זעלטען צו געפֿינען אין די היסטאָריע פֿון דער וועלט, דאָס איהר אידעאַל זאָל בעשטעהן פֿון פֿרייד און פֿון פּראַכט. דער דיענען צו יסורים, צו פּייניגונג, האָט פֿיעל מעהר בעהערשט די וועלט. דער מיטעל־אַלטערטהום, מיט זיינע הייליגע און זיינע מאַרטירער, זיין ליעבע פֿיר זעלבסט־פּייניגונג, זיין ווילדע ליידענשאַפֿט פֿיר זעלבסט־פֿערוואונדונג, זיין שניידען מיט מעסערם און זיין שמייסען מיט ריטער—דער מיטעל אַלטערטהום איז דער ווירקליכער קריסטענטהום, אָדער יודענטהום...

ווען די „רענייסאַנס" איז ערשיענען אויף דער וועלט, און האָט געבראכט מיט זיך די נייע אידעען איבער די פּראַכט פֿון לעבען און איבער די גליקזעליגקייט פֿון די לעבענדיגע — דאַן האָבען שוין די מענשען קריסטוס'ן מעהר ניט געקענט פֿערשטעהן. זאָגאַר די קונסט בעווייזט עס אונז אויך. די גרויסע מאַלער פֿון די „רע־נייסאַנס" פּעריאָדע האָבען אָבגעמאָלט קריסטוס אַלס קליינער אינ־געל וואָס שפּיעלט זיך מיט אַ צווייטען אינגעל אין אַ פּאַלאַץ אָדער אין אַ גאָרטען, אָדער וואָס ליעגט אין די אָרעמס פֿון זיין מוטער און שמייכעלט, קוקענדיג אויף איהר אָדער אויף אַ בלום, אָדער אויף אַ שעהנעם פֿויגעל; אָדער זיי האָבען געצייכענט קריסטוס אַלס אַ נאָבעלע, קעניגליכע פֿיגורע, וואָס בעוועגט זיך גרויסאַר־טיגער ווייזע דורך דער וועלט; אָדער זיי האָבען איהם געשיל־דערט אַלס אַ וואונדערפֿאָלע פֿיגורע, וועלכע ערהויבט זיך אונטער זאָנדערבאַרער פֿרייד פֿון טויט צום לעבען. זאָגאַר ווען זיי האָבען איהם געמאָלט ווי ער איז געקרייציגט, האָבען זיי איהם אויך פֿאַר־

געשטעלט אַלס אַ שעהנער גאָט, וועלכער ווערט געפייניגט פון די שלעכטע מענשען.

אָבער די קינסטליכע מאָלער פון יענער צייט האָבען זיך ניט שטאַרק בעשעפטיגט וועגען קריסטוס. וואָס עס האָט זיי געמאַכט פערגניגען איז געווען צו מאָלען די מענער און פרויען וועלכע זיי האָבען בעוואונדערט, און צו בעווייזען די ליעבליכקייט פון דיעזע ליעבע ערד. זיי האָבען געמאָלט פיעלע הייליגע בילדער —אין דער טהאַט, האָבען זיי געמאָלט פיעל צו פיעל אַזעלכע בילדער, און דער מאָנאָטאָן פון'ם טיפ און גרונד איז געווען בעלעסטיגענד און שלעכט פאַר די קונסט. עס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער פאָלקס-אויטאָריטעט איבער קונסט אַרבייט, און דאָס וואַר צו בעדויערן. אָבער זיי האָבען ניט אַריינגעגעבען זייער זעעלע אין אַזעלכע אַרבייט. ר אַ פ אַ ע ל צ.ב.ש., וואַר אַ גרויסער קינסטלער ווען ער האָט געמאָלט זיין פאָטרעט פון רוימישען פאַפסט. ווען ער האָט געמאָלט זיין פאָרטרעט פון די הייליגע מאַדאָנאַ און דעם קליינקינד קריסטוס, איז ער שוין גאָר קיין גרויסער קינסטלער ניט געווען. קריסטוס האָט קיין וויכטיגקייט ניט געהאַט פאַר די „רענייסאַנס", וועלכע וואַר וואונדערפאָל ווייל עס האָט געבראַכט אַן אידעאַל וועלכער וואַר דאַגעגען זיינעם; און אום צו געפינען אַ ריכטיגען בילד פון קריסטוס מוז מען געהן צו די קונסט פון מיטעל-אַלטער. דאָרטען איז ער אָבגעמאָלט אַלס צוקאַליעטשעטער און צו'הרג'עטער; אַלס איינער אויף וועמען עס איז ניט אַנגענעהם אַ קוק צו טאָהן, ווײלע שעהנקייט מאַכט פערגנוגען; אַלס איינער וואָס טראָגט ניט קיין שעהנעם בגד, ווייל דאָס קען אויך מאַכען פערגניגען; ער איז דאָרטען פאָרגעשטעלט אלס בעטלער מיט אַ זאָנדערבאַרע זעעלע; אַלס אַ קרעציגער, וועמענס זעעלע איז געטליך; ער דאַרף ניט קיין אייגענטהום און קיין געזונד; ער איז אַ גאָט וואָס פערווירקליכט זיין פערפאָלקאָמענונג דורך שמערצען.

די ענטוויקלונג פון'ם מענשען איז לאַנגזאַם, די אונגערעכטיגקייט פון'ם מענשען איז גרויס, עס וואַר נויטהווענדיג, דאָס דער מאַרטירערטהום זאָל פאָרגעליגט ווערען אַלס מיטעל פאַר די זעלבסט פערפאָלקאָמענונג, זאָגאַר יעצט איז דיעזעס נויטווענדיג אין פיעלע טהיילען פון דער וועלט. קיין איינציגער וואָס לעבט יעצט אין רוסלאַנד, צ.ב.ש. קען ניט פערווירקליכען זיינע אינערליכע פאָלקאָמענונג אויסער ווי דורך מאַרטירערטהום... אַ רוסישער וועלכער לעבט גליקליך אונטער דעם יעצטיגען דעספאָטיזמוס אין רוסלאַנד מוז ענטוועדער גלויבען, אַז דער מענש האָט ניט קיין נשמה, אָדער אַז, אויב ער האָט יאָ, איז ער ניט ווערט צו ענטוויקלען. אַ ניהיליסט וואָס איז געגען אַלערהאַנד אויטאָריטעט, ווייל ער בעטראַכטעט עס פאַר אַן איבעל, און וועמען עס איז ווילקאָמען אַלע ליידען זיינע, ווייל דורך דעם פערווירקליכט ער זיין פערזענליכקייט— פאַר אַזעלכען איז דער אידעאַל פון קריסטוס אַ וואַהרע זאַך.

אָבער דאָך, קריסטוס האָט ניט רעבעלירט געגען אויטאָריטעט. ער האָט זיך אונטערוואַרפען אונטער די אויטאָריטעט פון די רוימישע

קעניגרייך און האָט געצאָהלט צינזען. ער האָט געדולדעט די איי־טאָריטעט פון די אידישע קירכע, פון די סנהדרין, און ער האָט ניט געוואָלט קעמפפען געגען זייערע געוואַלד דורך זיינע אייגענע געוואַלד־מיטעל. קריסטוס, ווי איך האָט שוין פריהער געזאָגט, האָט ניט געהאט קיין פלאַן ווי אַזוי איבערצובויען די געזעלשאַפט.

אָבער די מאָדערנע וועלט האָט יא פלאַנען. די מאָדערנע וועלט זוכט אָבצושאַפען אַרמוטה און די ליידען וואָס עס ענטהאַלטעט. עס זוכט אַוועקצומאַכען מיט מאַרטירטהום און די ליידען וואס עס ענטהאַלטעט. די יעצטיגע וועלט נעהמט אָן דעם סאָציאַליזמוס און די וויסענשאַפט אַלס איהרע מעטהאָדען. דאָס צו וואָס עס שט־עבט איז אַן אינדיווידואַליזמוס וועלכער דריקט זיך אויס דורך פריידע און גליקזעליקייט. דיזער אינדיווידואַליזמוס וועט זיין גרעסער, פו־לער, ליעבליכער, ווי יעדער אינדיווידואַליזמוס וואָס האָט ביז אַהער עקזיסטירט. מאַרטירערטהום איז ניט די ענדליכע פאָרמע פון פערפאָלקאָמענונג. עס איז נור פאַר אַ געוויסע צייט, און אַ פראָ־טעסט. עס בעווייזט די אונגערעכטע, אונגעזונדע און פאַלשע צו־שטענדע. ווען דער אונרעכט, דער קראַנקהייט און די פאַלשקייט וועלען זיין אָבגעשאַפט, וועט עס שוין מעהר ניט פאָרקומען. דער מארטירערטהום וועט האָבען ערפיהלט זיין אַרבייט. עס איז געווען אַ גרויסע אַרבייט, אָבער עס איז שוין באַלד פאַראיבער. מיט יע־דען טאָג ווערט די אַרבייט לייכטער.

און ווען דיזעס איז פאָריבער וועט עס קיינעם ניט פערדריסען. דען וואָס דער מענש זוכט איז, אין דער ווירק־ליכקייט, ניט קיין מאַטערניס און ליידען, זאָנ־דערן אַן איינפאַכען לעבען. דער מענש זוכט צו לע־בען גרינדליך, געזונטליך און פאָלקאָמענליך. ווען ער קען דאָס טהון אָהנע צו אונטערדריקען אַנדערע אָדער פון אַנדערע אונטערדריקט צו ווערען, און ווען זיינע אַלע אַרבייט און טהעטיגקייט שאַפען איהם פערגניגען — דאַן וועט דער מענש זיין פערנינפטיגער, גע־זונדער, מעהר ציוויליזירט און מעהר מענש. פערגניגען איז די נאַטורס פראָבע: איהר סימן פון צושטימונג. ווען דער מענש איז גליקליך, איז ער אין האַרמאָניע, אין איינשטימונג, מיט זיך זעלבסט און מיט זיינע אומשטענדען.

דער נייער אינדיווידואַליזמוס — צו וועמענס גונסטען דער סאָציאַליזמוס אַרבייט, ווילענדיג אָדער ניט ווילענדיג — וועט זיין די פאָלקאָמענע האַרמאָניע. עס וועט זיין דאָס וואָס די גריכען האָ־בען געזוכט, נור אויסער ווי אין געדאַנקען האָבען זיי עס ניט גע־קענט פאָלקאָם בעגרייפען — ווייל זיי האָבען געהאַט שקלאַפען און האָבען זיי געקאָרמעט. עס וועט זיין דאָס וואָס די „רענייס־סאַנס" האָט געזוכט, נור זי האָט עס ניט געקענט פאָלקאָם בעג־רייפען אויסער ווי אין קונסט — ווייל זיי האָבען געהאַט שקלאַ־פען און האָבען זיי געהונגערט.

דער נייער אינדיווידואַליזמוס וועט זיין פאָלשטענדיג, און דורך איהם וועט יעדער מענש ערררייכען זיין פאָלקאָמענהייט. דער נייער

דֶער דִין־תּוֹרָה.

חֲנִינָא בַּעַל־עֲגָלָה האָט גֶעהאַט אַ דִין־תּוֹרָה מִיט דֶער שקאַפֶּע; זי האָט גֶעטַעַנה'ט: נִיעב האָבֶּער װעֶל איך גֶעהן, עֶר — גֶעה, װעֶסט דוּ קרִינגֶען האָבֶּער. דִי בּייטש האָט זִיך אַריין גֶעמִישט. איינמאָל אוּן דאָס צװייטֶע מאָל, בִּיז דִי קלאַטשֶׁע האָט פֶערשװינגֶען אוּן אױסגֶעצױגֶען דִי פִיס...

חֲנִינָא האָט קױם אַהיים גֶעשלֶעפּט דאָס װעֶגעלֶע, פֶערתַּכלִיװעֶט אַ שִׁינדֶער דִי הױט, אוּן עֶר זוּכט זִיך שױן אַ נייַ פֶערד...

קיין גרױס עַגְמַת־נֶפֶשׁ האָט עֶר נִישט דֶערפוּן; עֶר אִיז שױן גֶעװעהנט מִיט אַזױנֶע זאַכֶען — עֶר פלֶעגט קױפֶען נוּר אַזעֶלכֶע פֶערד, מִיט װעֶלכֶע עֶר פלֶעגט האָבֶּען סאַמֶע דִין־תּוֹרָה'ס, פלֶעגט ש ט עֶ נ ד י ג רוּפֶען דִי בּייטש פאַר אַ בּוֹרֵר, אוּן נאָך דֶער בּייטש אִיז דֶער שִׁינדֶער. מַעֲשִׂים בְּכָל יוֹם!

דֶער קרוּג טראָגט אָבֶּער אַזױ לאַנג װאַסֶער, בִּיז עֶר בּלייבּט אָהן אױעֶרֶען, אוּן קױם האָט חֲנִינָא אַרױסגֶעשִׁיקט דעֶם שִׁינדֶער נאָך דֶער פֶעל, פֶערגלייסט עֶר דִי אױגֶען, פאַלט אַרוּנטֶער מִיט'ן קאָפּ, פוּן מױל שפּריצט פּיעֶנֶע — עֶר האָט דעֶם „שלאַג“ גֶעקראָגֶען!

דאָס װייבּ מִיט דִי קִינדֶער ראַטעֶװעֶן; עֶר מאַכט אַװעֶק מִיט דֶער האַנד. עֶר פִיהלט, אַז עֶס אִיז זיין עֶק...

פאַר דֶער גְסִיסָה אִיז עֶר אַבִּיסעֶל צוּ זִיך גֶעקוּמֶען אוּן גֶעזאָגט אַז דִי שקאַפֶּע רוּפט אִיהם צוּם בֵּית־דִין שֶׁל מַעְלָה. —

קיין גרױסֶע מוֹרָא דֶערפאַר האָט עֶר נ י ש ט.

חֲנִינָא אִיז גֶעװעֶזֶען אַ שטִיקעֶל בָּקִי אִין מִשְׁפָּטִים! —

דוּרכפאָהרעֶנדִיג נעֶבֶּען אַ סטױג היי צוּ אַ פֶעלד מִיט קאָנִיצִינֶע, פלֶעגט עֶר שטעֶנדִיג, מ'כְּלוֹמֶר'שט, איינדרימלֶען, דאָס הוּנגעֶרִינֶע פֶערד זאָל בּאַלד אַראָב אִין אַ זייט אוּן אוּנטעֶרלֶעהנֶען זִיך מִיט פֶר עֶמדֶער

פראַצע, דאָס דרימלען בְּשַׁעַת הַכּוֹשֶׁר האָט איהם נישט איינמאָל גערפיהרט אין סאַנד אַריין, נור ער האָט זיך שטענדיג אויסגעדרעהט.

זיין צושפרונג צו דער פַּרְנָסָה איז געווען מעקלעריי ביי אַדוואָ־קאַטען. נו, אביסעל האָט ער געגאַשט און אביסעל איז ער געוואָהר געוואָרען, אז די גאַנצע מַעֲשֶׂה איז חוזק; פאַר'ן ערנסטען פאַל, האָט ער געוואוסט, איז פערהאַן אַ פְּשָׁרָה!

דערוויל האָט ער מיטגענומען פאַרשוינען!...

אז דעם סאַנד איז שוין נִמְאָס געוואָרען דאָס דרימלען בְּשַׁעַת הַכּוֹשֶׁר, און דער צַד שֶׁכְּנֶגְדּוֹ האָט פערלאַנגט שרפ״ט פאַר דער פְּשָׁרָה, איז ער בֶּאֱמֶת אָבגעזעסען אַ צייט, האָט ער זיך בֶּאֱמֶת אויסגערוהט די ביינער, האָט זיין זוהן געמוזט זיך צוגעוועהנען צו דער מְלָאכָה! טאַקי אַ שאָד בִּטּוּל תּוֹרָה (זיין זוהן האָט געלערנט אין אַ חֵדֶר), נור סיי ווי סיי — געוועהנט איז ער געוואָרען מיט מִשְׁפָּטִים; קיין מוֹרָא האָט ער נישט געהאַט! מיט'ן ווייב וויל ער דערפון נישט רעדען, וואָס ווייסט אַ יודענע? נור דעם נוֹשְׂאִים־מאַן זאָגט ער: איך הער זי ווי די קאַץ! איך וועל מאַכען אַ בעסערען אָטוואָד פאַר פלוידערמאַן פיאַניצע! נור אַ שאָד, וואָס איך קאָן אהין נישט מיטנעהמען קיין פאַרשוינען...

גיט מיר (מאַכט ער שפעטער) האָטש מיט די בייטש, אָהן איהר וועל איך נאָר זיין ווי אָהן אַ האַנד...

פאַר'ן בֵּית־דִין שֶׁל מַעֲלָה.

אונזער חֲנִינָא איז טאַקי באַלד אַרוים מיט איין אָטוואָד; פאַר אַ שקאַפע — זאָגט ער — איז גענוג אַ גמינע סאַנד.

— זעה, חֲנִינָא — זאָגט דער פרעזעס — זאָלסט געוועזען שַׁבָּת וועניגער שלאָפען און הערען בעסער די סֶדְרָא אין שוהל'כ'יל וואָלסט דו געוואוסט, אז אַ שׁוֹר הַנִּסְקָל געהער אויך צו'ם סַנְהֶדְרִין!

— עט — האַקט איבער חֲנִינָא — אין שוּהל'כיל האָט מען נישט די סֶדְרָא, נור אַלְשִׁיךְ, געלערענט! קיין מוֹסָר בין איך נישט געקומען הערען, און דעם אָטוואָד — בין איך מוֹדֶה — האָב איך גע־מאַכט נור פאַר שוענקייט וועגען, איך זאָג מיך פונ'עם אָב!

דער בֵּית־דִין גיט דער שקאַפע דאָס וואָרט.

עס הערט זיך א יעמערליך געוויין:

— ער האט מיך דער׳הרג׳ט, מיט דער בייטש דאס לעצטע ביסעל כּח פון לייב ארויסגעיאגט. —

נור חנינא לאזט נישט רעדען. — „די שקאפּע — שרייט ער— איז דאך מײַן! איך האב זי פון שינדער דאך מציל געוועזען; מען האט זי לעבענדיגערהייט געוואלט פּטור ווערען! א שינדער האט 2 רובל געגעבען און איך האב א צענערעל מוסיף געוועזען... און געיאגט האב איך זי אויך נור פאר איהר טובה וועגען... אין דער הײם וואלט איך איהר א היי געוויזען, נישט פון סדור׳ל... וויצעלט ער.

— נור כּח, וואו נעהמט מען כּח? — צוניעסט זיך די שקאפּע.

— איך פערשטעה נישט — בייזערט זיך חנינא — ווער דען האט כּח? איך האב כּח? איך האב נור צו שאפּען! און אהן א בייטש וואלסט דו געגאנגען? און א טריט געמאכט וואלסט דו יא? ווי קאן זיין א בעל־עגלה אהן א בייטש?

דאס בית־דין של מעלה קלערט א ווײַלע און גיט ארויס א פּסק.

— „אזוי ווי דאס בית־דין קאן נישט משנה זיין סדרי בראשית... און לויט סדרי בראשית מאכט קיין פערד קיין טריט נישט כּמעט אהן א בעל־עגלה, מוז בשעת הדחק דעריבער זיין א „בייטש“; נור פון צווייטען צד—ווייל כּל זמן אז פערד זענען פערד, איז פארט א יושר גדול, אז עס זאל זיין מעהר רחמנות צווישען די „צדדים“ על כּן —

זאלען ביידע צוריק מגולגל ווערען אויף יענער וועלט“.

„חנינא זאל אריין אין א שקאפּע און די שקאפּע זאל ווערען א בעל־עגלה“!

מיט דער צייט, הייסט עס, וועלען זיי זיך אויסגלייכען און, צייט צו ווארטען פעהלט נישט דעם בית־דין של מעלה! —

אַ שְׁמוּעָה.

עס איז אַ וואַרימער, אֶמֶת־יום־טוב־דיגער טאָג און ר׳ שַׁכְנָא — אַ הויכער דאַרער יוד, אַ שָׂרִיד וּפָלִיט פון די אַלטע קאָצקער — און ר׳ זָרַח, אויך אַ דאַרער, נור אַ קליין־געוואַקסענער יוד, אַ נִשְׁאָר פון די אַלטע בעלזער — לאָזען זיך אונטער דער שטאָדט אַרויס שפּאַציערען. יונגערהייט, זענען זיי זיך שׂוֹנְאִים געוועזען, שׂוֹנְאִים אויף טויט און לעבען. ר׳ שַׁכְנָא האָט געפיהרט די קאָצקער געגען די בעלזער און ר׳ זָרַח — די בעלזער געגען די קאָצקער! היינט, אויף דער עלטער, אַז די קאָצקער זענען געוואָרען „נישט דאָס וואָס אַ מאָל", און די בעלזער האָבען פערלאָרען דעם ברען, האָבען זיי זיך ביידע אָבגעטהיילט פון די חֲבֵרוֹת, זענען זיי ביידע אַרויס פון די שטיבליך, וואו שוואַכערע חֲסִידִים, נור יונגערע און שטאַרקערע לייט האָבען איבערגענומען די הַנְהָגָה.

אין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, ווינטער ביים אויווען, האָבען זיי שָׁלוֹם געמאַכט; און הײנט, חול־הַמּוֹעֵד פֶּסַח, ביים ערשטען שענעם טאָג, געהען זיי ביידע שפּאַציערען.

די זון שיינט אויף אַ ווייט בלויען הימעל. פון דער ערד רייסען זיך אַרויס די גרעזליך; מען זעהט מַמָּשׁ בְּחוּשׁ, ווי אַ מַלְאָךְ שטעהט ביי יעדעם גרעזעל און שלאָגט: וואַקס! וואַקס! מַחֲנוֹת פיינעליך צופליהען זיך, זוכענדיג פאַריאָהריגע נעסטען — — און ר׳ שַׁכְנָא מאַכט צו ר׳ זָרַח׳ן:

— קאָצקער, פֿערשטעהסט, — אֱמֶת'עֶ קאָצקער, מיין איך, פֿון די היינטיגע איז נישט כְּדַאי צו רעדען, — נור אֱמֶת עֶ, אַלטע קאָצקער האַלטען גאָר נישט אַזוי שטאַרק פֿון דער הַגָדָה...

— נור פֿון די קניידליך ? — שמייכעלט ר' זֶרַח.

— אויס קניידליך, — ענטפֿערט ר' שַׁכְנָא ערנסט.—לאָך נישט! דו ווייסט דען סוֹד פֿון „לא תַסְגִיר עֶבֶד אֶל אֲדוֹנָיו" ?

— פֿאַר מיר, — זאָגט דער בעלזער מיט אַ שטאָלצער עֲנִיוּות, — איז נִגוּן צו וויסען די כַּוָנוֹת פֿון דאַווענען.

ר' שַׁכְנָא מאַכט זיך נישט הערענדיג און זאָגט ווייטער :

— מֵילָא דער פְּשַׁט איז דאָך פָּשׁוּט : אז עס ענטלויפֿט אַ קנעכט, אַ מְשָׁרֵת, אַ פּוֹעֵל, — טאָר מען איהם, עַל פּי דין תּוֹרָה, נישט חאַפּען, נישט בינדען און נישט איבערגעבען צוריק צום פּריץ, צום בַּעַל הַבַּיִת; מִן הַסְתָם, אז אַ מענש ענטלויפֿט, קאָן ער שוין נישט אויסהאַלטען... איז שוין סַכָּנַת נְפָשׁוֹת! נור דער סוֹד איז אויך גאָר פָּשׁוּט. דער גוּף איז בִּבְחִינַת עֶבֶד, — ער איז אַ קנעכט צו דער נְשָׁמָה! דער גוּף איז אַ בַּעַל תַּאֲוָה, ער זעהט אַ שטיק חֲזִיר, איין אֵשֶׁת אִישׁ, איין עֲבוֹדָה זָרָה, ווייס איך וואָס — שפּרינגט ער פֿון דער הויט אַרויס; זאָגט אָבער די נְשָׁמָה : לא תַעֲשֶׂה! מוז ער שווייגען, און פֿערקעהרט—די נְשָׁמָה וויל אַ מִצְוָה טהון — מוז דער גוּף טהון, מעג ער זיין מיעד, געהַרְג'עט... מוזען די הענד אַרבייטען, די פֿיס לויפֿען, דאָס מויל רעדען... פֿאַר וואָס ? דער פּריץ, די נְשָׁמָה הייסט! און פֿון דעסטוועגען : לא תַסְגִיר! אין גאַנצען איבערגעבען דעם גוּף צו דער נְשָׁמָה טאָר מען אויך נישט. די פֿייערדיגע נְשָׁמָה וואָלט איהם פֿערברענט, אַש פֿון איהם געמאַכט. און, ווען דער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זאָל ווֶעלען נְשָׁמוֹת אָהן גוּפִים, וואָלט ער קיין וועלט נישט בעשאַפֿען! און דעריבער האָט דער גוּף אויך זיינע זְכִיוֹת'ען... „כָּל הַיוֹשֵׁב בְּתַעֲנִית נִקְרָא חוֹטֵא" (דער וואָס פֿאַסט אַ סַך הייסט אַ זינדיגער) — דער גוּף דאַרף עסען! ווער עס וויל פֿאָהרען, מוז

שפּייזען דאָס פֿערד! קומט ווייטער אַ יום־טוב, אַ יוֹמָא דְפַגְרָא — פֿרעה דיך אויך! נעהם אַ קאָפּ בראָנפֿען, פֿרעה דיך, גוף, אויך! און די נְשָׁמָה האָט הֲנָאָה און דער גוף האָט הֲנָאָה; די נְשָׁמָה — פֿון דער בְּרָכָה, דער גוף — פֿון קאָפּ! פֶּסַח, זְמַן חֵרוּתֵנוּ—קום אַהער, גוף, חאַפּ אַ קניידיל! און ער ווערט דאַדורך געהויבען, נתעלה! ער קומט צו שִׂמְחַת מִצְוָה! — אויס קניידליך, ברודער, לאָך נישט!

ר' זֶרַח איז מוֹדֶה, אַז דער עִנְיָן איז טיעף און לאָזט זיך הערען; ער אָבער עסט נישט קיין שְׁרוּיָה!

— האָסט דו הֲנָאָה פֿון מַצּוֹת?..

— ווער האָט מַצּוֹת צו דערזאָט? שמייכעלט ר' זֶרַח, — און גלאָט — וואו נעהמט מען צייהן צו די מַצּוֹת?

— ווי אַזוי דען ביסט דו מְקַיֵּים „וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ“ בְּנוֹגֵעַ צום גוף?

— איך ווייס? אויב ראָזינקע־ווײַן שמעקט איהם — מֵילָא! איך אַליין האָב ווילד הֲנָאָה פֿון דער הַגָדָה, איך זיץ און זאָג, און צעהל די מַכּוֹת, און צעהל, און טאָפּעל זיי, און מאַך נאָך אַמאָל אַ כֵּפֶל...

— מְגוּשָׁם!

— מְגוּשָׁם? פֿאַר אַזוי פֿיעל צָרוֹת און עִנּוּיִים קָשִׁים... פֿאַר אַזוי לאַנג גָלוּת־הַשְׁכִינָה? איך מיין, מען דאַרף מאַכען אַ מִנְהָג, מען זאָל זאָגען זיעבען מאָל די מַכּוֹת, 7 מאָל שְׁפוֹךְ חֲמָתְךָ! דער עִיקָר — די מַכּוֹת, מְחַיָה בין איך מיך מיט זיי! איך וואָלט נאָך געוואָלט עפּענען די טהיר ביי די מַכּוֹת... זאָלען זיי הערען! וואָס האָב איך מוֹרָא? — זיי פֿערשטעהען דען לָשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ?

ר' שַׁכְנָא שווייגט אַ ווײַלע, דערנאָך דערצעהלט ער כְּהַאי לִישְׁנָא:

— הערסטו, ביי אונז האָט זיך געטראָפֿען אַזאַ מַעֲשֶׂה! איך זאָל נישט זאָגען קיין גוּזְמָא, אֶפְשָׁר אין צעהנטען הויז פֿון רַבִּין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, האָט געוואוינט אַ קַצָב, איך זאָל נישט זינדיגען מיט די רֵעָה, — ער איז שוין אויפֿ'ן עוֹלָם אֱמֶת, — אַ מְגוּשָׁמ'ער קַצָב, אַ קַצָב שֶׁבְּקַצָּבִים! אַ קאַרק ווי אַ שטיער־אָקס, ברעמען ווי די באַרשטען און הענד ווי די

קלעצער! היינט — אַ קול! אַז ער רעדט, דאַכט זיך, עס דונערט פֿון ווייטען, חַיִל שיעסט! ער איז, דאַכט זיך, אַ בעלזער חָסִיד געוועזען.

— נו, נו... ברומט ר' זֶרַח.

— כ'לעבען ענטפֿערט ר' שַׁכְנָא קאַלט-בלוטיג, ער פֿלעגט דאַווענען מיט מְשׁוּנֶה-ווילדע הֲוָיוֹת, מיט אַלערליי איבער-קולות און אונטער קולות. ביי זיין „תִּזְכְּרוּ", האָט זיך געדאַכט, אַז מען שפּריצט מיט וואַסער אויף פֿייער!

— מוֹחֵל, מוֹחֵל!

— היינט, ווי דיך מְיַשֵּׁעַר, וואָס פֿאַר אַ מְהוּמָה עס ווערט, אַ אַזאַ בָּחוּר זעצט זיך צו דער הַגָּדָה!... מען הערט יעדעס וואָרט ביי'ם רַבִּין אין שטוב! מֵילָא — אַ קַצָּב זעצט ער ווי אַ קַצָּב; לאַכט מען אַרום טיש. דער רַבִּי, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, — קוים קוים, וואָס ער ריהרט מיט די ליפּען; מען זעהט דאָך בחוש, אַז ער שמייכעלט... שפּעטער אָבער, אַז דער „חָתָן דְּנַן" האָט אָנגעהויבען צעהלען די מַכּוֹת, אַז זיי האָבען איהם אָנגעהויבען אַרויספֿליהען פֿון מויל ווי די קוילען, און ער זעצט נאָך דערביי אין טיש אַריין ווי מיט אַ האַמער, אַז מען הערט ווי די כּוֹסוֹת קלינגען, — איז דער רַבִּי, זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אַריינגעפֿאַלען אין איין אומעט, אין־עַצְבוּת...

— אין עַצְבוּת — יום טוב — פֶּסַח, וואָס רעדסט דו?

— מען האָט איהם טאַקי געפֿרעגט!

— און וואָס האָט ער געענטפֿערט?

— דער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אַליין — האָט ער געזאָגט — איז ביי יְצִיאַת מִצְרַיִם אַריינגעפֿאַלען אין עַצְבוּת! — —

— וואו האָט ער עס גענומען?

— אַ מִדְרָשׁ! אַז די בְּנֵי יִשְׂרָאֵל זענען אַריבער איבערן יַם, אַז דאָס וואַסער האָט פֿערדעקט און פֿערטרונקען פַּרְעֹה וְכָל חֵילוֹ, האָבען די מַלְאָכִים אָנגעהויבען זאָגען שִׁירָה. שְׂרָפִים וְאוֹפַנִּים זענען זיך צו־פֿלויגען אין אַלע זיעבען הימעל מיט אַ זֶמֶר, מיט אַ בְּשׂוֹרָה טוֹבָה! אַלע

כּוֹכָבים וּמַזָלוֹת האָבען אָנגעהױבען זינגען און טאַנצען! און די גַלְגַלִים, — קאָנסט דיר פאָרשטעלען, וואָס פאַר אַ שִׂמְחָה עס איז געוועזען, די טוּמְאָה איז אַײנגעזונקען געוואָרען! נור דער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם האָט אַלע אָבגעשטעלט. פון כִּסֵא הַכָּבוֹד האָט זיך געהערט א קוֹל: מַעֲשֵׂה יָדַי טוֹבְעִים בַּיָם וְאַתֶּם אוֹמְרִים שִׁירָה? מײנע קינדער. טרינקען אין יַם, און איהר פרעהט אײך און זינגט! וואָרום פַּרְעֹה וְכָל חֵילוֹ, — דעם כֹּחַ הַטוּמְאָה אַלײן, האָט אויך גאָט בעשאַפען... וְרַחֲמָיו עַל כָּל מַעֲשָׂיו, כְּתִיב!

— מֵילָא! זיפצט ר׳ זֶרַח. ..

ער שווײגט א ווײלע און דערנאָך פרעגט ער:

— אויב עס איז ווײטער א מִדְרָש, וואָס האָט ער אויפגעטהון?

ר׳ שַׁכְנָא שטעלט זיך אָב און זאָגט ערנסט:

— ערשטענס, בעלזער נאַר, איז קײנער נישט מְחוּיָב מְחַדֵש צו זײן; אֵין מוּקְדָם וּמְאוּחָר בַּתּוֹרָה... דאָס אַלטע איז נײ, דאָס נײע איז אַלט... צווײטענס, האָט ער אונז מְגַלֶה געוועזען דען סוֹד, פאַר וואָס מען לײענט די הַגָדָה, אֲפִילוּ די מַכּוֹת פון דער הַגָדָה, מיט א ט־ױרינגען סִינַי־נִגוּן, וואָס איז טאַקי דורכגענעצט מיט עַצְבוּת. און — דריטענס, האָט ער דערמיט פערטײטשט א פָּסוּק: אַל תִּשְׂמַח יִשְׂרָאֵל אֶל גִיל בָּעַמִים. מְגוּשָׁם, גראָב פרעה זיך נישט! דו ביזט נישט קײן פױער!... נְקָמָה איז נישט קײן יודישע זאַך.

LIBRARY
AUG 1 9 1999
UNIVERSITY OF TORONTO

Presented to the

LIBRARY *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

by

THE MULTICULTURAL HISTORY SOCIETY OF ONTARIO

3 1761 05058634 6

PJ
5129
F69M3
1904
c.1
ROBA